STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10258

# DOS FARLOYRENE SHTETL

Leo Schadach

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לעאָ שאַראַך
# דאָס פארלוירענע שטעטל

הילע: א. פאָך

לעאָ שאַדאַך

# דאָס פֿאַרלוירענע שטעטל

ראָמאַן

פֿאַרלאַג קריטעריאָן
בוקאַרעשט 1986

געווידמעט מיינע אומגעקומענע ברידער און שוועסטער
און דער שארית הפליטה
פון די פארלוירענע שטעטלעך.

ל. ש.

# באקענט זיך מיט מענטשן פונעם אמאָליקן שטעטל

עס איז אייך געווים נישט באקאנט אז איך בין א מענטש וואָס פאַר־מאָגט א סך ירושות. מיינט איר אפשר פאַרמעגנס, שטיבער, גיטער? ניין, חס וחלילה, דאָס זענען גאַנץ אנדערע מין ירושות.

פון מיין פאָטער האָב איך געירשנט מיינע שווארצע אויגן, די געקרויזטע האָר און א מוזיקאַלישן חוש. פון מיין מוטער: דעם נייגער צו וויסן, דעם דראַנג צום לערנען, צום לייענען. פונעם זיידן יחיאל, מיין מאַמעס טאַטע, האָב איך געירשנט די ליבע צו דער נאַטור, צו חיות, פייגל און אנדערע גאָטס באַשעפענישן. דעם זיידן פון טאַטנס־צד און די באָבע פון דער מאַמעס־צד, געדענק איך נישט, אזוי ארום אז איך ווייס נישט וואָס זיי האָבן מיר איבערגעלאָזט. נו, און פון דער באָבע פון דעם טאַטנס צד וועט איר פרעגן? מוז איך אייך זאָגן, אז פון דער באָבע מאַלי־רחל, מיין טאַטנס מאַמע איז מיר טאַקע געבליבן א פיינע ירושה: דאָס פאַרגעניגן צו דערציילן.

אין די לאַנגע ווינטער אָוונטן, פלעגן די שכנים צו אונדז אריינקומען און פאַרגאַפטע אויסהערן דער באָבע מאַלי־רחלס מעשיות, אָדער וואָס זי פלעג לייענען אין דער יידישער צייטונג „אונזער צייט“, וואָס דער פאָטשטאַליאָן פלעג אונדז ברענגען יעדן טאָג. און אז ס'האָט זיך געמאַכט אז די באָבע פלעג זיך אמאָל אריינכאַפּן צו א שכנה נעמען א וואָרט אין מויל אריין, פלעג ביי יענער שטענדיק אויסלויפן די מילך, אָדער צוכאַפּן דער ראָסל...

נאָר „עיקר שכחתי“ — ווי ס'פלעג זאָגן מנשה מלמד — איך האָב אייך פארגעסן צו זאָגן אז איך האָב נאָך א ירושה'לע, נאָר נישט קיין געוויינטלעכס: א ברכה פון א צדיק...

... מיין טאטע ע"ה איז געווען א הייסער חסיד פונעם באָיאנער רבי ז"ל. ביי אונדז אין שטעטל זענען געווען אויך סאדעגערער חסידים, די מערהייט אָבער, זענען געווען באָיאנער. דער טאטע פלעג פאָרן זיך פראווען צום רבי צוויי, דריי מאָל אין יאָר און פארשטענדלעך בעת-צרה: ווען מיין מאמע איז קראנק געוואָרן אויף בויך-טיפוס און געליגן אין שפּיטאָל, אָדער ווען איך בין געליגן אויף סקארלאטינע. געוויס האָט מיין טאטע מער געגלויבט אין רבים ווינטש איידער אין די דאָקטוירים און אין זייערע רפואות. איך בין אלט געווען א יאָר צוועלף — מיר האָבן זיך נאָר וואָס געהאט איבערגעצויגן פונעם דאָרף אין שטעטל אריין, האָט די מאמע געפועלט ביים טאטן ער זאָל מיך מיטנעמען צום באָיאנער. אין יענער נאכט בין איך כמעט נישט געשלאָפן: א קלייניקייט, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן זען א גרויסע שטאָט און דעם באָיאנער רבי. איך האָב זיך אויפגעכאפּט פארטאָג, ווען גאָט אליין איז נאָך געשלאָפן און אויפגעוועקט די עלטערן. מיר האָבן אָנגעטאָן די יום-טובדיקע קליידער. די מאמע האָט אונדז מיטגעגעבן צידה לדרך, זיך אָפּגעזעגנט און געגאנגען.

שייקע בעל-עגלה וואָס האָט אויף אונדז געוואַרט לעבן יונהס קרעטשמע, האָט אונדז באדארפט פירן צו דער באַן. מיר זענען געווען די ערשטע פּאסאזשירן. נאָר באלד זענען געקומען אויך אנדערע. אלע פאָרן זיי צום באָיאנער, און יעדער האָט זיך זיין פעקל... אָט למשל, שלום קצב, ער איז אומעטיק: ס'ווייב איז ביי אים קראנק און א בחור דינט אין מי-ליטער. צי, בערל דער בייגל-בעקער, אמאָל געהאט זיין אייגן בעקעריי, איז ער אראָפּ פון דער מדרגה און ארבעט ביי יאָסל בעקער. זיין געוועזענער שותף איז איצט זיין באלעבאָס. חוץ דעם האָט בערל צוויי בתו-לות, אויף וועלכע די באָבע מאלי-רחל פלעג זאָגן אז זיי וואָלטן שוין פון לאנג געמעגט הערן קלעזמער שפּילן... דאַרף מען פאַר זיי האָבן נדן, פון וואנען-זשע זאָל נעמען בערל נדן, אז ס'איזא קריזיס, וואָס הייסט א קריזיס, דער אייבערשטער זאָל שומר ומציל זיין...

דער לעצטער איז אָנגעקומען הערשל פּראָצענטניק. א קליינער און א גראָבער, האָט ער זיך קוים ארויפגעפּעקלט אויף דער קאָזלע און זיך געזעצט לעבן בעל-עגלה. שייקע האָט א קנאַק געטאָן מיט דער בייטש און די צוויי מאָגערע סוסים האָבן א שלעפּ געטאָן דעם פאיעטאָן, וועלכער האָט סקריפּענדיק און קרעכצנדיק זיך א לאָז געטאָן איבער די איינגעדרי־מלטע געסלעך.

— וואָס זוכט הערשל ביים רבין, וואָס פעלט אים? — האָט געפרעגט דער בייגל-בעקער ביים טאַטן — געזונט איז ער, קאָן קינדער האָט ער נישט, געלט — א ירדן, שינדט א הויט, נעמט צוויי מאות פאַר יעדן טויזנטער ...

— א מענטש האָט גרויסע אויגן, בערל, נאָר דער הימל איז נישט פּוסטע, דער רבונו של-עולם צאָלט יעדן נאָך זיינע מעשים, האָט געענפערט דער טאַטע.

ס'איז געווען א שיינער זומערדיקער פרימאָרגן. די לעצטע שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן אויפן הימל. פון די ארומיקע פעלדער האָבן זיך דערטראָגן מחיהדיקע ריחות. א שטיל ווינטל האָט געצערטלט די גאָלדענע זאנגען וועלכע האָבן זיך געסודעט צווישן זיך און די פייגל פון די ביי־מער האָבן געשפּילט, ווי זיי וואָלטן געווידמעט א סימפאָניע דער דער־וואכטער נאטור. ווייט, ווייט פון מזרח זייט, דאָרט ווו דער הימל באהעפט זיך מיט דער ערד האָט זיך צעפלאַמט א רויטע אויפגייענדיקע זון. צווישן די ביימער האָט זיך באוויזן דער וואָקזאל. מיר זענען אריין אין צוג.

אָנגעקומען אין רבים הויף, האָבן מיר געכאַפּט א קדושה-ברכי אין דאָרטיקן בית-מדרש, דערנאָך האָט דער גבאי אויסגעפילט דעם טאַטן דאָס קוויטל מיט די בקשות און מיר זענען אריין צום רבין.

ער איז געזעסן אויף א שטול ביי א גרויסן טיש. דאָס פּנים איז ביי אים געווען בלאַס און די באָרד שניי ווייס. ער האָט געהאלטן צוגעמאכט די אויגן, און ווען ער האָט זיי געעפנט, האָב איך באמערקט אז זיי זענען בלויע און מילדע. ער האָט לאנגזאם אָנגעטאָן די ברילן, איבערגעלייענט דאָס קוויטל מיט די בקשות און אָנגעווינטשן. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו מיר: „און דיך, מיין זון, בענטש איך מיט דער ברכה: זאָלסט נושא-חן זיין". איך האָב באמערקט אז דער טאַטע האָט נאָך עפּעס גע־

וואָלט זאָגן, נאָר דער רבי האָט אים אויסגעשטרעקט זיין ווייסע האַנט און זיך געזעגנט. מיר האָבן מיט שטילע טריט פאַרלאָזט דאָס צימער.

אהיימצווועגס האָט דער טאַטע ווייניק גערעדט, עפּעס נישט צופרידן געווען. די סיבה האָב איך נישט געוווּסט ביז מיר זענען נישט אהיימגע-קומען. נישט רעכט אריבערגעטרעטן די שוועל, האָט די מאַמע אָנגע-הויבן אויספרעגן: „וואָס און ווי אַזוי, מיט וואָס האָט דער צדיק געבענ-טשט דאָס קינד". דער טאַטע האָט זיך אביסל געקווענקלט און דער-נאָך געזאָגט מיט א הייזעריקלעך קול: „ער האָט אים געבענטשט ער זאָל נושא-חן זיין"... די מאַמע איז ארויס פון די כּלים, זיך אויפגערעגט: „נושא-חן, וואָס פאַר א נושא-חן, ווער מיר נושא-חן? נו, און אריכת-ימים, און הצלחה, און עושר? און... נישט געקאָנט אויסבעטן ביים באַיאַנער א בעסערע ברכה פאַרן קינד"...

דער טאַטע האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשטאַמלט:

„מסתּם ווייסט דאָך דער צדיק בעסער פון אונדז..."

ס'זענען אוועק יאָרן, א סך יאָרן, מער ווי א האַלב יאָרהונדערט די געשיכטע איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. נאָר אַנומעלט בין איך אהיים געקומען פון דער ארבעט און מיין פרוי, וועלכע האָט נאָר וואָס געלייענט מיין ערשטע סקיצע, וואָס איז נישט לאַנג דערשינען, האָט מיר שמייכלדיק א זאָג געטאָן:

— זעסט, ביסט נושא-חן געווען...

נושא-חן געווען... איך האָב אויף א רגע געזען דעם באַיאַנער רבי — כאָטש איך בין קיינמאָל קיין חסיד ניט געווען און איצט אוודאי ניט — זיין בלייך פּנים, זיין שניי-ווייסע באָרד, זיינע בלויע מילדע אויגן און געהערט זיין קול, וואָס איז מיר פאַרבליבן פאַרקריצט אין זכרון: „און דיך מיין זון, בענטש איך מיט דער ברכה: זאָלסט נושא-חן זיין"...

* * *

ביינאַכט האָט געשנייעט און אויפן צווייטן טאָג איז דער שניי זיך צעגאַנגען. א שעמעוודיקע, בלייכע און אויסגעמאַטערטע פונעם לאַנגן ווינטער-גלות, האָט זיך די זון געראַנגלט מיט די וואָלקנס און

געפּרוווט וואַרעמען מיט אירע שטראַלן די מאַמע-ערד. די ביימער מיט זייערע אויסגעדאַרטע צווייגן האָבן ווי אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל געבעטן דער פרילינג זאָל שוין קומען און אָנטון זייער נאַקעטקייט מיט די גרינע שמעקנדיקע מלבושים. לעבן יונהס קרעטשמע איז געשטאַנען שייקעס אַלטע עגלה און די צוויי איינגעשפּאַנטע מאָגערע סוסימלעך האָבן געוואַרט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זיי האָבן געוואַרט זייער בעל-הבית זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין און זיי געבן אַביסל גערשטן — וועמענס טעם זיי האָבן שוין באַלד פאַרגעסן. זיי האָבן אויך שוין באַלד פאַרגעסן דעם וועג צו דער באַן. אַ שווערער ווינטער געווען, אַ ביטערער. אין קרעטשמע איז שייקע בעל-עגלה געזעסן ביי זיין טישל און געדוכנט איבער אַ פערטעלע בראָנפן.

עס, האָט געטראַכט שייקע, די מענטשן זענען שלעכט און זינדיק, למשל הערשל פּראָצענטניק, זאָל זיי דער רבונו של-עולם שטראָפן, אָבער וואָס זענען שולדיק, נעבעך, זיינע פערדלעך, פאַרוואָס דאַרפן זיי אָפּקומען? שייקע האָט צו זיינע פערדלעך דאָס זעלבע געפיל ווי צו זיינע קינדער, און קינדער האָט ער שייקע! קיין עין-הרע, דריי בחורים און אַ טאָכטער. דער מיזיניק איז צוועלף יאָר אַלט, און די טאָכטער באַלד אַכצן. אַ טעכטערל פאַרמאָגט ער שייקע, קען מען אין איר צורה אַריין נישט קוקן, אַ פּרינצעסין... אַ פּרינצעסין. און אַ „גוטן קאָפּ" צום לערנען, האָט ליב אַ סך צו לייענען. שייקע דערמאָנט זיך אַז ווען זיין רחלע האָט געענדיקט די פיר קלאַס פאָלקס-שולע מיט אַ פּרעמיע, האָט אים די לערערין געזאָגט: „שייקע, פאַרשרייב דיין טעכטערל אין גימ-נאַזיע — זי וועט עפּעס דערגרייכן". יאָ, זי וועט דערגרייכן, זיפצט שייקע אָפּ, זי וועט געוויס דערגרייכן אין די הענט פון אַ בעל-עגלה יונג, עפּעס אַנדערש וואָס?

— יונה, דערלאַנג מיר נאָך אַ פערטעלע — און פאַרצייכן אין דיין פּנקס — כ'וועל דיר חלילה גאָרנישט שולדיק בלייבן, בנאמנות, לאָמיך נאָר אָנהייבן פאָרן צו דער באַן.

יונה גיסט אָן דעם געלבלעכן בראָנפן אין א קליין בייביק פלעשעלע און שטעלט עס אוועק אויף שייקעס טישל. אויף שייקעס פנים צעשיינט זיך א שמייכל.

— וואָס איז, שייקע — פרעגט יונה — פרייסט זיך וואָס די זון האָט אָנגעהויבן שיינען?

— ניין, יונה, ס'קומט מיר אוים צו לאכן ווען איך דערמאָן זיך אין דער געשיכטע מיט שלמהלען, זלמן דעם שדכנס סטודענט און זיין חבר. זאָג מיר, יונה, דו קענסט גלויבן אז א מענטש קומט ארוים פון א מאלפע?

יונה איז א רגע שטיין געבליבן און אריינגעקוקט שייקען אין די אויגן אריין: „ווייסט וואָס גוטער ברודער, אויב דו ביסט שיכור, איז גיי לייג זיך שלאָפן".

שייקע האָט זיך צעלאכט, א וויש געטון מיט דער דלאָניע די וואָנצעס און געענפערט: „ניין, יונה, איך בין נישט שיכור, און כ'וועל זיך נישט גיין לייגן שלאָפן, נאָר הער אוים די מעשה:

ווי איך האָב דיר געזאָגט, האָט איך פאַריקן אָסיען געפירט צו דער באן שלמהלע זלמנס מיט זיינעם א חבר. דער וועג איז לאנג, נו, איז ווי געשיקט זיך כאפט מען א שמועס מיט די קונים, מ'קען דען זיצן א שטומער אויף דער קאָזלע. איז וואָסזשע מיינסטו, יונה, טוען די צוויי חברה א זאָג, נישט מער און נישט ווייניקער, אז די מענטשן קומען ארוים פון מאלפעס.

פון מאלפעס, בין איך אין כעס געוואָרן, וואָס הייסט פון מאלפעס? נו, גוט האָב איך געזאָגט: הייסט עס דו שלמה בן זלמן קומסט ארוים פון א מאלפע, איך שייקע, אויך, אָבער דער רב, דער רב אויך ?...

איך האָב געמיינט אז זיי וועלן זאָגן אז דער רב חלילה קומט אויך ארוים פון א מאלפע, וואָלט איך זיי מכבד געווען מיט א פּאָר בייטשן, אז זיי וואָלטן מיך געהאט צו געדענקען... נאָר די צוויי שלעק האָבן געשוויגן און געלאכט. דערנאָך האָבן מיינע סטודענטן גערעדט וועגן דער וועלט און וועגן וועלט זאכן.

הערסט, יונה, וואָס זיי האָבן געזאָגט, זיי האָבן געזאָגט אז די ערד דרייט זיך. נו, וואָס זאָגסטו דערצו, יונה? די ערד דרייט זיך ... פרעג איך א שאלה, ווען זי דרייט זיך וואָלט זיך דאָך דיין קרעטשמע אויך געדרייט, דאָס טישל, האָ? אמת, ס'פּאסירט מיר אמאָל אויך אז ס'דרייט זיך. ווייסט,

פורים, אָדער שמחת־תורה צי אויף א שמחה, אז איך נעם און איבעריק גלעזל, דאכט זיך מיר אז ס'דרייט זיך, נו, דרייט זיך דער קאָפ, אָבער נישט די וועלט. הכלל לאָמיך נישט מאריך זיין, האָבן דערנאָך מיינע סטודענטלעך אָנגעהויבן בארעדן דעם קיסר און די גבירים. הערסט יונה, זיי האָבן בארעדט דעם קיסר וועמען פרויקע חזן בענטשט יעדן שבת אין בית־מדרש מיט „הנותן תשועה למלכים". וואָס האָבן זיי מיטן קיסר ווייס איך ניט. דער קיסר איז דאָך א געזאלבטער פון גאָט, און אויב אזוי איז ווי זשע מעג מען? און וואָס האָבן זיי צו די נגידים, יונה? זיי טענהן אז די ברידער שאָר, די בעלי־בתים פון דער מיל לעבן אויפן חשבון פון די ארבעטער, זיי ניצן זיי אויס. האָב איך זיי געזאָגט, אז לויט מיין שכל, איז פארקערט, די ארבעטער פארדינען א שטיקל ברויט ביי די ברידער שאָר. האָבן זיי זיך געקאטשעט פאר געלעכטער די סטודענטלעך מיינע. זעסט, יונה, דערפאר איז נישט גוט אויף דער וועלט, דערפאר איז געווען א קאלטער זומער און א לאנגער ווינטער. און איצט איז א יקרות, ס'ברענט, מיינע פערדלעך הונגערן און איך לעבן זיי. דעם רבונו של־עולם דארף מען נישט דערצערענען".

שייקע האָט א זופ געטון פונעם בייכיקן פלעשעלע און זיך ווידער פארטראכט אין זיינע רעיונות. נאָר דאָ האָט זיך די טיר געעפנט און אין קרעטשמע האָט זיך ארייגגעשטעלט גדליה בעל־עגלה, מע פלעגט אים רופן „גדליה ממזר".

— א גוטן, שייקע, וואָס טוסטו?

שייקע האָט עפעס א מורמעל געטאָן אין דער באָרד אריין.

— וואָסזשע, ביסט געבליבן אָן לשון, שייקע? האָט זיך גדליה געבייזערט.

— ווייסט וואָס ממזר, גיי דיר דיין וועגס און לאָז מיך צורו.

— איך ווייס אז ביסט גרויס און שטארק, נאָר איך האָב פאר דיר קיין מורא.

— זע ווער ס'רעדט — האָט שייקע געלאכט — דו אויסגעווייקטער הערינג, דו! ביזט דאָך אפילו קיין לייטישער בעל־עגלה.

— וואָס הייסט איך בין נישט קיין לייטישער בעל־עגלה, האָט זיך געקאָכט גדליה, איך האָב מיין פאעטאָן, מיינע פערד און מיינע קונים.

שייקע האָט פאַרזשמורעט די אויגן, זיך געגלעט די רויטע באָרד און געענטפערט:

— איך בין אַ בעל־עגלה בן בעל־עגלה, אָבער דו וואָס?

גדליה האָט זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן, דערנאָך האָט ער געשטאַמלט:

— יאָ, נו, איז וואָס, מיין טאַטע איז געווען אַ וואַסער פירער, אָבער איך דאַנקען גאָט...

שייקע האָט זיך אים נאָכגעקרומט: „דאַנקען גאָט אַהער, דאַנקען גאָט אַהין, ביי מיר ביזטו נישט קיין בעל־עגלה און פאַרטיק געוואָרן. אפי־לו די קונים קלאָגן זיך אויף דיר. למשל בערל דער בייגל־בעקער, האָסט אים געפירט צו דער באַן און שיעור די קישקעס פון בויך אים אַרויסגע־טרעסעט".

גדליה האָט אויפגעהויבן די הענט גלייך ער וואָלט זיך באַדאַרפט פאַרטיידיקן: „וואָזשע, פון וואַנען זאָל איך וויסן אַז בערל איז גע־ברעכט? ... דערנאָך האָט ער פאַרדרייט אַ ציגאַר, אים אָנגעצונדן און פאַרגעזעצט עטוואָס שטילער:

— גוט, שייקע, שטענדיק האָסטו מיך ליב מבייש צו זיין, נאָר איך בין דיר נישט קיין שונא, ווי איך בין אַ ייד אַז כ'בין דיר נישט קיין שונא, איך האָב פשוט געמיינט צוויי יידן בעל־עגלות אין שטעטל, איז אפשר וועלן מיר זיך איינפאַרשטיין מאַכן אַ שטיקל שותפות...

— שותפות מיט דיר? איז רויט געוואָרן שייקע, קיינמאָל אין לעבן. כ'האָב דיר שוין געזאָגט גדליה, ביי מיר ביסטו נישט קיין בעל־עגלה און אַ סוף.

אַ פּאָר מינוט איז שטיל געוואָרן און גדליה האָט געוואַרט ס'זאָל פאַרבייגיין דער שטורעם, און דערנאָך אָנגעהויבן מיט אַ הייזעריק קול:

— גוט, שייקע, קיין שותפים וועלן מיר נישט זיין, אָבער אפשר וועלן מיר זיין... ווייסט וואָס, כ'מיין, כ'מיין, האָט גדליה זיך פאַרהיקעט...

ווייסט אונזערע קינדער, מיין בערטשיק, דיין רחלע...

שייקע האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען נאָענט צו גדליהן און אים אָנגעכאַפּט ביים לאַץ פונעם ראָק:

— אהא, ממזר! אַט דאָס איז די מעשה, און איך שייקע און אַלט פערד זע נישט ווי די פאַרקערעוועוועסט גאַר. ניין, גדליה, איך וועל זיך מיט דיר נישט משדך זיין און שלאָג עס דיר ארוים פונעם קאָפּ.

— די קינדער האָבן זיך ליב, האָט געשטאַמלט גדליה.

— ליב, שמיב, פוסטע מעשיות — האָט זיך שייקע געקאָכט, מיין רחלע איז קוים אכצן יאָר אַלט, דיין תכשיט האָט נאָך נישט קיין סמני נערות, נישט אָפּגעדינט אין מיליטער אפילו, און חוץ דעם וואָס טויג מיר אַן איידעם וואָס רעדט אנטקעגן דעם קיסר, ווי מאָרגן גייט ער זיצן אין די הויכע פענצטער...

גדליה האָט זיך געריבן די הענט און זיך נישט געלאָזט:

— מיין בערטשיק איז א געלערנטער בחור, ער האָט געלערנט אין גימנאזיע.

— אין גימנאזיע האָט זיך נאָכגעקרומט שייקע, האָט מען אים דאָך געגעבן דעם וועג, ווייל ער האָט „אידעיעס". הער אוים א געשיכטע ווער ס'האָט „אידייעס". א פוסטעפּאסניק, א זינדל פון א בעל-עגלה, וואָס איז אפילו קיין לייטישער בעל—עגלה נישט. און וואָס האָט ער מיט די גבי־רים, דיין בן-יחיד, האַ? וואָס האָט ער מיט די גבירים? וואָס קאָן איך האָבן, למשל, מיט די ברידער שאָר? זיי מיט זייער מיל, איך מיט מיינע סוסים. זיי האָבן זייערע דאגות, און איך — מיינע. יעדער מיט זיין מזל, איעדן ווי ס'איז אים באשערט. ניין? זאָג מיר נאָר, דיין בערטשיק—שמער־טשיק האָט נישט געלערנט אין זיינע ספרים אז די מענטשן קומען ארוים פון מאַלפּעס? אוודאי מיינט ער אזוי. זיי אָבער ווייסן אז נישט אַלע מענ־טשן קומען ארוים פון מאַלפּעס. דו, אפשר יאָ, אויף דיר זעט מען טאקע... מאיר-וואָלף טרעגער אויך, איך אָבער ברידער לעבן, ניין! אזוי ארום אז...

שייקע האָט נישט פאַרענדיקט דאָס וואָרט, די טיר האָט זיך גע־עפנט און בתיה איז אריין אין שענק. שייקען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך אָבער אומזיסט דערשראָקן פאַר זיין ווייב. בתיה האָט אָפּגעמאָסטן מיטן בליק איר מאַן, דערנאָך גדליהן און מיט אַן אומ־דערוואַרטעט מילדער קול זיך געווענדעט צו ביידע:

— ווידער זיך געקריגט, א בושה און א חרפּה און פונקט ערב-שבת, שבת ראש חודש אדר, האַ? מאכט בעסער שלום און גיט אייך אָפּ מזל-טוב.

שייקע האָט זי אָנגעקוקט א צעדולטער: מזל־טוב, וואָס פאַר א מזל־טוב, בתיה?

— מזל־טוב, מזל־טוב, שייקע, דיין פרינצעסין איז אנטלאָפן.

שייקען האָט א זעץ געטון דאָס בלוט אין פּנים: — אנטלאָפן? אנט־לאָפן רחלע? צו וועמען?

— צו וועמען? נישט שווער צו טרעפן, שייקע, צו איר פּרינץ צו בערט־שיקן, צו גדליהס בן־יחיד. וואָסי ס׳שטייט דיר נישט אָן? ..

שייקע האָט זיך אויפגעהויבן און צוזאמענגעדריקט זיינע פויסטן ווי צוויי שטיינער, נאָר בתיה האָט אים בארויקט מיט עטלעכע ווערטער:

— אָן רציחה, שייקע, בלאָז זיך מיר נישט ווי א הינדיק. זעץ זיך אוועק און מזל־טוב — מיט מזל זאָלסטו מיר לעבן.

— מזל־טוב, האָט שייקע געשטאמלט.

— מזל־טוב האָט ווי א ווידערקול געענפערט גדליה.

— מזל־טוב און תענוג און נחת פון די קינדער — איז יונה דער שענקער ארוים מיט א פלאַש משקה.: — ווי זאָגט מען „משנכנס אדר מרבין בשמחה”, און אזוי איז עס טאקע. לחיים...

שייקע האָט זיך געביסן די באָרד און געטראַכט:

„שולדיק דערינען זענען נאָר די ביכער, נאָר די ביכער. צופיל האָט זי געלייענט רחלע, נאָר די ביכער זענען שולדיק — ברענען זאָל זיי א פייער...”

* * *

ווען זלמן שדכן איז אריינגעקומען צו אונדז, האָב איך געהאט א שווער פאַרגעפיל. אַט דאָס געפאַקטע יידל מיט זיין קיילעכדיק פּנים, מיט זיין קורץ געשוירן שווארץ, אביסל באַזילבערט בערדל, מיט זיינע גרויסע קארע אויגן, וואָס האָבן ארויסגעקוקט פון די געדיכטע ברעמען, פלעג שאַפן א געפיל פון צוטרוי. חוץ דעם, האָב איך אויף אים געהאט מיטלייד, זינט די צרה מיט זיין זון. דאָס מאָל אָבער, איז מיר זלמן פאַר־געקומען עפּעס פרעמד, און זיינע גרויסע קארע אויגן — האָט זיך מיר אויסגעדאַכט—קוקן מיט חשד. מיין קינדערישער אינסטינקט, האָט מיר

אונטערגעזאָגט, אז זלמן שדכן איז געקומען וועגן פערעלען, מיין שיינע מומע פערעלע, דער מאַמעס יונגסטע שוועסטער.

ס'איז געווען אין א שבת אויפדערנאַכט, נאָך ימים נוראים. זלמן שדכן איז אריינגעקומען, געווינטשן א גוטע וואָך, א געזונטע וואָך, מיט הצלחה, זיך אוועקגעזעצט, פאַרדרייט א גראָבן ציגאַר, אים אָנגעצונדן ביים גלעזל פונעם לאָמפּ, און א פרעג געטון: „ווו איז ערגעץ אייער פערעלע?" — „ארויסגעגאַנגען אביסל שפּאַצירן מיט די חברטעס — האָט געענטפערט מיין מאַמע. טרינקט ביי אונז א גלעזל טיי, ר' זלמן".

ס'האָט מיר א זעץ געטון אין האַרצן — אָט אזוי — מיין אינסטינקט האָט מיך נישט אָפּגענאַרט — ער איז געקומען פאַרשלייערן מיין פערעלע, זי צונעמען ביי מיר. און אז זלמן שדכן האָט זיך אויף עפּעס פאַרלייגט, האָט יעדער געוווסט אז ער וועט זיינס אויספירן. זלמן איז נישט דאָס גאַנצע לעבן זיינס געווען א שדכן, נאָר זיין גאַנץ לעבן האָט ער געלעבט שווער. זיין פאָטער איז געווען א קירזשנער, כ'מיין א לאָטייניק. א גאַנצע וואָך פלעג ער ארומגיין איבער די דערפער, לאַטען פויערישע פעלצן, און אהיימקומען אויף שבת מיט א זעקל שפּייז אויף די פּלייצעס. אז זלמן האָט זיך אביסל אונטערגעכאַפּט פלעג ער באַגלייטן זיין פאָטער, צוהעלפן צו דער פרנסה. שפּעטער איז ער אויסגעוואַקסן א געזונטער שיינער בחור, און די מיידלעך פלעגן זיך ארום אים דרייען, ווי זומער־פייגאַלעך ארום א ליכט..

„ויהי היום", פאַרלויפט זיך א געשיכטע, אז מלכהלע, שלמה־ליפּעס בת יחידה, פאַרליבט זיך אין זלמנען. שלמה ליפּעס איז געווען א ייד א גביר, געהאַט א גרויסע שניט קראָם, אן אָנגעזעענער בעל־בית, א בעל־יחסן, א רבס אן איינִיקל. דאָס שטעטל האָט זיך ממש געוויגט: ס'טייטש מלכהלע שלמה ליפּעס זאָל נעמען פראָים קירזשנערס זון ... ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. האָט מען געשטעלט א חופּה, און זלמן מיט מלכהלען זענען געוואָרן מאַן און ווייב. וויפל דער אלטער שלמה האָט געלעבט, האָט זיך געדרייט דאָס רעדל, זלמן פלעג אים אונטערהעלפן אין קראָם, ווי זאָגט מען: „לעבן א שווערן וואָגן איז גרינגער צופוס צו גיין". אָבער נאָך דעם ווי שלמה ליפּעס האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט אלעס אָנגעהויבן

גיין מיט דער „פוטער אראָפּ". זלמן האָט זיך גענומען צו אַ סך מלאכות, אָבער מיט ווייניק ברכות. אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקתן, און דאָרט ווי ס'איז נישטאָ קיין שלום בית, ווייסט מען דאָך, אַז קיין גוטס קומט נישט ארויס. „אויף וואָס מלכהלע שלמה ליפּעס איז איבערגעקומען" — האָבן זיך געשושקעט די ווייבער אויפן מאַרק — „גענומען אויף באָרג ביי חנה בן-ציונס-צוויי הערינגעס אויף שבת". דאָס אַלעס האָט מיר דער-ציילט די מאַמע און מיין באָבע. סוף כל סוף איז זלמן געוואָרן אַ שדכן. „אוי, די יידישע פּרנסות, מישטיינסגעזאָגט" פלעג אָפּקרעכצן, שאָקלענ-דיק מיטן קאָפּ די באָבע מאַלי-רחל.

מלכהלע האָט געבוירן דריי קינדער: צוויי מיידלעך, און אַ יינגעל — שלמהלע — נאָכן זיידע שלמה. שלמהלע איז געווען ענלעך צו זיין פאָטער ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. עלטערע מענטשן פלעגן זאָגן אַז ער איז אויך ענלעך צו זיין זיידן. שלמהלע איז געווען אַ בחור, אַ ליכט, הויך און ברייט — פלייצעדיק, מיט אַ פּאָר גרויסע קאַרע פינקעלדיקע אויגן, און מיט אַ קאָדלע געלאָקטע האָר אויפן קאָפּ. ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע, געווען פון די בעסטע שילער. ער איז אויך אַמאָל געגאַנגען אין חדר, און מנשה מלמד פלעג זיך שניידן די פינגער נאָך אים. „ער האָט זיין זיידע שלמהס קאָפּ" פלעג ער זאָגן. שלמהלע פלעג האָפּט אריינקומען צו אונדז, אייגענטלעך פלעג ער קומען צו פערעלען... איך בין געווען נאָך אַ קינד, פלעג איך זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, און אויף זיי קוקן. איך בין געווען אַביסעלע אייפערזיכטיק... אָבער ס'אַרא שיין פּאָרל דאָס איז געווען. פערעלע איז געווען צאַרט און שלאַנק. אירע טונקעלע האָר געפלאָכטענע אין צוויי שווערע צעפּ, פלעגן פאַלן איבער אירע אַקסלען. זי האָט געהאַט אַ ווייס פּנים, רויטע פולבלעכע ליפּן, און צוויי אויגן ווי צוויי לייכטנדע שטערן. באַצויבערט פון אָט דעם פּאָרל, פלעג איך זיי נאָכגייען, נאָכשפּירן... אין די זייטיקע אַלעען פונעם פּאַרק, אָדער ביים טייך, נעבן די ווינט-מילן. זיי פלעגן שפּאַצירן האַלטנדיק זיך ביי די הענט.

מיין מומע פערעלע איז געווען אַ יתומה. די באָבע רייזל מיין מאַמעס מאַמע איז געשטאָרבן אין יאָר פון מיין געבוירן. אין עטלעכע יאָר ארום, איז אַוועק אויפן עולם-האמת אויך דער זיידע יחיאל. מיין זיידע יחיאל

איז געווען א ייד א גבר. איך פלעג אים פארגלייכן מיט שמשון הגיבור. איך געדענק ווי ער פלעג מיך מיט איין האנט אויפהייבן אין דער לופטן און איך פלעג זיך שפילן מיט זיין צעשויבערטער באָרד. ער איז אויף אמאָל קראנק געוואָרן. פראָים פעלדשער האָט אים געשטעלט באנקעס, געשטעלט פיאווקעס, מ'האָט אים עטלעכע מאָל געמאכט א מי שברך אין דער „בלעכערישער" שיל, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער זיידע יחיאל האָט געהאט א גרויסע לויה. דאָס גאנצע שטעטל איז געגאנגען אים באגלייטן אויף זיין לעצטן וועג. אפילו די אלטע איטע, האָט זיך נאָכגעשלעפט אָנגעשפארט אין א שטעקן, און געמורמעלט: „אזא זכות געהאט דער יחיאל, צו שטארבן חודש ניסן, איך האָב אזא זכות נישט געקענט האָבן"... איז געבליבן די מיזינקע פערעלע א קיילעכיקע יתומה. אויסגעוואקסן איז זי ביי אונדז. מיין מאמע איז פאר איר געווען סיי א שוועסטער, סיי א מאמע, און איך ווי אירס א קליין ברידערל.

... פארלויפט זיך א געשיכטע, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל. אין א נאכט האָט מען ארעסטירט שלמהלען מיט נאָך עטלעכע יונגען־טלעכע. „זיי האָבן זיך עם כשר פארדינט" האָבן אייניקע געטענהט, א ייד דארף זיך נישט מישן, פאָליטיקע האָבן זיי געדארפט?" — „זיי זענען געווען מיטן פאָלק, געוואָלט נעמען בא די גבירים און געבן די אָרימע לייט" — האָבן געטענעט די חברה־לייט פון דער" הינטערשטער גאס". איך האָב אויך געליטן פאר שלמהלען, און ס'האָט מיך וויי געטון דאָס הארץ פאר פערעלעס ליידן. נאָך דער געשיכטע, אין א שבת אויפדערנאכט, איז זיך ביי אונדז צונויפגעקומען די משפחה. האָט מען באשמועסט דאָס פראָבלעם אויפן סדר־היום:

— נו, וואָס זאָגט איר צו דער געשיכטע? האָט געפרעגט דער פעטער מרדכי.

— נייע צייטן — נייע לייטן, האָט געענפערט דער פעטער טעוול

— איין שוועלבעלע וועט דעם פרילינג נישט ברענגען, האָט געזאָגט מיין טאטע.

— דער פרילינג וועט סייווי קומען! האָט אויסגעשריגן פערעלע און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. די צייט איז געגאנ־גען, און פערעלע האָט געווארט אויף שלמהלען. געווארט — און זיך

נישט דערוואַרט. אין שטעטל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז אים איז געלונגען אַנטלויפן און שמוגלען די גרענעץ.

... זלמן שדכן האָט אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלאָז טיי, פאַרדרייט נאָך אַ ציגאַר, זיך געגלעט דאָס בערדל, און פאַרגעזעצט: „הערטס אוים וואָס איך זאָג אייך, איר ווייסט איך בין אייך דאָך חלילה נישט קיין שונא. ראשית, איז יואל משה — אברהמס, אַ פאַרמעגלעכער מענטש, אַ גביר אדיר. והשנית, דער יחוס, עפּעס אַ קלייניקייט, משה-אברהם איז אַ ייד אַ למדן, אין דער גרעסטער נגיד פון אַלע אַרומיקע דערפער. און היינט — ער נעמט זי דאָך ווי זי שטייט און גייט, אָן נדן.. ווייל לאָמיר רעדן צוריקצווועגס, פּערעלע איז אַ יתומה, און איר האָט איר נישט וואָס צו געבן, און אַז אַזאַ מיידל קומט צום אַלעם גרייטן — דאַרפט איר זיך אָנכאַפּן מיט הענט און מיט פיס. איז וואָזשעט איז אַז יואל איז אַביסל עלטער פון איר, ער וועט נישט איינזידן אין באָרשט? ... און פאַרגעסט נישט, אַז די צייט שטייט ניט, און איר ווייסט דאָך ווי ס'איז מיט די מיידלעך: „עובר הזמן איז בטול קרבנות“ ... און נאָך עפּעס וויל איך אייך זאָגן: מיר יידן גלויבן אין אַ זיווג, און אויב ס'אַ זיווג מן השמים, וועט זיך עס צופירן“.

זלמן איז געקומען עטלעכע מאָל צו אונדז. דערנאָך האָט ער געבראַכט יואלן —, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ רויט פּנים, מיט אַ פּאָר גרויסע הענט מיט גראָבע פּויערישע פינגער. ער איז געווען „אַביסל עלטער“ פון פּערעלען — מסתם מיט אַ יאָר צוואַנציק. אין אַ שיינעם טאָג האָט מען ביי אונדז געשריבן תנאים, געבראָכן טעלער, געטרונקען לחיים, און אָפּגעשטעלט זמן חתונה אויף שבת-חנוכה ...

אונטער דער חופּה איז פּערעלע געשטאַנען אַ בלאַסע מיט צונויפגע-קלעמטע ציין. סע איז געווען אַ גרויסע חתונה, און יאָסעלע פידלער מיט זיי-נע קלעזמער, האָבן געשפּילט ווי קיינמאָל. זיי האָבן עס געטון צוליב פּערע-לען, אַלע האָבן זי ליב געהאַט. ביינאַכט איז אויסגעפאַלן אַ שניי. ער האָט איינגעהילט דאָס שטעטל אין אַ ווייסן, ווייכן פּוכיקן מאַנטל. אויפן דריטן טאָג נאָך דער חתונה, זענען צו אונדזער שטיבל פאַרפאָרן צוויי שליטנס. אויף איינעם האָט מען אויפגעלעגט פּערעלעס מלבושים, דאָס בעטגעוואַנט, און אויפן צווייטן האָט זיך אויפגעזעצט דאָס פּאָרפאָלק. דאָס גאַנצע

געסל איז געקומען זיך געזעגענען מיטן פּאָרפּאָלק און זיי אַנווינטשן. נאָר איך בין נישט ארויסגעגאנגען.. איך האָב צוגעדריקט מיין הייסן שטערן צו דער פארפרוירענער שויב. און ווען די שליטנס האָבן סקריפענדיק א ריר געטאָן פון אָרט, האָב איך געפילט א נאָגעניש ביים הארץ, און טרערן האָבן מיר געשטיקט אין האלדז.

מיט דער צייט, איז פערעלע געווינט געוואָרן, זי האָט אויסגעזען אפילו צו זיין צופרידן. דער פעטער יואל איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש, אָבער גליקלעך — דאָס ווייס איך גענוי — איז זי קיינמאָל נישט געווען. אין א יאָר ארום האָט זי געבוירן א מיידעלע, רייזעלע האָט מען איר א נאָמען געגעבן, נאָך דער באָבע רייזל.

... איבערן געטאָ האָט זיך אראָפּגעלאָזט די נאכט. ס'איז געווען פוסט און שטיל, א שווער בית-הקברות שטילקייט. דער שניי האָט זיך געהאט צעגאנגען, און איבער די געסלעך האָבן געגרונען שטינקענדיקע ריטשקעס. איבער די לאגערן און געטאָס האָט מען א סך געשריבן און דערציילט. דער אמת איז אָבער, אז נישט אלץ קאָן באשריבן און דערציילט ווערן. צוריק מיט עטלעכע וואָכן איז מיין פאָטער געשטאָרבן פון טיפוס. די מאמע איז געלעגן אן אויסגעמאטערטע פון קראנקהייט און הונגער. א פארשמאכטער איז געלעגן אויף זיין פריטש אויך דער פעטער יואל. די קליינע רייזעלע איז געווען אין רשות פון א שכנה, ווייל פערעלע האָט געברענט פון פיבער און געקרעכצט. זי איז געלעגן מיט צוגעשלאָסענע אויגן, דאָס פנים בלאס, די ליפּן פארקוילטע. כ'האָב איר באנעצט די ליפּן און געגלעט אירע האָר, וואָס זענען איצט געווען גרוי און שיטער. פערעלע האָט אויפגעעפנט די אויגן, נאָר זי האָט מיך נישט דערקענט, זי האָט אָנגעשטעלט איר פארנעפּלטן בליק ערגעץ ווייט, און אירע פארשמאכטע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: שלמהלע.. שלמהלע...

„... טויטע פארבלייבן יונג". גלייך ווי איך זע פאר די אויגן זיין הויכע, שלאנקע פיגור, זיין שמייכלדיק פנים, זיינע גרויסע קארע ליכטיקע אויגן. פאר דער מלחמה זענען געקומען ידיעות אין שטעטל אז ער

האָט געקעמפט אין שפּאַניע קעגן די פראַנקיסטן, דערנאָך אין פראַנקרייך קעגן די נאַציסשע אָקופּאַנטן, און העלדיש געפאַלן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט.

... ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. א ווייסער נעפּל האָט זיך געצויגן איבערן טייך. ס׳איז געבוירן געוואָרן נאָך א טאָג פון ליידן, הונגער און טרער. א טאָג אין געטאָ... דער פּרילינג האָט אָבער געשמעקט אין דער לופט.

יאָ, ער איז נאָענט, ער וועט קומען...

* * *

ער איז געוועזן הויך און דאַר, מיט א הויקערל אויף דער פּלייצע, מחמת די שווערע משאות וואָס ער האָט געטראָגן א גאַנץ לעבן. און געהאַט האָט ער א פּאָר קאָסע אויגן, וואָס איינס האָט געקוקט קיין הודו, און דאָס צווייטע קיין כוש. פלעגן אים די חברה פון דער „אונטערשטער גאַס" רופן: מאיר-וואָלף דער בלינדער.

„איך ווייס" — פלעג ער זאָגן — „אז מען רופט מיך דער בלינדער, נאָר איך זע בעסער און קלאָרער ווי אַנדערע. איך בין געוועזן אויפן פראָנט, זיך געשלאָגן מיטן קייזער ביזן 18טן יאָר" — און פלעג בשעת-מעשה אויסשטרעקן די רעכטע האַנט ביי וועלכער ס׳האָבן געפעלט צוויי פינגער. „איך בין געוועזן אויף דער מלחמה און געקעמפט קעגן קייזער. און נישט נאָר דאָס. אליין האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, אליין זיך אויסגעלערנט דאַווענען, קיינער האָט מיך נישט געקענט אין זינען האָבן. מיין מאַמע ע׳ה, געדענק איך נישט, מיין פאָטער איז געבליבן אן אלמן מיט זעקס פּיצלעך קינדער"...

א פּאָר יאָר נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט מאיר-וואָלף גע-נומען פאַר א ווייב חייקע די רויטע, גרשון דעם שענקערס אלמנה, מיט צוויי קליינע קינדער. און די חברה פון דער „ניינטער גובערניע" פלעגן טרייבן ליצנות אויף זיין חשבון. שייקע בעל-עגלה פלעג לאַכן: „וואָס האָט ער געמיינט דער טרעגער? ס׳האָט זיך אים געחלומט א קרעטשמאַלע, א שמאַלץ-גרוב, נאָר דאָס שמאַלץ איז אויסגערונען, און מאיר-וואָלף איז געבליבן מיטן גרוב.. ווייל ווער ווייסט ניט וואָס פאַר אן אַנטיקל

ס'איז חייקעלע די רויטע, הכלל, גאָט זיצט אויבן און פאָרט אונטן"...

שייקע און מאיר-וואָלף זענען געווען אויף מעסער שטעך. אנומעלט, פלעג דערציילן שייקע „בין איך געזעסן ביי יונהן אין שענק, געטרונקען א פערטעלע בראָנפן. כ'טו א קוק, מאיר-וואָלף שטעלט זיך אריין און קוקט זיך אוים מיט זיינע קרומע אויגן. זעץ זיך צו, מאיר-וואָלף, זאָג איך, לאָמיר טרינקען לחיים. איך טרינק נישט, ענפערט ער, און גייט זיך אוועק, נו. טראכט איך מיר, איז ניט געטאנצט מיטן בער, אז ער וויל נישט דארף מען נישט. א צווייט מאָל, ס'איז געווען חנוכה, באגעגן איך אים: „מאיר-וואָלף, קום אריין צו מיר, מירן נעמען אביסל משקה, און מיין בתיה האָט געמאכט לאָטקעס מעג מען זיי פארן קיסר שטעלן. דרייט ער מיר אוים זיין פלייצע מיטן הויקער און הולכט זיך אוועק. האָב איך אים געזאָגט: ווייסט וואָס מאיר-וואָלף? קוש מיך דאָרט ווו די יידן האָבן גערוט. שוין יענער תכשיט דער מאיר וואָלף, מאכט זיך פאר א גרויסן קנאקער, א „טיליגענט", לייענט בלעטער, א גרויסער אויפטוער, געפטרט דער שענקערינס ממתקים, און איצט רייסט ער זיך אונטער, ארבעט ביי יענעם, אויפן טאָג"...

מאיר-וואָלפן האָט מען אויך קיין מויל נישט באדארפט לייען:

„איז וואָזשע אז איך בין א טרעגער? ראשית פארדין איך מיר ער-לעך מיין ברויט ווי ס'שטייט געשריבן: „יגיע-כפיך" — וועסט פאר-דינען מיט מי דאָס ברויט — וועסטו נישט וויסן פון קיין נויט. והשנית, בין איך א פרייער מענטש. היינט ארבעט איך אין מיל ביי די ברידער שאָר, מאָרגן ביי יאָסל-בעקער, איבערמאָרגן ערגעץ אנדערש. בע-סער צו טראָגן הונדערט זעק א טאָג, איידער א שווער הארץ. איך בין א פרייער מענטש, איך גלויב אין גאָט און אין גוטע מענטשן, נאָר איך קאָן נישט ליידן די נגידים, איך זאָג עס אָפן אָן מורא, איך האָב מלחמה געהאלטן מיטן קייזער... און מיט אזעלכע באשפעניש ווי שייקע בעל-עגלה צי בערל ממזר וויל איך נישט האָבן צו טון. זיי זענען גראָבע לייט, איר מעגט זען אין שיל ווי זיי קוקן אריין אין סידור, ווי א האָן אין בני-אדם, קאָן מען זיך האלטן ביי די זייטן. מיט מיר איז עפּעס אנ-דערש. אָט למשל ,דעם שבת האָט מען מיר אין דער בלעכערישער שיל געגעבן שישי, געמאכט א מי שברך, בעבור שיתן, האָב איך מנדר גע-

ווען ווי אלע פיינע בעלי-בתים, און היינט ... איך לייען דאָך די צייטונג און כ׳ווייס אלעס וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט״.

יעדן טאָג פלעג מאיר-וואָלף אריינגיין צו מענדלען אין דעביט. מענדל, א בחור מיט א בלאס קרענקלעך פנים, מיט א פּאָר גרויסע אומרואיקע אויגן, איז געווען א יתום, געזעסן איז ער ביי זיין זיידן וואָס האָט געהאלטן א דעביט. מחמת ער איז א גאנצע טאָג געווען פארטיפט אין די בלעטער און זשורנאלן, האָט מען אים גערופן „מענדל דיפּלאָמאט״. מאיר-וואָלף פלעג זיך קויפן א פעקל טאבאק פון צווייטן סאָרט, לאנגזאם פארדרייען א גראָבן ציגאר, נעמען א צייטונג און אריינקוקן: „מענדעלע זונעניו, זעסט אז כ׳בין גערעכט? די מחבלים וועלן אונטערצינדן די וועלט, איך קען זיי, איך געדענק זיי גוט, איך געדענק זיי נאָך פון די צייטן פונעם קייזער״. מענדל פלעג וועלן עפּעס זאָגן, נאָר מאיר-וואָלף פלעג אים איבערשלאָגן: „מענדעלע ליבינקער, ביסט טאקע א דיפּלאָמאט, אָבער ביסט נאָך א קינד, און איך האָב מיטגעמאכט קאלטס און ווארעמס. די ענגלענדער מאכן נאָך א מתנה היטלערן ימח-שמו, ווי איינער רעדט: נעם נאָך א שטיק, אבי לאָז אונדז צורו, מיט אונזער אימפּעריע. זיי רייצן דעם כלב אויף מזרח .. אָבער איך מאיר-וואָלף דער בלינדער, זע קלאָרער פון אָט די ענגלישע לאָרדן. און אז דער כלב וועט זיך אָפּרייסן פון דער קייט, וועט ער חרוב מאכן די וועלט. איך גלויב נישט אין די גרויסע און אין די רייכע, זיי האנדלען נישט ערלעך, זיי זענען צוויי-פּנעווודיקע. אָט נעם למשל אונזער שטעטל: הערשל פּראָצענטניק שינדט די הויט ביי מענטשן, דערנאָך פּאָרט ער צום באָיאנער רבי נאָך א ברכה, און דערמיט מיינט ער אז ער האָט זיך געלייטערט. אָדער די ברידער שאָר, א גאנץ יאָר עסן זיי טריפות, די מיל מאָלט ביי זיי שבת אויך, סע סטייעט זיי דען? מיט די ארבעטער האנדלען זיי ווי מיט בהימות, נאָר יום-כיפור אין שיל קלאָפּן זיי זיך „על-חטא״, און דערמיט מיינען זיי אז זיי זענען אָפּגעקומען די זינד. נאָר דעם רבונו של עולם קען מען נישט אָפּנארן. מיין טאטע ע׳ה איז געווען א קירזשנער, ער פלעג גיין איבער די דערפער לאטען פעלצן. האָט זיך געמאכט אז ער איז געווען אן אורח אויף שבת ביי א דאָרפס-ייד אן ארענדאר, א בעל-גוף. האָט אים מיין טאטע געזאָגט אין א שפּאס אז מע שמועסט משיח וועט קומען, און וועט

אונדז אלע פירן קיין ארץ-ישראל. „קיין ארץ-ישראל“? איז אויפ-געשפרונגען דער ארענדאר. „און וואָס וועל איך טון מיט מיינע בהימות?“

„זעסט מענדל, מיט די נגידים קאָן מען גאָרנישט אויפטון: „מיינע בהימות, מיינע פאבריקן, מיין אימפעריע... אוי קינדער, שווערע צייטן דערלעבט“.

אין א הייסן יולי טאָג פון יאָר 1941, האָבן די פאשיסטישע חיילות פארכאפט אונדזער שטעטל. פון ווייטן האָט מען געהערט דאָס דונערן פון די הארמאטן, אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן וואָלקנס רויך פון די שריפות. די איבערגעבליבענע יידן האָט מען אויסגעשטעלט אין א קאָלאָנע לעבן דער גימנאזיע. א יונגער חוצפהדיקער „עס-עס“ האָט אונדז דורכקאָנטראָלירט און געשטעלט יעדן די זעלבע צוויי פראגן. זיך אָפּ-געשטעלט אנטקעגן מאיר-וואָלפן און אים געפרעגט:

— יודע?

— בערוף?

מאיר-וואָלף האָט אויף אים אויסגעשטעלט זיין שווערן בליק:

— גזלן! שוויין! פאשיסטישער הונט! און אים באשפיגן..

דער „עס-עס“ האָט זיך א רגע פארלוירן. א יודע, א פארשוין פון „א מינדערוווערטיקער ראסע“ זאָל אים אָנטון אזא בושה... ער האָט ארויסגענומען דעם רעוואָלווער, און מאיר-וואָלף איז א פארבלוטיקטער געפאלן צו דער ערד...

ווען די זון האָט מיט אירע לעצטע שטראלן געצערטלט דאָס פארפוי-ניקטע שטעטל, איז א טייל פון דער קאָלאָנע אָנגעקומען צום „פוילן“ טייך, הינטער די ווינט מילן. א קורצער באפעל און א פּאָר הונדערט יידן זענען געפאלן צעשאָסענע דורך די פאשיסטישע רוצחים.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך פארצייכנט אין מיין זשורנאל“:

„מירן קיינמאל נישט פארגעסן די פארשניטענע ברידער,
מירן קיינעם נישט מוחל זיין די מאסן גריבער.
דאָס איז א שבועה — פאר גאָט און פאר לייט,
אן אייביקע שבועה — ווי ס׳איז אייביק די צייט.

* * *

א גערודער די לעצטע צייט ביי אונדז אין שטעטל, ס׳טוט זיך אויף טיש און אויף בענק. מ׳האט געמאָלדן אז ס׳דאַרף אראָפּקומען א טעאַ-טער-טרופּע, צום ערשטן מאָל אין אונדזער שטעטל א יידיש טעאטער. און נישט אבי וואָס פאר א טעאטער, נאָר טאקע סידי טאל מיט איר טרופּע. סידי האָט שוין געהאט א שם און אירע שלאגערס פלעגן זינגען קינד און קייט. דאָס נייעס האָט אויפגערודערט די יידישע גאס און שיעור נישט געבראכט צו א מחלוקת.

ס׳איז געווען חול-המועד סוכות, דער עולם איז נאָך געווען אונ-טערן איינדרוק פון די ימים-נוראים, ראש-השנה און יום-כפור, ביי אלע זענען געווען די נשמות געלייטערט פון די תפילות צום רבונו-של עולם, אלע האָבן געווארט אז גאָט ברוך-הוא זאָל באשטעטיקן דאָס „גוטע קוויטל". דעם „גמר טוב" ...

ס׳איז געווען ערב הושענא-רבא, שמיני-עצרת און שמחת-תורה, הייליקע ליכטיקע טעג מיט וועלכע ס׳שליסן זיך די ימים-טובים, דער גאנצער הייליקער חודש תשרי.

תשרי איז א הארבסט חודש, אמת נאָך פריער הארבסט. די זון וואַ-רעמט נאָך די מאמע ערד, די פעלדער און די סעדער האָבן נאָך נישט אויסגעטאָן זייערע גרינע מלבושים. אָבער די טעג ווערן וואָס אמאָל קורצער, די נעכט וואָס אמאָל קילער, מ׳בענטשט דאָך שוין באלד גשם ... און דאָס דערמאָנט איעדן און איבערהויפּט די אָרימע לייט וואָס האָבן ווי געוויינלעך א סך קינדער אז מע דאַרף אָנגרייטן שפּייז און האָלץ אויפן ווינטער. מע דאַרף זאָרגן וועגן מלבושים און שיך פארן קליינוואַרג, שכר לימוד פאר זיי. די באדערפענישן זענען אזוי גרויס, און דאָ אין מיטן דערינען קומט א טעאטער..

„רבותי, האָט געטענהט שלמה שוחט, דאָ האָט זיך נאָר דער שטן אריינגעמישט פּונקט אצינד, מיר זאָלן אראָפּגעפירט ווערן פונעם דרך-

הישר". מנשה מלמד איז אויך נישט געווען צופרידן: „נער הייתי וגם זקנתי"—האָט ער געטענהט — איך האָב זיך אויסגעלעבט מיינע יאָרן אין שטעטל אָן דער קאָמעדיע, מיר קענען זיך באַגיין אָן איר". אָבער שלמה שוחט, מנשה מלמד און נאָך עטלעכע מתנגדים, זענען געווען א מינדערהייט און אין א שיינעם טאָג האָט מען אין מארק אָנגעקלעפּט אַן אַפיש, אַז שבת אויפדערנאכט וועט סידי טאָל געבן דעם ערשטן ספּעק-טאקל.

א גרויסער ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער איז געווען דער פעטער מר-דכי, מיין טאטנס ברודער. דער פעטער מרדכי איז געווען א „מיטגע-מאכטער מענטש", אויסגעפאָרן א וועלט, אפילו אין אמעריקע איז ער געווען גאַנצע דריי יאָר. אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע איז ער מיר דאכט, אין 1926, געפאָרן איז ער „מאכן" אביסל געלט, נאָר ער האָט ווי מען זאָגט „נישט אָפּגעשאָסן דעם פויגל"...

איך בין נאָך געווען גאָר א קינד, נאָר ס'האָט זיך מיר פארגעדענקט א בריוו פונעם פעטער וואָס איז אָנגעקומען אויף אונדזער אדרעס:

„ס'איז מיר שווער, זייער שווער און ס'בענקט זיך אהיים. דאָ לויפט מען און מען יאָגט, מע בוקט זיך צום עגל-הזהב. ס'איז שווער, איך וואַרט שוין קוים, נאָר איך קאָן דאָך נישט קומען מיט די ליידיקע הענט... מיין דבורהן זאָלט איר נישט דערציילן"...

דער פעטער האָט געבראכט מתנות פון אמעריקע פאַר דער גאנצער משפּחה, און מיר, א קליין פאטעפאָנדל מיט צוויי פּלאטן פון יאָסאלע ראָזענבלאט. דער פעטער מרדכי פלעג דערציילן אַז אין ניו יאָרק האָט ער געזען שפּילן מאלי פּיקאָן און אנדערע בארימטע אקטיאָרן. „איר זאָלט געווען זען מאָרים שווארץ אין דער פּיעסע ,,עלטערן און קינדער" — מע האָט געוויינט און געקליפּעט. איך וואַרט שוין קוים זען וואָס סידי טאָל וועט באַווייזן, איך בין א מבין אויף טעאטער און קען אָפּשאצן א גוטן אקטיאָר".

מיין באָבע מאלי-רחל, א פריילעכע יידענע פלעג אויך נעמען דאָס וואָרט: „איך וואַרט שוין קוים ס'זאָל קומען דאָס טעאַטער, וועל איך טאקע גיין. איין מאָל אין לעבן מעג איך גיין. ווען איך בין אין אמעריקע, וואָלט איך געגאנגען מיט מיין מרדכין זען מאלי פּיקאָן, און ס'וואָלט

זיך טאקע צוגעפּאסט: מאַלי רחל איז געגאַנגען זען מאַלי פּיקאָן... ס׳איז דען אָן עבֿרה צו גיין אין טעאַטער? אַביסל דערפרייען דאָס האַרץ? דאָס לעבן איז אַזוי קורץ, ווי זאָגט מען, „הונדערט און איינס — איז אַלצאיינס...״ מען קאָן דען לעבן נאָר אין דאגות און אין זאָרג? מיר וועלן טאַקע אַלע גיין אין טעאַטער. און שלמה שוחט אַליין וואָלט דען נישט געגאַנגען? נאָר ער איז דאָך טויב ווי אַ שטיק האָלץ... און מנשה מלמד, וועט איר זען אַז ער וועט קומען. ער וועט קומען דער אַלטער צאַפּ... אַזאַ גוט יאָר אויף מיר אַז ער וועט קומען״.

דער אַלטער קינאָ-זאַל איז געווען געפּאַקט מיט עולם. געקומען דאָס גאַנצע שטעטל יונג און אַלט, יומטובדיק אויסגעפּוצט, מיט יום טובֿדיקע פּנימער. די באָבע האָט מיר אַ ווונק געטון; „גיב אַ קוק הינטער אונדז, וועסטו זען דיין מלמד״. אין די הינטערשטע רייען פֿון זאַל איז געזעסן מנשה אין זיין שוואַרצן אָנצוג וואָס ער געהאַט נאָך פֿון זיין חתונה. ער האָט ווי געוויינטלעך זיך געצופּט דאָס בערדל און געהאַלטן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען — גלייך ווי ער וואָלט זיך פֿאַר עמעצן געהיט.

דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן און סידי טאַל איז אַרויס אויף דער בינע. זי האָט געשפּילט דאָס „חזנדל״, מיט פּאות, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן קאָפּ און מיט אַ טליתל אויף די אַקסלען האָט זי פֿאַרגלאָצט אירע חנוודיקע אויגן:

„אוי ווײ גאָטעניו-ביזט אַ גוטער טאַטעניו״..

אַ דונער אַפּלאָדיסמענטן האָט אָפּגעהילכט אין זאַל. דערנאָך האָט זי געשפּילט דעם ראָל פֿון אַ יתומה וואָס די שטיף-מוטער האָט אַרויסגעוואָרפֿן אין גאַס.. אין דרויסן רעגנט, ס׳איז קאַלט, די יתומה ציטערט פֿון קעלט, זי וויינט און זינגט: „כאָטש ס׳גיסט דער רעגן — בין איך פֿון טרערן נאַס..״ און דער עולם וויינט, וויינט מיט טרערן.

סידי טאַל איז אַרויס אויף דער בינע מיט דער טרופּע, אַקאָמפּאַנירט פֿון אָרקעסטער, זינגט דעם באַקאַנטן שלאַגער: „זײַ פֿריילעך״! און דער עולם אַ באַגייסטערטער זינגט נאָך. אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן און אָוואַציעס. דער עולם האָט לאַנג נישט געוואָלט זיך צעשיידן מיטן טעאַטער.

מיר זענען אַרויס פֿון דעם זאַל. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע, דער הימל אַ פֿאַרוואָלקנטער, אָן אַ שטערן. ס׳האָט זיך געזיפּט אַ דינ

רעגנדל, נאָר אויפן הארצן איז געווען אזוי לייכט, אזוי פריילעך, און איך האָב אָנגעהויבן זינגען סידי טאל׳ס „זיי פריילעך״. די מעלאָדיע האָט אונטערגעכאפּט די באָבע, דער טאטע, די מאמע, דער עולם וואָס איז ארוים פון זאל. און אפילו די ביימער האָט זיך מיר געדאכט זינגען מיט אונדז, און דאָס רעגנדל קלאָפּט צו צום טאקט..

איך דאנק דיר סידי טאל, איך דאנק אייך אלע פאר דעם וואונדערבארן אָוונט וואָס איר האָט אונדז געשענקט. איר האָט אונדז באצויבערט, אונדז געמאכט לאכן, וויינען, זיך פרייען, ליידן און האָפן. א דאנק אייך. איך האָב ארומגענומען די באָבע און זי געקושט...

# ניינצן טעג מיט בלעטלעך פון אמאָל

קאַלימאַנעשט, 31 אויגוסט.

ס׳איז מאָדנע, נאָר דער ענדגילטיקער באַשלוס צו שרייבן אַ טאָג בוך מיט דריבנע געשעענישן פונעם טאָג-טעגלעכן לעבן און אויך זכרונות, איז מיר געקומען אין שלאָף. איך בין נעכטן אָנגעקומען אין דעם קוראָרט-שטעטל און אַ מידער, נישט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן, ווייזט אויס „געביטן דאָס געלעגער", ווי מע זאָגט. ערשט פאַרטאָג בין איך אַנדרימלט געוואָרן און געחלומט אַז איך געפין זיך אין מיין געבוירן-שטעטל אויפן ברעג פונעם „גרויסן טייך", פונעם „גייענדיקן וואַסער", (אונדזער שטעטל האָט אויך פאַרמאָגט אַן אַזיערע — „דער פוילער טייך") און קוק ווי זיינע כוואַליעס טראָגן זיך שטילערהייט קיין דרום, און גלייכצייטיק האַלט איך אין איין האַנט אַ העפט, אין דער צווייטער אַ בלייפעדער און שרייב. למען האמת אָבער, מוז איך צוגעבן אַז איך טראָג זיך שוין לאַנג אַרום מיט דעם געדאַנק, און פאַרן קומען אַהער האָבן איך טאַקע אַריינגעלייגט אין רענצל אַלטע פאַרצייכענונגען פון אַ טיילווייז אָפּגעראַטעוועטן אַמאָליקן טאָג בוך.

איך האָב זיך גיך אָנגעטאָן, ס׳איז געווען שפּעט, און אַוועק צום קוואַל נומ. 14, אויסצוטרינקען לויטן דאָקטערס אָנדייט, די 100 גראַם מינעראַל-וואַסער וואָס לויט זיין מיינונג וועט דאַרפן ברענגען כאָטש אַ טייל-ווייזע רפואה פאַר מיין לעבער, וואָס האָט מיר אָנגעהויבן דערקוטשען פון אַ שטיקל צייט אָן. מילא, די ספּאָנדילאָזע איבער וועלכער איך מוז יעדן טאָג נעמען אַ סירקע-באָד, פאַרשטייט איך. ס׳רוב יידן ביי אונדז אין שטעטל פלעגן זיך קלאָגן אַז זיי זענען „געפאַלן אויף די קריזשעס",

ווי מיין פעטער אריה ע׳ה און אנדערע, און פלעגן זיך היילן ביי פּראָים פעלדשער, אָבער וואָס גאָר אין מיטן דערינען די לעבער? ווייזט אויס ווייל כ׳האָב נישט געפאָלגט מיין באָבע מאלי-רחל ע׳ה, זי פלעג זאָגן: „ווילסטו זיין געזונט און לאנג לעבן, זאָלסטו דיר נישט נעמען צום הארצן, זאָלסטו זיין א מענטש מיט „א וויסער לעבער״. האָב איך זי נישט געפאָלגט, בין איך אויף דער עלטער באגלייט פון א „טריאָ״: ספּאָנדילאָזע, א לעבער-מחלה און א בראָנכיט. יאָ, וואָס איז שייך דעם בראָנכיט, מיין איך אז כ׳האָב אים גע׳ירשנט ביי מיין זיידע לייבוש ע׳ה, וועמענס נאָמען איך טראָג. און אפשר איז גאָר דער זיידע לייבוש נישט דער שולדיקער דערין. די באָבע מאלי-רחל האָט מיר דערציילט, אז דער זיידע לייבוש איז אויף די עלטערע יאָרן דעכעוויטשנע* געוואָרן און איז טאקע דערפון געשטאָרבן. „ער איז געווען א געזונטער מענטש-פלעג מיר די באָבע דערציילן ווען מיר האָבן נאָך געוווינט אין דאָרף — „נאָר דער טייך האָט אים געקירצט די יאָרן״.

— וואָס פאר א טייך, באָבע? — האָב איך זי געפרעגט.

— דיין זיידע איז געווען א נאמן ביים אלטן פּריץ פונעם דאָרף. אין יענע צייטן איז דאָס דאָרף געווען זיין אימעניע, זיין אייגנטום, פלעג ער ארומשיקן דעם זיידן איבער פעלדער און איבער וועלדער, פאָר לייבקאָ אהין, פאָר לייבקאָ אהער. ער האָט אויך געהאט אן אָזיערע, א טייך דער פּריץ, ווייסט, וווּ ס׳איז איצט די „פּאנסקע קערנעצע״**, איז אמאָל גע-ווען א טייך מיט פיש. פלעג ער שיקן דעם זיידן צו די פישערס, און ער איז געשטאנען גאנצע טעג אין וואסער מיט פארקאטשעטע הויזן ביז אין דער קני, האָט ער זיך טאקע פארקילט לעולם ועד.

*

האָב איך פּאַוואָליע אויסגעטרונקען דאָס ביטערלעכע וואסער מיט א נאָך ריח און זיך געלאָזט גיין אין קאנטינע נעמען דעם פרישטיק: א

---

* אן אסטמאטיקער

** „דעם פּריצס ברונעם״

טעפּל טיי, א פּלעצעלע פּוטער, א פּלעצעלע קעז און צוויי רעפּטלעך ברויט און זאַלץ.

איינגנטלעך איז דאָס נישט מיין ערשטער פּרווו עפּעס צו שרייבן, שרייבן בכלל—און א טאָג בוך—בפרט. איך דערמאָן זיך אין די פּריע דרייסיקער יאָרן, אין די ערשטע גימנאזיע קלאסן, האָב איך געשריבן „א ראָמאן" פון איבער 200 זייטן. דאָס איז געווען א מיש-מאש פון לירי־זם, עראָטיזם און רעוואָלוציאָנערן שווונג, כאראקטעריסטיש דער יוגנט און דער אטמאָספערע פון יענע יאָרן. איך האָב געשריבן מיין „ראָמאן" אונ־טערן טיפן איינדרוק פון ק. סטערע'ס פילבאנדיקן ראָמאן אין רומעניש „ערב דער רעוואָלוציע", וואָס האָט מיך אינגאנצן פארכאפּט. דער העלד פון מיין „ראָמאן" איז געווען א קאָלעקטיווער — די פּויערים פונעם דאָרף — ווו איך און מיינע עלטערן האָבן געלעבט פון אָנהייב צוואנצי־קער ביזן אָנהייב דרייסיקער יאָרן. פון די פּויערים און פון זייער לעבן האָב איך זיך אינספּירירט אין מיין שרייבן. דער אויסגעטראכטער רע־וואָלוציאָנערער מאָמענט איז באשטאנען אין דער סתירה און אין דעם קאָנפליקט צווישן די פּויערים און אן אָפּגעריבן פּריצ'ל, אן אייניקל פון דעם פּריץ וואָס דער זיידע ליבוש האָט ביי אים געדינט. איינער פון די פּערסאָנאזשן אין מיין „ראָמאן" איז געווען א יידישער בחור — משהלע — מישא — (דאָס האָב איך זיך אליין געמיינט) וואָס האָט געליטן פון דער דיסקרימינאציע לגבי יידן אין יענע יאָרן, און די עראָטישע זייט איז געווען די באהאלטענע, קיינמאָל נישט אויסגעזאָגטע ליבע משהלעס (דאָס הייסט מיינע) צו זינען, דעם שלאנקן שיקסל מיט די בלויע אויגן וואָס האָט מיר פארשאפן א סך שלאָפלאָזע נעכט. א ליבע וועגן וועלכער איך האָב קיינעם, קיינמאָל נישט דערציילט, און וועגן וועלכער זינע האָט אפשר אפילו נישט געוווּסט. אן עכטע, ריינע הייסע, אומשולדיקע ליבע פון אן אומשולדיק דאָרפס-יינגעלע.

אייניקע זכרונות האָב איך פארצייכנט אין געטאָ, ווו איך בין דעפּאָר־טירט געוואָרן איינעם מיט מיין משפחה אין די יאָרן 1941—1944, פון וועלכע ס'זענען פארבליבן עטלעכע, און א האלב אָפּגעסמאליעטן העפט מיט רעשטלעך פון א פארמלחמהדיקן טאָג בוך וואָס איך האָב איבערגעלאָזט ערב דער דעפּאָרטאציע, האָב איך געפונען אויפן בוידעם

פון אונדזער שטיבל, באלד נאָך דער באפרייאונג. און צום שלום, א פּאָעמע און עטלעכע שירים וואָס איך האָב אָנגעשריבן תיכּף נאָך דער באפרייאונג, און וואָס זענען פארלוירן געגאנגען.

מיין ערשטער „ראָמאן“ האָט נישט געהאט קיין גוטן גורל, ער איז פארגעסן געוואָרן, איך האָב אין אים אליין פארגעסן; לייענען אים פאר עמעצן האָב איך זיך געשעמט; און ווען מיינע עלטערן זענען איבערגעפאָרן פונעם דערפל אין שטעטל אריין, ווייל די אנדערע פינף יידישע משפחות זענען זיך צעפאָרן, ווייל קינדער וואקסן אונטער און וואָס פאר א תכלית איז פאר זיי צו בלייבן אין א דאָרף צווישן פינף הונדערט גוים, און אפשר האָבן עפּעס מיינע עלטערן „אָנגעשמעקט“ אז די אויגן רינען מיר אוים נאָך אונדזער שכנים שיקסל זינע, איז מיין שלימזלדיקער כתבֿיד פארלוירן געגאנגען און איך האָב דערפון קליין עגמת נפש געהאט. א טיילוויַיזן בעסערן גורל האָט געהאט איינער פון מיינע טאָג ביכער וואָס איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אין מיט פון די דרייסיקער יאָרן, א טיילוויַיזן, ווייל א פּאָר פון זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון די מענטשן, פון די יידן, אינעם גרויסן אומקום, זיי זענען פארלוירן געגאנגען בשעת די באָמבארדירונגען, און נאָר איינער — ווי איך האָב שוין דערמאָנט — א האלב פארסמאליעטער, האָט על־פּי נס איבערגעלעבט אויפן בוידעם פון אונדזער שטיבל. „א גורל פון א העפט, איז געגליכן צום גורל פון א מענטש“, האָב איך געטראכט אין א זוניקן טאָג פון אָנפאנג חודש מאי, ווען איך האָב זיך אומגעקערט צופוס פונעם געטאָ, א באָרוועסער און א פארמאטערטער, א באפליגלטער אָבער מיט נייע האָפענונגען און נייע טרוימען אינעם נצחון פונעם גוטן איבערן שלעכטן, אין א יושרדיקער און בעסערער וועלט פאר אלע מענטשן און אויך פאר אונדז יידן.

1 סעפּטעמבער

נעכטן האָב איך פארצייכנט אין העפט עטלעכע באנאלע זאכן: דעם וועג קיין קאלימאנעשט, איינציקע קאָמענטארן פון די פּאסאזשירן איבערן גערעטעניש פון דעם יאָר, איבערן מאנגל אין איינציקע פּראָדוקטן

און א וויכוח צווישן צוויי פענסיאָנערן: איינער האָט געטענהט אז בע-סער איז געווען אמאָל. געווען א שפע פון פּראָדוקטן, נישט געשטאַנען אין דער ריי, דער פויער האָט פאַרקויפט פריי, מ'האָט אויך אביסל צוגע-האַנדלט. אמת נישט איעדער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען, געווען אפילו הונגעריקע אויך, אָבער אין די קרעטשמעס פלעג מען אין דער צייט אי-בערכאַפּן פאַסטראַמע מיט הייסער מאַמעליגע און פאַרטרינקען מיט נייעם וויין און די קלעזמער פלעגן צושפּילן ביים אויער אַלטע ראָמאַנסן. דער אַנדערער האָט זיך נישט געלאָזט:

— זאָגט מיר איך בעט אייך, איצט אין דעם „קריזיס" איז ביי אייך חלילה דער אייזקאַסטן ליידיק?

— ניין, ניין, חלילה, ער איז פול מיט כּל-טוב, כ'וויל נאָר זאָגן אז.. דער צווייטער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— זאָגט מיר איך בעט אייך, איר האָט קינדער? און וואָס זענען זיי?

— מיינע קינדער? מיין זון איז אינזשינער קאָנסטרוקטאָר און די טאָכטער איז א דאָקטער.

— וואָסזשע זענט איר געווען — זייטזשע מוחל — אין אייערע יונגע יאָרן, אין יענע גוטע צייטן? אויב איך בין זיך נישט טועה האָט איר מסתם אביסל צוגעהאַנדלט, האַ? און דערלייגט ווי א גלח צון א פּגר...

א פּאָר יונגע לייט אינעם קופּע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט און דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו קאַלימאַנעשט.

*

האָב איך גענומען מיין העפט און מיט לייכטע טריט פון א מענטש וואָס האָט איבערגעלאָזט ערגעץ ווייט די טאָג-טעגלעכע דאגות, ווי א ייד וואָס האָט גוט אויסגעטרעסעט די קעשענעס ראש-השנה צו תשליך, בין איך אראָפּגעגאַנגען אויף דער סטעזשקע וואָס שלענגלט זיך צום טייך אָלט, אריבערגעשפּאַנט דאָס הילצערנע בריקל און זיך אָפּגעשטעלט אינעם צויבער-ווינקל אויפן „אָסטראָוו", אויפן קליינינטשקן אינדזל וואָס צעטיילט דעם טייך אויף צוויי שטראָמען וועלכע פאַראייניקן זיך אביסל ווייטער. איך געפין זיך אין מיטן דעם גרינעם אינדזל וואָס איז ארומגערינגלט מיט א גרויסן געדיכטן פּאַרק, ווי א וואַלד. אין פּאַרק

שטייט אן אלט קלויסטערל, ארום אים עטלעכע קברים מיט אויסגעקרומטע צלמים. דאָ אויף דעם אינדזל האָב איך מיין באנק. פאר מיר — דער טייך, הינטער מיר — דער טייך מיטן וונדערבארן פארק מיט זיינע הויכע סודוספולעביימער. און ארום איז אזוי שטיל, אז מע הערט נאָר דאָס מורמלען פון די כוואליעס און דאָס סוויסטשען פון סטייעס פרייליכע פייגל, און איך פיל זיך אזוי גוט און אָפּגעשפּאנט. איך פיל אז כ'נויטיק זיך אין דער שטילקייט, איך וויל זיין מיט זיך אליין, זיך דורכשמועסן מיט מיין „צווייטן איך", מיט דעם אזוי גערופענעם „אלטער עגאָ", מיט מיינע זכרונות. איך נויטיק זיך אומקערן כאָטש אויף א ווייל צו דער שויס פון דער נאטור, ווי א קינד וואָס פאלט צו צו דער שויס פון דער מוטער פון וועלכער ער איז געווען א לאנגע צייט צעטיילט. און אפשר איז עס גאָר א שטריך פון דער עלטער, מע ווערט סענטימענטאל און בייגאנד מיטן רעאלן טאָג-טעגלעכן לעבן, הייבט מען אָן לעבן אויך מיט די זכרונות. כ'טו א קוק אויפן זייגער: ס'איז צען. מע דארף גיין נעמען א סירקע-באָד, דערנאָך צום קוואל נומ. 14, און שפּעטער מיטאָג עסן. נאָך מיטאָג צוריק אין דער ווילע. כ'לייג זיך צו אָבער איך קאָן נישט שלאָפן, טראָץ דעם איך בין שלעכט געשלאָפן פאָריקע נאכט. פירט מיך ווידער די געשלענגלטע סטעזשקע אראָפּ דורכן פארק, צום טייך, צו מיין אינדזל, צו מיין באנק.

*

ס'איז געווען א שיינער, ווארעמער טאָג, אָנפאנג אלול. נאָך קינדווייז האָב איך ליב געהאט דעם חודש, א שיינער, א מילדער, נישט היים, נישט קאלט. די לופט איז א זויבערע און מען שפּירט קוים די טראנזיציע פון זומער צום פריען הארבסט. איך דערמאָן זיך אינעם דערפל פון מיינע קינדער-יאָרן. דער ווייץ איז שוין געווען אין די סטאָדאָלעס, מע האָט אָנגעהויבן שניידן דעם קוקורוז און די אָנגעשפּיגעוועטע שילקעס* מיט גאָלדענע זערנעם פלעגן ליגן קופּעסווייז אין די אָגראָדעס. מיט סערפּן פלעג מען שניידן דעם קוקורוז, מיט סערפּן און מיט געזאנג, און איך פלעג

---

* קאטשענעס מיט קוקורוז זערנעם

קוקן מיט באַוווּנדערונג, מיט באַגייסטערונג און אויך מיט אַביסל קנאה אויף דער געבענטשטער מי פֿונעם פּויער, אויף זיין צוגעבונדנקייט צו זיין ערד, אויף זיין פֿריי אָטעמען די פֿרייע לופֿט. דערמאָן איך זיך אין אונדזער שכנס שיקסל, אין זינען, ווי די אויגן פֿלעגן מיר אויסדינען נאָך איר... אָט גייט זי פֿונעם פֿעלד נאָך אַ טאָג פֿון שווערער פּרוכטבאַרער מי. דער סערפּ הענגט ביי איר אויפֿן רעכטן אַקסל, איר פּנימל מיטן פֿאַרריסענעם נעזל שיינט, אירע אָפּגעברענטע באָרוועסע פֿיס שפּאַנען פֿלינק און פֿעסט אויף איר ערד וועמען זי שענקט איר מי, איר שוויים; אירע שטייפֿע ברוסטלעך צאַפּלען אונטערן לייוונטענעם העמד. איך שטיי אין שאָטן פֿונעם אַלטן ניסן-בוים און קוק איר נאָך פֿון צווישן די געדיכטע בלעטער. איך זע ווי זי בויגט זיך איבערן ברונעם, שלעפּט אַרויס אַן עמער וואַסער, וואַשט אירע ברוינע, שלאַנקע פֿיס, זינגט זיך אונטער אַ לידל, און דער אַלטער הונט לעשטשעט זיך צו איר. אוי! פֿינעף יאָר פֿון מיין לעבן וואָלט איך געוועזן אָפּגעגעבן צו זיין אויפֿן הונטס אָרט .. נאָר אויף אַמאָל אין אָפֿענעם פֿענצטער מיין טאַטנס צעבייזערט קול: „נו, אָ! נו, אָ! מנחה, מעריב״...

איך האָב שוין לאַנג פֿאַרשטאַנען אַז מיך מיט זינען טיילט נישט אָפּ דער שמאָלער דאָרפֿישער וועג צווישןביידע טויערן פֿון אונדזערע שטיגבער, נאָר אַ תהום, אַ טיפֿער אומבאַגרענעצטער תהום...

אַ טשאַטע פֿייגל וואָס קומען צופֿליען פֿון יענער זייט טייך און דער ערויש פֿון אַ פֿאַרסאַפּעטער באַן וועקן מיך אויף פֿון מיין טרוימען מיט אָפֿענע אויגן, און איך נעם בלעטערן די צייטונג וואָס האָב געקויפֿט נאָך מיטאָג: „באַראַטונגען אין גענף איבער די מיטל-שטרעק ראַקעטעם אין אייראָפּע, די מלחמה אין ליבאַן, טעראָריסטישע אַטענטאַטן, דער וועלט עקאָנאָמישער קריזיס א.א.וו.״ ליינ איך אַוועק די צייטונג אויף דער באַנק און זע אויף אַמאָל אַן אַרטיקל מיט דער אויפֿשריפֿט: „1 סעפּטעמבער דער טאָג ווען ס׳האָט אָנגעהויבן די צווייטע וועלט מלחמה.״

*

איך דערמאָן זיך גאַנץ גוט אין יענעם סעפּטעמבער טאָג 1939. ס׳איז געווען פֿרייטיק, און ווי יעדן אינדערפֿרי בין איך געגאַנגען צו יאָסל

בעקער ווי געוויינטלעך קויפן ברויט. די מאמע האָט מיר אָנגעזאָגט קויפן נאָר איין ברויט, ווייל פּרייטיק באַקט זי חלה אויף שבת. איך פּלעג זיך יעדן אינדערפרי איילן קויפן ברויט, ווייל איך האָב געוואָלט זען שיינדעלען, די קראָסאָוויצע* יאָסל בעקערס בת יחידה. מיר האָבן געוווינט אין שטעטל שוין שיינע עטלעכע יאָר. דער טאַטע פּלעג שוין נישט דאַוונען ביחידות, ווי אַמאָל אין דאָרף, נאָר אין דער שכנותדיקער „בלעכערישער" שיל. קיין בעסערע פּרנסה האָט ער דאָ נישט געפונען. געפּרוּווט עפּענען אַ באַקאַליי-קלייטל, אָבער אין ווייניקער פון אַ יאָר געפּטרט די ממתקים, ווייל נישט ווייט פון אונדז האָבן געוועלטיקט די אָנגעשטאָפּטע קראָמען פון דער רייכער אַלמנה חנה בן-ציונס און פון יאַנקל שערעוויצער, וואָס האָט געבראַכט אַ פּויטיקע פון אַמעריקע און פּלעג גיבן סחורה אויף באָרג. כ'געדענק ווי מיין טאַטע פלעג אָפטמאָל אָפּקרעכצן: „אינעם ווייסטן דאָרף איז אַלץ געווען בעסער ווי דאָ, דאָרטן האָבן מיר געהאַט אַן עוף ביי דער שטוב, אַ שטיקל קעז און פּוטער, אַ פּירה פונעם בוים, אָבער דאָ? כ'פאַרדין נישט קיין וואַסער אויף קאַשע, ווייל פאַר וואַסער דאַרף מען אויך באַצאָלן"... איצט פּלעג ער אויפשטיין פאַרטאָג אָפּדאַוונען מיטן ערשטן מנין אין דער „בלעכערישער שיל", כאַפּן-אַ גלאָז טיי, עפּעס צובייסן, אַ קוש טון די מזוזה אין גיין אַרבעטן אין בראָוואַר** אַריין. ער פּלעג אַהיימקומען פאַרנאַכט מנחה צייט, ווייל די ביר פאַבריק איז געווען אין יענעם עק שטאָט, ביים „גרויסן טייך". „אַריינגעדרייט" אין בראָוואַר אַריין, האָט אים עפּעס אַ ווייטער קרוב דער מאַמעס, „מיין פערדס בייטשס שטעקעלע" ווי דער טאַטע פּלעג זאָגן — וואָס איז געווען דאָרט אַ שטיקל בוכהאַלטער.

איך בין געלאָפן צו שיינדעלען אין יענעם לויטערן פרימאָרגן נישט צוליבן קויפן אַ ברויט, נאָר אַריינצוקוקן אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, באַוווּנדערן אירע ראָזעווע בעקעלעך „בלוט און מילך", אירע פּולבלעכע ליפּעלעך, און אויב ס'וועט קיינער נישט זיין אין קלייט, זי אַ צי טאָן ביי אירע לאַנגע געפלאָכטענע שוואַרצע צעפּ, פאַרהאַלטן איר

* יפת תאר
** ביר-פאַבריק

קליין פוכקע הענטל אין מיינער, ווייל שיינדעלע איז צו מיר אויך נישט גלייכגילטיק געווען. ווען זי פלעג מיך דערזען, פלעגן אירע ראָזעווע בעקעלעך ווערן צונטער רויט, און האָט געלאָזט איר האנט פארהאלטן אין מיינער. שפעטער ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן באגעגענען שבת בייטאָג אויף א זייטיקער אלעע אין בולוואר, פלעג זי זיך פון מיר לאָזן ארומנע־מען און צוטוליען צו מיר איר הייסע מיידלישע ברוסט.. זינעם געשטאלט און מיין ערשטע קינדערישע פארחלומטע ליבע איז שוין לאנג געווען פארטושט און פארביטן מיט א הייסער, ליידנשאפטלעכער ליבע פון א נייג־צניעריקן בחור צו א אכצן יעריק מיידל וואָס האָט זיך אים איינגאנצן גע־שענקט.

איך בין ארוים פון שיינדלען א גליקלעכער און געקומען אהיים טאנ־צנדיק מיטן ברויט. די מאמע האָט מיך באטראכט צוערשט מיט אביסל חשד, דערנאָך מיט א מילדן שמייכל, נאָר זי האָט געוווסט פון מיין ראָמאן מיט שיינדעלען, דער טאטע האָט דערפון נישט געטאָרט וויסן און יאָסל בעקער אויך נישט. ארום איז געווען שטיל און ציכטיק, דער הימל בלוי אָן א כמארעלע. יידן האָבן זיך געאיילט, אייניקע נאָך עפעס איינצוקויפן אויף שבת, זקנים אין מרחץ אריין, שייקע בעל-עגלה איז געזעסן ביי יונהן אין שענקל און געווארט, אפשר וועט אים נאָך אריינפאלן א „צוואנ־ציקער" פון א פארשפעטיקטן פאסאזשיר. און אויף אמאָל האָט אין מיטן העלן לויטערן טאָג א דונער געטאָן, א ווייטער טויבער דונער, דערנאָך נאָך איינער און נאָך איינער.. איך האָב זיך איבערגעקוקט מיט מיין מאמע, וויזט אוים כ'האָב אויסגעזען אביסל דערשראָקן, ווייל זי האָט צוגעלייגט איר ווייכע צערטלעכע האנט צו מיין שטערן: „זונעניו, גאָט איז מיט דיר".

*

איך האָב נאָך דעמלט נישט באגריפן וואָס ס'איז פאָרגעקומען, איך האָב נישט געוווסט וואָס ס'הייסט אזוינס מלחמה. עפעס האָב איך געוווסט פון אייניקע ביכער ווי „אויפן מערב פראָנט קיין נייעס" פון ערין מ. רע־מארק און פון די דערציילונגען פון די עלטערע וואָס האָבן מיטגע־מאכט דעם ערשטן וועלט-קריג; פון מאיר-וואָלף דעם טרעגער, למשל,

וואָס האָט מלחמה געהאַלטן פֿיר יאָר מיטן „קייזער“, אָדער פֿון פּראָים רופֿא וואָס האָט געקעמפֿט אויפֿן פֿראָנט און געדינט אַלס פֿעלדשער. איך האָט נישט געוווּסט אַז דער ווייטער דונער אין מיטן העלן טאָג און זיינע עכאָס וואָס האָבן זיך דערטראָגן ביז צום שטעטל, איז דער סיגנאַל פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם 1טן סעפּ- טעמבער 1939. אינסטינקטיוו אָבער, האָב איך געפֿילט אַז מיר שטייען ערב גורלדיק — היסטאָרישע און שטורמישע געשעענישן. פֿרייטיק צו- נאַכטס, נאָך קבלת-שבת, האָבן זיך יידן נישט געאיילט אהיים צו די גע- פֿילטע פֿיש, זיי האָבן קאָמענטירט די געשעענישן: די דייטשן זענען אָנגעפֿאַלן אויף פּוילן מיט הונדערטער טאַנקען און עראָפּלאַנען. „פּוילן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אומבאַקאַנט פֿאַר מיר לאַנד, אָבער אַ נאָ- ענטע שכנה, צפֿון זייט פֿון אונדזער שטעטל, אַ לאַנד פֿון גאונים און תּל- מידי-חכמים“. אין שיל האָט זיך דער עולם געאַמפּערט: פּוילן, טאַנקען, היטלער, וואַרשע, יידן .. אַלע האָט איבערגעשריגן מאיר-וואָלף טרעגער:

— רבותי! וואָס האָב איך אייך געזאָגט? אין אַלעמען זענען שולדיק די ענגלענדער. מענדל דיפּלאָמאַט איז מיר אַן עדות, איך האָב געזאָגט, זיי רייצן דעם כּלב אויף מזרח, איצט האָט ער זיך אָפּגעריסן פֿון דער קייט און ער וועט צערייסן פּוילן אויף שטיקער, דערנאָך וועט ער גיין ווייטער. איך קען זיי גוט נאָך פֿון די צייטן פֿונעם קייזער.

— „נשקשה, נשקשה“ — האָט אים איבערגעשלאָגן מנשה מלמד — מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, ער איז אַ שומר ישראל, היטלער וועט האָבן אַ מפּלה ...

— נו, און אַמעריקע, האָט זיך אַריינגעמישט דער פֿעטער מרדכי — אַמעריקע וועט עפּעס שווייגן?

— אַמעריקע? האָט געשריגן מאיר-וואָלף און אָנגעשטעלט אויפֿן פֿע- טער מרדכי זיינע קיסאָקע אויגן, אַמעריקע מיט אירע געדונגענע סאָל- דאַטן?

— מ׳דאַרף אַ ישועה, אַ ישועה אויף יידן, האָט געפּרוּווט פֿאַרסכהכלען די קאָמענטאַרן דער אַלטער פּלטיאל.

— הערט אויס רבותי, האָט זיך נישט געלאָזט מאיר-וואָלף — איך בין נישט קיין האַלבער נאַר, נאָר טאַקע אַ גאַנצער נביא, פּלטיאל איז טאַקע גערעכט, מ׳דאַרף אַ ישועה, אָבער די ישועה וועט קומען נאָר פֿון

מזרח, איר פֿארשטייט, נאָר פֿון מזרח זייט. משיח וועט נישט קומען אויף א ווייס פֿערד, נאָר אויף א רויט פֿערד ...

מיר זענען אהיים געקומען מיטן טאטן פֿון דער שיל, ווי געוויינטלעך געמאכט קידוש, געזונגען זמירות, געגעסן די סעודה, אָבער די שטימונג איז געווען א געדריקטע. אין יענער נאכט האָב איך געחלומט א פֿאר־כמארעטן הימל, ס'האָט געבליצט און געדונערט, און ס'האָט געגאָסן א פֿייערדיקער רעגן ...

איך טו ווידער א קוק אויף דער צייטונג מיטן טיטל: „דער טאָג פֿונעם אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה", אָבער איך זע נישט די שו־רות, די אותיות, נאָר איך זע די צורות פֿון די פֿארשוווּנדענע, טייערע היימישע צורות פֿון אייגענע, פֿון חברים און פֿריינד, וואָס זענען געבליבן פֿארקריצט אין הארץ און אין זכרון. איך זע זיי אין פֿארשידענע איפּאָס־טאזן: אָט איז מענדל „דיפּלאָמאט", דער בלייכער בחור מיט די אומרו־איקע אויגן. ער זיצט אין דער בודקע איבער א קופּע צייטונגען און זשור־נאלן, זשמורעט זיינע קורצזיכטיקע אויגן הינטער די גראָבע גלעזלעך פֿון זיינע ברילן און אמפּערט זיך איבער עפּעס מיט מאיר־וואָלף טרעגער. און אָט איז דער ברייטפּלייצעדיקער בחור מיט די לאנגע באַ־קנבערד, אונדזער שטאָטישער פּאָעט. און אָט איז שמואליק, סיאָמע „דאָס ביתר'יסטל", ווי מ'פֿלעגט אים רופֿן, א קליינער א זשוואַווער, וואָס איז געווען גרייט זיך צו וואָרפֿן מיט זיינע פֿויסטלעך אויף זיינע לינקע קעגנער, איבערהויפּט אויף דעם שומר־הצעירניק שלמה „קראסאוועץ". און אָט שטייט מיר פֿאר די אויגן שלמהלע זלמן דעם שדכנס, דער סטו־דענט און שפּעטערדיקער קעמפֿער אין די שפּאנישע „אינטערברינאדעס", מיין מומע פֿערעלעס געליבטער. און אָט שטייט שייקעס פּאיעטאָן ביי יונהס שענקל אנטקעגן בולוואר. שייקע זופּט פֿון זיין פֿערטעלע בראָנפֿן, וואר־טנדיק אויף א פּאסאזשיר וואָס פֿארשפּעטיקט צו קומען און דערציילט יונהן ווי שלמהלע זלמנס און נאָך א סטודענט האָבן אים געוואָלט איבערצייגן ווען ער האָט זיי געפֿירט צו דער באן, אז די וועלט דרייט זיך און אז דער מענטש שטאמט פֿון א מאלפּע ...

איך פֿארמאך די אויגן און פֿאר מיר דעפֿילירן די געשטאלטן פֿון מיין טאטע און מיין מאמע, פֿון מיינע פֿעטערס, מומעס, געשוועסטער־קינדער,

פון חברים, שכנים, פון יידן למדנים און פשוטע מענטשן וואָס זענען פארשוווּנדן אין גהינום פונעם האָלאָקאוסט. זיי דעפילירן פאר מיינע אויגן, רעדן, זאָגן עפּעס, זשעסטיקולירן, ווי זיי האָבן עס געטאָן ביי זייער לעבן.

*

די זון האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף מערב. דער אָלט טרייבט זיינע כוואַליעס, ער איילט זיך צום דונײַ מיט וועמען ער וועט זיך באהעפטן און שענקען זיינע כוואַליעס. די שטראַלן פון דער זון שפּילן זיך מיטן גרינעם גראָז טעפּיך, אויף די צווייגן פון די הויכע דעמבענע ביימער שפּילן זיך וועווערקלעך. אָט קריכן זיי אַראָפּ און זייערע אייגעלעך גלאַנצן מיט חשד. א רעווע פון א לאָקאָמאָטיוו שרעקט זיי איבער און זיי קלע-טערן געשווינד ארויף. איך שטעל זיך אָפּ אויפן גראָז טעפּיך, באטראכט דעם הימל וואָס זעט אויס ווי א רואיקער ים, כ׳הער זיך צו צום שטילן גערויש פון די ביימער און איך אָטעם איין טיף די שטאַרקע לופט וואָס שמעקט עטוואָס נאָך סירקע. גוט, טראַכט איך וואָס כ׳האָב נישט מיטגע-נומען דעם טראַנזיסטאָר. צוליב וואָס? איז דען פאַראַנען א שענערע איינדרוקספולערע מוזיק, ווי די פון דאָ, איצט אינעם פּאַרק ביים ברעג פונעם טייך, ביי דעם זונען פאַרגאַנג; איז דען פאַראַן א פּרעכטיקערע סימפאָניע ווי דער גערויש פון די ביימער, דאָס מורמלען פונעם טייך, דאָס סווישטשען פון די פייגל אקאָמפּאַנירטע פונעם קלאַנג פון די גלע-קער פון דעם אַלטן קלויסטערל?

איך וואָלט זי אָנגערופן „די סימפאָניע פון לעבן", אָדער אפשר גאָר „די סימפאָניע פון גליק?" פארכאַפּט מיך אויף אַמאָל א מאָדנע געפיל, אפשר טאַקע א געפיל פון גליק וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, איבערגע-לעבט, דערלעבט, און קאָן זיך פרייען פון אָט דער פּראַכט.

דאָס געשלענגלטע סטעזשקעלע פירט מיך ארויס פונעם פּאַרק. איך איל מיך. איך וויל רעדן טעלעפאָניש מיט מייניקע, איבער-הויפּט מיט מיין דריי-יאָריק אייניקל נאָך וועלכן איך האָב שוין אָנגע-הויבן בענקען.

## 2 סעפטעמבער

„א גוטן טאָג — דערקענט מען פון אינדערפרי" — זאָגט א רומעניש שפּריכוואָרט. ווען כ'האָב געעפנט דאָס פענצטער פון מיין צימער אויפן צווייטן שטאָק פון דער ווילע, איז נאָך געווען גאָר פרי. א דינער נעפל האָט פארהילט די ארומיקע בערג, אָבער אויף מזרח, פון יענער זייט וואלד ווי די זון האָט געדארפט באלד אויפגיין האָט א גרויסער וויאָלעטעווער פלעק אָנגעהויבן ביסלעכוויין באזייטיקן דעם נעפל און א שטיק בלויער הימל האָט אָנגעוויזן די פּערספּעקטיוו פון שיינעם סוף-זומערדיקן אָדער פרי-הארבסטיקן טאָג, ווען די שטראלן פון דער זון בריען שוין נישט, זיי ווארעמען נאָר און צערטלען, ווען צווישן די ביימער גייט דורך א לייכטער גערויש, און איינצעלנע בלעטער פאלן אראָפּ מידע, וואקלען זיך לאנג אין דער לופט און שפּרייטן זיך פאוואָליע אויס אויפן ווייכן גראָז. דערנאָך האָט זיך דער וויאָלעטעווער פלעק אָנגעצינדן צונטעררויט און די זון האָט פארפלייצט מיט אירע שטראלן די שטיבער, די פעלדער, די וועלדער און די וועגן. כ'האָב זיך אָנגעטאָן און פארקערעוועט צום קוואל. גרופּעס מענטשן האָבן געשפּאנט צו פארשידענע קוואלן, יעדער נאָך זיין באדערפעניש. מענטשן פון פארשידענער עלטער, פראָפעסיעס און נאציעס, פון אלע עקן לאנד און אויך פון אויסלאנד, קומען אהער זוכן א רפואה פאר זייערע געדערעם אָדער פאר זייערע ביינער. זיי קומען אָבער אויך זיך דעקאָנעקטירן פונעם טאָג-טעגלעכן לעבנס — שטיינער, זיך אויסרוען און אָפּשפּאנען פונעם טאָג-טעגלעכן שטרעס, זיך אויסלעבן עטלעכע טעג אין דער שויס פון דער נאטור, וואָס די טעכנאָלאָגישע רעוואָלוציע האָט ביי זיי אוועקגערויבט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. צום שלום טרינקט יעדער אויס זיין פלעשעלע און ארום די קוואלן ווערט פּוסט. מיטאָג צייט וועט זיך ביי די קוואלן ווידער אויסשטעלן א רייע. ס'בינדן זיך באקאנטשאפטן, פריינדשאפטן, אייניקע פון זיי דויערן וויפל סע דויערט א מאָלצייט, אנדערע דויערן א קור-סעזאָן. דערנאָך געזעגנט מען זיך, אייניקע מיט אביסל הארץ-קלעמענישן, ווען ס'איז די רעדע פון יונגע מענער און פרויען, מ'פארצייכנט אדרעסן און טעלעפאָן-נומערן, און ווען סע רירט די באן, פארלירט מען צומאָל

אין דער שטיל אויך א טרער. און ווען מע קוקט אויף די פנימער פון די מענטשן קען מען מיינען אז אלע זייערע דאגות האָבן זיי איבערגעלאָזט פון יענער זייט טייך אָלט, און איצט שפילן זיי זיך ווי זאָרגלאָזע קינדער אין מיטן דער נאטור. זאָל דאָס טאקע זיין אזוי? געוויס ניין, ס׳איז געוויס נישט אזוי. יעדער איינער האָט מיט זיך מיטגעבראכט זיינע דאגות און זאָרגן, זיינע נישט אויסגעפילטע חלומות, זיינע השגות, זיינע האָפענונגען און זכרונות.

די פיס טראָגן מיך צו דעם פרעכטיקן ווינקל, צום אינדזל אין מיטן דעם טייך. איך זעץ זיך אויף דער באנק, בלעטער דעם העפט, וויל איבערלייענען די פארצייכנטע זכרונות, נאָר אנדערע פארכאפן מיינע געדאנקען.

*

סעפטעמבער 1939. דאָס שטעטל האָט ווייטער געלעבט זיין געוויינטלעך לעבן. איעדער מיט זיינע דאגות און קודם־כל דאגות פרנסה. ס׳האָט מער נישט געדונערט אין מיטן העלן לויטערן טאָג, נאָר די צייטונגען פלעגן ברענגען קורצע, לאקאָנישע און מוראדיקע ידיעות. פוילן צעטרעטן פונעם דייטשישן שטיוול, פייער און בלוט, פאָגראָמען און פליטים. די מענטשן האָבן אויסגעזען פארזאָרגטע, אָבער וואָס קאָן מען טון? דאָס אלעם קומט פאָר אין פוילן, און דאָ דארף מען דערווייל האָרעווען אויף א שטיקל־ברויט, קינדער דארף מען קליידן און שיכן, ווייל דער אָסיען קלאָפט אין דער טיר. מ׳האָט שוין געבלאָזן שופר און אין די קאיאָרן האָבן איבערן גרויסן טייך געהאָנגען נעפלען וואָס פלעגן זיך צעגיין ערשט ארום א זייגער צוועלף. די מארק זיצערינס פלעגן אין די קאיאָרן זיך פעסטער ארומוויקלען מיט די פאטשיילעס און אויף די אקסלען ארויפשלעפן גראָבע שאלן. די בעלי־מלאכות פלעגן שוין ארויסנעמען זייער קלעפערגעצייג פאר ווינטערדיקע מלבושים, פאר קוטשמעס און פעלצן און געווארט אויף די פויערים וואָס פלעגן קומען יעדן מאָנטיק אויפן יאריד, פארקויפן תבואה, עופות, אייער און חזירים, און דערנאָך גיין אָנדינגען פעלצן, קוטשמעס און אנדערע מלבושים פאר זיי און פאר זייער הויזגעזינד.

זיי פלעגן אָנלאָדן זייערע שאראבאנעס* מיט זאלץ, קעראָסין, געזאל־צענעם הערינג, שמירעכץ פאר די רעדער, טשוועקעס, העק און זעגן, קאָסעס, עמערס, לאָמפּנגלעזלעך, לאמטערנס און אנדערע מכשירים, דערנאָך זיך ארייננכאפּן אין די קרעטשמעס און זיך אָנטרינקען מיטן געלבלעכן ביליקן בראָנפן, „סעקאריקא״.

אין לאנד איז נישט געווען רואיק. די פאשיסטישע כוחות האָבן גע־וואקסן נאָך היטלערס קומען צו דער מאכט אין דייטשלאנד. דער „אנשלוס״, די אָקופּאציע פון דער טשעכאָסלאָוואקיי האָבן געבראכט דעם פאשיסטישן איינפלוס אלץ נענטער צו די גרענעצן פון רומעניע. מיט צוויי יאָר צוריק זענען צו דער מאכט געקומען די קוזיסטן. צום ערשטן מאָל האָט עטלעכע חדשים געפלאטערט די פאָן מיטן האקנקרייץ איבער די מלוכהשע אנ־שטאלטן. די יידן האָבן געקוקט מיט מורא און אומזיכערקייט אויפן מאָרגנדיקן טאָג. מ׳האָט געהאט אויסצושטיין פארשידענע אנטי־יידישע גזרות. פאר דער יוגנט איז די לאנגע געווען א שווערע, אָנקומען אין א הויכשול איז געווען כמעט ווי אוממעגלעך. די איינציקע יידישע צײַ־טונג „אונזער צייט״, וואָס פלעג ארײַנקומען אויך אין אונדזער הויז, האָט מען פארבאָטן, און דאָס שטעטל איז פון דעם ווי פאריתומט געוואָרן. דערנאָך איז די גאָגא־קוזא רעגירונג געפאלן און יידן האָבן געטרונקען לחיים: אלע שונאים זאָלן האָבן א מפּלה. געקומען די קיניגלעכע דיקטא־טור, אָבער די פאשיסטישע באוועגונגען האָבן זיך געשארפט די נעגל. אין יענער צייט האָבן זיי אין בוקארעשט דערשאָסן דעם רומענישן פרע־מיער מיניסטער, ארמאנד קאלינעסקו. די לופט איז געווען אָנגעלאָדן פון אינעווייניק ווי פון דרויסן. נאָר דאָס לעבן גייט ווייטער: א חתונה, א ברית, א בר מצווה, א לוויה. די נגידים ווערן רייכער, די געשעפטן גייען, די פרייזן שטייגן, וואקסן ווי אויף הייוון. די אנגראָסיסטן וואָס האָבן איינגעקויפט תבואות אָדער אנדערע סחורות וואָס די אייראָפּעישע מלחמה אינדוסטריע האָט געפאָדערט, האָבן געהאט פעטע רווחים. די אָרימע לייט זענען געוואָרן אָרימער. דאָס יקרות האָט בײַ זיי אוועקגענומען דעם לעצטן ביסן פונעם מויל. האָבן יידן אָנגעהויבן ווארטן אויף משיחן. און טראַכט דעם וואָס דער משיח פון די נביאים האָט פארשפּעטיקט צו קומען

* פויערישע פורלעך

און די וועגן צום משיח פונעם לאנד פון די אבות זענען געווען געשלאָסן דורך דער בריטישער מאנדאטן-מאכט, האָבן זיי דאָך אויף אים געוואַרט, קיין אנדערע ברירה האָבן זיי נישט געהאט.

*

דער טאטע פלעג אהיים קומען אַ מידער פונעם בראָווער, אָפּעסן וועטשערע, אָפּבענטשן און זיך צולייגן. בין-השמשות פלעג איך אים הערן קרעכצן. איך און די מאמע האָבן געוווסט די סיבה: ער האָט געבענקט נאָכן דאָרף. דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן, געזעסן אינעם שטיבל וואָס ער האָט געירשנט ביי זיין פאָטער, מיין זיידע לייבוש; דאָרט איז אים געווען באקאנט יעדעס סטעזשקעלע, יעדעס ביימעלע, יעדעס ווינקעלע, ער האָט געקענט יעדן פויער מיט זיין גאנץ הויזגעזינד. ער פלעג זאמלען ביי פויערים מילך, מאכן סמעטענע און פוטער אויפן סעפּאראטאָר און פירן אין שטאָט ארײן פארקויפן; ווינטער איין מאָל, און זומער צוויי מאָל אין דער וואָך. דעם גרויסן גאָרטן ביי דער שטוב האָט ער און די מאמע באארבעט, און דער גאָרטן האָט אונדז אַ גאנץ יאָר געהאָדעוועט מיט קארטאָפל, פאסאָליעס, ציבעלעס, קנאָבל און שאר ירקות. דער טאטע האָט זיך גוט געפילט, ער איז דאָרטן געווען „ביי זיך" און נישט ווי דאָ „ביי יענעם", און האָט זיך געגרויסט און הנאה געהאט ווען ס'פלעגן קומען אורחים, געסט, אָדער קרובים פון דער שטאָט, דער זיידע יחיאל למשל. די באָבע מאלי-רחל פלעג קומען אויף פּסח, אָדער אויף שבועות און אהיימפאָרן פאר ימים-נוראים צום פעטער מרדכי. דערנאָך, אז מיר זענען איבערגעפאָרן אין שטעטל, איז די באָבע מאלי-רחל געזעסן ביי אונדז ביז דער זיידע יחיאל, מיין מאמעס טאטע איז געשטאָרבן און מיין מומע פערעלע בלייבנדיק אַ קיילעכיקע יתומה איז געקומען וווינען ביי אונדז ביז מ'האָט זי פארשלייערט מיטן פעטער יואל. דער טאטע פלעג ליגן און קרעכצן. דער סאמאָוואר האָט אויפגעזאָטן די מאמע האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי מיט צוקער און מאלינע איינגעמאכטס. די טיי פלעג קאלט ווערן און דער טאטע פלעג זיך נישט צורירן צום גלאָז.

— וואָס איז, אהרן, נאָך ווענען טרויערסטו אזוי, מ'האָט דיר אָפּגעקוילעט די קאפּאָטע? פלעג זיך די מאמע צעהיצן. ס'האָט זיך דיר פאר-

בענקט אין דאָרף אריין, האַ? אפשר נאָך די בלאָטעס ביז אין דער קני, האַ? אָדער נאָך די עמערס מיט מילך וואָס האָסט געטראָגן ווי אן אייזל פון אלע עקן דאָרף, אָדער אפשר נאָך די וועגן אין די סליאָטעס און אין די בלאָטעס מיטן ביסל פוטער אין שטאָט אריין. נאָך וואָס בענקסטו אהרן? האָסט שוין פארגעסן, תיכף נאָך אונזער חופּה האָב איך און דער טאטע, זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט, פאר דיר כורעים ומשתחוים געווען זאָלסט בלייבן דאָ, אין שטאָט, און דו ,איינמאָל ניין! מיר זענען אָפּגע-זעסן אין דעם וויסטן דאָרף צוויי יאָר, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און פאָניע האָט אונז פון דאָרט ארויסגעטריבן. נאָך דער מלחמה האָבן מיר ווידער פאר דיר געקניעט, דיך געבעטן בלייבן, און דו, כאָטש האק און בראָק, ניין, ס'האָט דיך געצויגן צו דיין גאָרטן מיטן ניסן בוים. אָבער א מענטש טראכט דאָך וועגן א תכלית אויך. דיין ברודער מרדכי האָט זיך אין דאָרף אריין נישט אומגעקערט. ער איז אוועק קיין אמעריקע זיין דבורה זאָל קענען מאכן א לעבן. דיין ברודער מנחם מיט זיין רבקה-לאה איז אויך אוועק פונעם דאָרף, אלע זענען זיך צופאָרן, אפילו ברכה מיט איר אלטער מויד זענען אוועק און מיר זענען געבליבן אליין. וואָסזשע האָסטו געוואָלט אונדזער קינד זאָל אויסוואקסן א הפקר-בחור מיט די שקצים, אָ-דער זיך אָנניוכען מיט זינען. האַ? דאָ האָט ער געלערנט אין חדר און איצט אין דער גימנאזיע דאנקען גאָט, און וואָס ס'איט זיין מיט אלע יידישע קינדער .. ביסט דאָך א באָיאנער חסיד, און דער צדיק האָט נישט גע-הייסן איבערפאָרן אין שטאָט אריין? איך ווייס ס'איז דיר שווער, מיר איז אויך נישט גרינג, נאָר נאָך אזויפיל יאָרן מעגסטו דיר שוין ארויס-קלאָפּן די מאנקאָליע פונעם קאָפּ ...

אין די אויסגעשטערנטע סעפּטעמבער-אָוונטן פלעג איך זיך באגע-גענען מיט שיינדעלען, שפּאצירן אין די זייטיקע אלעען פונעם בולוואר, זוי צוריק מיט יאָרן האָבן דאָס געטאָן די מומע פערעלע מיט שלהמהלע זלמן דעם שדכנס, דעם סטודענט וואָס קעמפט איצט ערגעץ אין שפּאניע. דערנאָך פלעג איך זי פירן איבער די דרימלענדיקע געסלעך, פאָרבייגיין כריסטאקים, דעם בולגארס סאָד און איר דערציילן ווי צוריק מיט יאָרן האָב איך זיך מיט חיימקע „שייגעץ" ארייגעכאפּט אהער ווען מיר זענען געגאנגען צום שוחט מיט די כפּרות און כריסטאקים כלב האָט

מיר צעריסן די הויזן ... אין די שבתים ווען איך פלעג מיט איר שפאַצירן אין בולוואר, האָב איך געפילט די קנאה-בליקן פון די ייִנגלעך וואָס פלעגן זיך שושקען און אונדז נאָכקוקן. נאָר מער פון אַלע פלעג אונדז נאָכקוקן מאָטל „דער באָבעס", אַ לאַנגער בחור, אַ דאַרער, מיט שאַרף געשניצטע פנים שטריכן, מיט אַ פּאָר קאַרע דורכדרינגלעכע אויגן און אַ ווילדע טשופּרינע האָר וואָס פלעג אים פאַלן איבערן שטערן. אין יענעם אויסגעשטערנטן אָוונט האָבן מיר אַרומשפּאַצירט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ס׳איז געווען שטיל און פון די אַרומיקע פעלדער האָבן זיך געטראָגן האַרבסטיקע ריחות. דאָס שטעטל איז געשלאָפן, נאָר אין פרויקע קירזשנערס שטיבל האָט געברענט אַ ליכט און ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט האָבן פון הינטער די פאַרמאַכטע לאָדן זיך אַרויסגעהערט האַרציקע, זיסע תפילות. פרויקע קירזשנער וואָס איז געווען אויך אַ בעל-תפילה אין דער בלעכערישער שיל, האָט זיך געגאָרגלט, צוגעגרייט, ס׳איז דאָך געווען ערב ימים-נוראים.

## 3 סעפּטעמבער

איך האָב אָנגעהויבן בעסער שלאָפן און זיך געוווינען מיטן נייעם ריטם פונעם לעבן אויפן קוראָרט, אַ געמיטלעכער ריטם: שלאָפן שפּעט, שפּאַצירן, גיין צום קוואַל, נעמען אַ באָד, מעסטן דעם בלוט-דרוק, וואָס אין דער היים, אין בוקאַרעשט האָב איך נישט קיין צייט אָדער געדולד עס צו טאָן אַ גאַנץ יאָר. גיין אינדערפרי טרינקען די טיי מיט ברויט מיט פוטער אָדער מיט מאַרמעלאַד. מיטאָג, די זעלבע „טשאָרבע", דאָס כמעט זעלבע עסן וואָס „עסט" זיך צו גיך און מ׳הייבט אָן בענקען נאָך היימישע מאכלים. נאָר אַזוי איז אויף די קור-ערטער. ווערן אָבער דאָס עסן וואָס „עסט" זיך צו און אַנדערע אומבאַקוועמלעכקייטן קאָמפּענסירט דורך דער רו פון וועלכער מע געניסט דאָ, פון דער שיינער פּאַנאָראַמע פון דער אומגעגנט, פון די שטילע סודותדיקע בערג וואָס שטייען ווי אויף דער וואַך, פון די וועלדער וואָס זענען אַראָפּגעקומען פון די בערג און דערגרייכן ביז צו די פענצטער פון דער ווילע.

שפּאַן איך אַראָפּ צו מיין אינדזל אין דער נאָך פריער שעה. דאָס פייכטע גראָז פונעם טוי גלאַנצט אַנטקעגן דער זון. די ווערעווערקעס יאָגן זיך אויף די ביימער, קוקן אַראָפּ און לאַקערן מיט זייערע אייגעלעך, וואַרטן מע זאָל זיי געבן ניס. קינדער ברענגען זיי ניס און זיי כאַפּן זיי אַרויס פון זייערע הענט מיט די לאַפּקעלעך, קוקן זיך אַרום דערשראָקענע און קלעטערן געשווינד צוריק אויפן בוים. נעם איך אַרויס די פאַרצייכענונגען און דערמאָן זיך ווי ס'האָט זיך מיר די נאַכט געחלומט אַז איך שפּאַציר מיט שיינדעלען, חברה קוקן אונדז נאָך און מאָטל דער באָבעס מיט דער טשופּרינע איבער זיינע שקצישע אויגן קוקט און קוקט, ביז מיר פאַרשווינדן הינטערן קלויסטער וואָס איז געשטאַנגען אין מיטן בולוואַר ... יאָ, טאַקע דערמיט האָב איך נעכטן פאַרענדיקט מיינע פאַרצייכענונגען און זיי זענען מיר געקומען צו חלום.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער אַזוי טרעפט זיך מיר שטענדיק. אַז איך קום צופאָרן אויף אַ נײַ פּלאַץ, אַ שטאָט אָדער אַן אָרטשאַפט, אַ קוראָרט, אָדער אַז איך געפין זיך אויף אַ וואָקזאַל, אין אַ פּאַרק, אָדער ביים ברעג פון אַ טייך, דאַכט זיך מיר אויס אַז איך בין שוין אַמאָל געווען אָדער אַמאָל שוין געזען די מקומות. און כאָטש איך ווייס גאַנץ גוט אַז כ'האָב זיי קיינמאָל נישט גן זען, פאַרמאַך איך די אויגן און איך זע די אָרטשאַפטן, ברעג און טייכן וואָס זענען מיר פון לאַנג באַקאַנט און דאָס רופט ביי מיר אַרויס זכרונות. אָט זיץ איך אויפן ברעג פונעם טייך אָלט און קוק זיך צו ווי זיינע אומרואיקע כוואַליעס בייטן יעדעס מאָל זייער קאָליר. אָט האָבן זיי אַ זילבער-ניואַנס ווען עס שפּיגלען זיך אין זיי אָפּ די שטראַלן פון דער זון, און אָט זענען זיי בלוי-גרינלעך ווען די זון ווערט פאַרשטעלט פון אַ כמאַרעלע; אָט פליסן זיי במנוחה, דריבניטשקע, און אָט ווערן זיי צעברויזט, קוטשעראַווע, ווען זיי קאָקעטירן מיטן האַרבסטיקן ווינטל וואָס טוט זיך מיט זיי אַ שפּיל..

*

איך זיץ ביים טייך אָלט און זע דעם טייך פון מיינע קינדער-יאָרן, דערם ברייטן גרענעץ-טייך מיט דער אַלטער פעסטונג וואָס באַוואַכט אים

שוין זייט הונדערטער יאָר. איך קוק צו דעם טייך, נאָר איך זע יענעם טייך און דערפֿיל א נאָסטאַלגיע וואָס פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ, פֿיבערט דעם מח און בלאָזט אויף די האָלעוועשקעס פֿון בענקעניש וואָס זענען געלעגן האַלב־פֿאַרלאָשענע אונטערן אָנגעזאַמעלטן אַש פֿון די יאָרצענדליקער.. איך זע זיך ביי יענעם טייך, כ'זיץ ביי זיין ברעג און לעבן מיר מאָטל. דאָרט האָט ער זיך צום ערשטן מאָל פֿאַר מיר מתוודה געווען אַז ער איז פֿאַרליבט אין שיינדעלען, אַז ער ווערט נאָך איר פֿאַרברענט... און דאָס צווייטע מאָל — אין א פּאָר יאָר אַרום — אין אַנדערע אומשטענדן.

מאָטל דער באָבעס, מע פֿלעג אים רופֿן „דער באָבעס“, ווייל זיין באָבע אסתר־צירל די „קורעלאָפּניטשקע“*, האָט אים אויפֿגעצויגן אין איר אָרעמער כאַטקע אויף דער „ניינטער גובערניע“, פֿון יענער זייט „מאַי־דאַן“. ער איז געווען א יתום, זיין פֿאָטער איז אַהיים געקומען פֿונעם פֿראָנט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָפּגעלעבט א יאָר און איז געשטאָרבן. זיין מוטער, „די קורווישטשע“ — ווי אסתר־צירל פֿלעג זי רופֿן — איז נאָכן טויט פֿון איר מאַן אַוועק קיין ראַסיי מיט א סאָלדאַט. אסתר־צירל די „קורעלאָפּניטשקע“ פֿלעג אַרומגיין איבער די אַרומיקע דערפֿער, צונויפֿקויפֿן עופֿות און זיי פֿאַרקויפֿן אויפֿן מאַרק, אָדער אין די נגידישע שטיבער און אָפּטמאָל אויך אַברהם־אַהרנען דעם „קראָטש“. זי איז געווען א שטאַרקע יידענע, מיט א פּאָר גראָבע פֿיס ווי די דעמבעס. זי פֿלעג גישט גיין, נאָר זיך קאַטשען, האָבן איר די חברה פֿון דער „ניינטער גובערניע“ א נאָמען געגעבן אסתר־צירל „קאַטשקע“. חוץ הינער, פֿלעג זי קויפֿן גענדז און קאַטשקעס צום „שטאָפּן“ און דער נאָך פֿאַרקויפֿן פּסחדיק שמאַלץ. אסתר־צירל פֿלעג אויפֿשטיין פֿאַרטאָג, אויסטרינקען א גלעזל פּערציקער בראָנפֿן, איבערכאַפּן א שטיק ברויט מיט שמאַלץ אָנגעריבן מיט קנאָבל און אַרויס אויפֿן שליאַך. ביז צום נאָענטסטן דאָרף זענען געווען 8 ווערסט. צוריק מיט די איינגעקויפֿטע עופֿות פֿלעג זי קומען מיט א צופּעליקער פּויערישער פֿור. ווען מאָטל איז געווען קלענער פֿלעג זי אים מיטנעמען ער זאָל איר העלפֿן טראָגן די סחורה, און אַז ער האָט אונטערגעוואַקסן און נאָך דעם וואָס מע האָט אים אויסגעשלאָסן פֿון דער

* עופֿות הענדלערין

גימנאזיע, האָט זי אים געגעבן צו מאיר שוסטער לערנען די מלאכה, ער זאָל נישט וואקסן א פוסטע-פאסניק. אסתר-צירל האָט געשמט איבערן שטעטל מיט איר „פאסקודנע פיסק", מ'האָט זיך געהיט אריינצופאלן אין איר מויל אריין. פאר אירע קללות פלעגן אנטלויפן די פארעפּיטקעס, די מארקזיצערנס און אפילו די לומפּן פון דער „ניינטער גובערניע".

— אז ווי איז מיין לעבן — פלעג זי זיך קלאָגן פאר די מארק-זי־צערנס — אז ווי איז מיין שווארץ מזל, אז איך האָב איבערגעלעבט מיין זון, הלוואי וואָלט איך געווען פארשיט זיין גרוב.

איר זון ברוך, מאָטלס פאָטער, האָט געדינט אין צארישן מיליטער און פון דאָרט פון ראסיי ווי דער רוח זאָגט „א גוטע נאכט", זיך געבראכט א ווייב, א יידישקע דווקא און נישט קיין מיאוסה, סאָניע האָט זי געהייסן. זיי האָבן איניינעם געלעבט א יאָר, דערנאָך האָט מען אים גענומען אויפן פראָנט, זיך געשלאָגן מיט די עסטרייכער אין גאליציע און צוריקגעקומען אָן א פוס אין 16טן יאָר. אין א יאָר ארום איז געבוירן געוואָרן א ייִנגעלע, האָט מען אים א נאָמען געגעבן מאָטל, נאָך ברוכס פאָטער. דערנאָך איז ברוך אָפּגעשטאָרבן און סאָניע איז אין א שיינעם טאָג אוועק מיט א קאָזאק.

— אויסגעמייקעט זאָל זי ווערן, איובס צרעת אין איר טריפה לייב אריין, א בראנד אין אירע ביינער און ברענען זאָל די קורווישטשע ווי ס'ברענט מיך, — פלעג זי שעלטן איר געוועזענע שנור.

— מיך איבערגעלאָזט מיטן קינד ווי אויפן וואסער. מ'זאָגט ס'דאָ א גאָט אויף דער וועלט, איז אויב ס'דאָ, האָט זי שוין לאנג געדארפט דערשלאָגן א דונער.

מיט מאָטלען האָב איך מיך באקענט אין צווייטן קלאס גימנאזיע. ער איז געווען הויך און דאר, מיט א פּאָר יאָר עלטער פון מיר, נאָר מחמת ער האָט רעפעטירט צוויי יאָר א קלאס, האָבן מיר זיך געטראָפן אלס שול-חברים אין צווייטן קלאס. ער האָט נישט געהאט קיין „שלעכטן" קאָפּ, נאָר נישט געוואָלט לערנען. געזעסן איז ער אין דער לעצטער באנק און די אויפגאבן פלעג ער קאָפּירן. ער האָט ליב געהאט אָפּטון די לערער שפּיצלעך וואָס פלעגן ארויסרופן געלעכטער. א שטארקער און א דרייסטער, איז ער קיינעם נישט שולדיק געבליבן „א באנראָב", אפילו שקצים פלעגן

נישט וואגן אים צו טשעפען. אין דריטן קלאס האָט זיך געטראָפן א גע־שעעניש וואָס האָט אויפגערודערט נישט נאָר די גימנאזיע, נאָר אויך דאָס גאנצע שטעטל. מ'האָט אין גימנאזיע אנטדעקט אן אונטערערדיש יוגנט־קרייזל „דער רויטער שילער", און צווישן די „רויטע שילער" איז אויך א בכבודיקן פלאץ געווען מאָטל דער באָבעס. מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער גימאזיע, אין דער „סיגוראנצע" האָט מען אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער און אהיימגעשיקט, ווייל ער איז געווען א מינ־דעריעריקער. אין דער היים האָט אים די באָבע ווידער אָנגעבראָכן די ביינער. „איך האָב אים געטרעטן מיט די פיס" — האָט אסתר־צירל געוויזן ווי זי האָט אים געשלאָגן — „ער איז ווייזט אויס געראָטן אין זיין מאמעטשקע אין סאָניטשקען די קורווישטשע — נאָר איכל אים שוין ארויסשלאָגן דאָס משוגעת פונעם קאָפּ..."

איך האָב נישט איבערגעריסן די באציונגען מיט מאָטלען נאָך דעם וואָס מ'האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער גימנאזיע. עפּעס האָט מיך געצויגן צו אים. ער האָט אויסגעוואקסן אין מיינע אויגן. מאָטל דער באָ־בעס איז נישט קיין יינגעלע, ער איז א מאן, א קעמפער. מע האָט טאקע געקוקט קרום אויף אים אין שטעטל, געטייטלט מיטן פינגער: א שייגעץ, א הפקר בחור, א לעצטער יונג, אָבער שטילערהייט איז מען אים אביסל מקנא געווען, באוואונדערט זיין דרייסטקייט. מיר פלעגן זיך באגעגענען שבת בייטאָג ווען ביי מאיר שוסטער איז געווען געשלאָסן דער ווארשטאט און שפּעטער אויך אין אנדערע טעג ווען ער האָט אויפגעהערט ארבעטן ביי מאירן און פלעג אליין לאטען אָדער אונטערקלאָפּן א פּאָר כאָדעקעס אין זיין באָבעס שטיבל אויף דער „ניינטער גובערניע". מיר פלעגן ארויפגיין צום גרענעץ־טייך, זיך אוועקזעצן אויפן זאמדיקן ברעג און ווי פארכישופ־טע קוקן צום ברייטן מעכטיקן וואסער. מיר פלעגן א ווײַלע שווייגן, זיך צו־הערן צום גערויש פון זיינע כוואליעס. הינטער אונדז איז געשטאנען די אלטע פעסטונג. צווישן די בערג און איבער אירע טונקעלע האלב חרובע מויערן האָט זיך פראפּילירט דער האלב איינגעבראָכענער טורעם. מיר פלעגן זיצן און קוקן לענגאויס דעם ברעג און כאפּן א קוק אויך אויף „יענער זייט", ווו אויפן פלאכן ברעג האָבן צווישן סעדער ארויסגעקוקט קליינע פויערישע כאטקעס. ווייטער פון יענער זייט דאָרף אונטערן בערגל

זענען געשטאַנען לאַנגע, נידעריקע געבײדעס. אָט גײט אַ טשערעדע בהימות און אָט טרעט זי אָפּ דעם וועג אַ גרויסער לאַסט־מאַשין, וואָס פּאָרט, פּאָרט, און ווערט אויף אַמאָל פֿאַרשווינדן הינטער די לאַנגע געבײדעס. יענער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, נאָר באָדן האָט מען זיך נישט געטאָרט אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, זינט ס'האָט זיך געטראָפן אַז גרישע, אַ בלאָנדער שײגעץ מיט בלויע אויגן, איז אַריבערגעשווומען דעם טײך אין מיטן העלן טאָג אונטער דער נאָז פֿון דער גרענעץ־וואַך. מ'האָט אים נאָכגעשאָסן, אָבער ער האָט שוין געהאַט איבערגעשווימען אַ האַלבן טײַך. די גרענעץ־וואַך האָט באַפֿוילן דעם עולם זיך אָנטאָן און תיכף אַהײמגײן, נאָר דאָס שטעטל האָט זיך נאָך דעם לאַנג „געוויגט" פֿון דער געשעעניש. און אַפֿילו ווינטער, ווען די זאַווערוכעס האָבן שוין געפּײפֿט איבער די געסלעך און די זקנים האָבן געוואַרעמט זײערע קרײַזשעס בײַ די געהײצטע הרובעס, פֿלעגן זײ דערצײלן און איבערדערצײלן יעדער אויף זײַן אופֿן, מיט אַלע פּישטשעווקעס ווי אַזוי גרישע איז איבערגעשווימען דעם טײַך, גלײַך זײ זענען געשטאַנען דערבײַ..

אַזוי זענען מיר געזעסן מיט מאָטלען בײַם ברעג, געזעסן און געשוויגן. נאָר אין יענעם טאָג געדענק איך ווי הײַנט, אַז דער ערשטער האָט אָנגעהויבן רעדן מאָטל, מאָטל דער באָבעס.

4 סעפּטעמבער

דער טאָג האָט זיך געוויזן אַ שײנער, כאָטש אינדערפֿרי האָט זיך אַביסל פֿאַרכמאַרעט. די זון איז אַרויסגעקומען אַ פֿאַרשפּעטיקטע און אויסגעזען אַביסל אַ מידע, גלײַך ווי זי וואָלט זיך געווען געראַנגלט מיט די כמאַרעס, דערנאָך האָט זי זיך צעשמײכלט אַ צופֿרידענע וואָס האָט פֿאַרטריבן די טריבקײט און אירע שטראַלן האָבן ווידער אָנגעהויבן צערטלען די בערג, די וועלדער, די פֿעלדער און די לאָנקעס, האָבן אָפּגעגילט די דעכער פֿון די הײַזער און זיך געשפּילט מיט די קוטשערלעך פֿון די קינדער וואָס האָבן פֿאַרפּלײצט די גאַסן. אָט האָבן זײ זיך אָפּגעשטעלט בײַם וועג־איבערגאַנג, זײ וואַרטן אין דער באַגלײטונג פֿון אַן אויפֿזעערין ביז דער סטאָפּ וועט אָנווײַזן גרין און ס'וועט זײַן דערלויבט

אריבערצוגיין. די אויפֿזעערין בויגט זיך אָן צו א קליין מיידעלע וואָס שעפּטשעט איר אריין עפּעס אין אויער אריין און איך דערמאָן זיך אין מיין אייניקל, זי איז טאקע ענלעך צו דעם מיידעלע. מיין טייער אייניקל, איך פֿיל אויף אמאָל א ווארעמקייט וואָס פֿארכאפּט מיין הארץ, מיין נשמה און גלייכצייטיק האָב איך א געפֿיל פֿון אומרו, מיר דאכט זיך אז די קינדער טרעטן אויף א געמינעוועט פֿעלד און מיר עלטערן און זיידעס שטייען מיט פֿארליינגטע הענט און האָבן נישט דעם מוט עפּעס צו טון, דערווייטערן, אנטוואָפֿענען די גרויזאמע אטאָמישע מינעס וואָס באדראָען די אומשולדיקע יונגע לעבנס, באפֿרייען די וועלט פֿונעם אטאָמישן געפֿאר און אויך פֿונעם געשפּענסט פֿון די „לאָקאלע" מלחמות. ווער זאָגט אז די געשיכטע דארף זיך איבערחזרן? ניין! די געשיכטע טאָר זיך נישט איבערחזרן!

*

איך זיץ אויף „מיין" באנק אויפֿן „אינדזל", מיין שאָטן שפּיגלט זיך אָפּ אינעם טייך, נאָר איך זע דעם טייך פֿון מיין שטעטל. איך זיץ אויף זיין ברעג מיט מאָטלען אין יענעם הייסן תמוז טאָג, דער טאָג וואָס איז מיר פֿארבליבן טיף איינגעקריצט אין זכרון און איך געדענק כמעט יעדעס וואָרט פֿון אונדזער געשפּרעך, יעדן זשעסט פֿון מיין חבר, יעדע גרימאסע פֿון זיין פּנים. ארום איז געווען שטיל. ווייטער אויף רעכטס האָבן עטלעכע בהימות געפּאשעט דאָס פֿעטע גראָז וואָס האָט זיך געשפּרייט צופֿוסנס פֿונעם בארג. ס'האָט זיך געהערט דאָס שטילע דרימפּלען פֿונעם פּאסטעכס מאנדאָלינע. מאָטל האָט איבערגעריסן דאָס שטילקייט.

— זעסט, האָט ער אָנגעוויזן מיטן פֿינגער, דער טייך איז נישט נאָר א גרענעץ צווישן צוויי לענדער, נאָר אויך צווישן צוויי וועלטן. פֿארשטייסט? דאָרט פֿון יענער זייט קומט פֿאָר א גראנדיעזער עקספּערימענט וואָס מוז איבערגעשטאלטיקן די וועלט.

איך האָב באטראכט מאָטלען, זיין געשניצטן פּראָפֿיל, זיין פֿארשפּיצטע נאָז און בלאס פּנים. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און זיינע אויגן האָבן געפֿינקלט מיט שטאָלענע רעפֿלעקסן:

— מיר וועלן איבערקערן די אלטע פארשאָלטענע וועלט און אויפבויען א נייע, א יושרדיקע, אין וועלכער ס'וועט געוועלטיקן נישט דאָס געלט און די בורזשואזע צעפּוילטקייט, נאָר דאָס פאָלק, די ארבעטער, די שעפער פון אלע רייכטימער, זיי וועלן זיין די באלעבאָטים פון זייער מי, פון זייער שווייס.

— איבערקערן די וועלט? האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאפּט.

— יאָ, איבערקערן, פארניכטן ביז אין די יסודות, אויסברענען מיט פייער דאָס שלעכטע.

— פארניכטן? פארניכטן די וועלט? ווי אזוי מאָטל, מיינסט ס'איז מאָראליש?

— מאָראליש, שמאָראליש, — האָט זיך מיר נאָכגעקרומט מאָטל — איך מיין נישט פארניכטן די וועלט, איך מיין די נישט גערעכטע אָרדענונג, און דאָס איז ביי מיר מאָראליש, פולקאָם מאָראליש, זעלבספארשטענדלעך לויט אונדזער מאָראל, ווייל ס'זענען פאראנען צוויי מאָראלן: א פּראָלעטארישע און א בורזשואזע, אזוי ווי ס'זענען פאראנען צוויי וועלט אָנשויונגען, צוויי קולטורן.

איך האָב געקוקט אויף מאָטלען און נישט געקאָנט אויסרעדן א וואָרט. איך האָב געשטוינט, געהאט פאר אים א געפיל פון באגייסטערונג און אויך אביסל מורא. פון וואנען קומט אזויפיל קענטעניש צו דעם אָרעמען שוסטער-יונג, פון וואנען די אייזערנע לאָגיק, די קאָמפּראָמיסלאָזע שטעלונג, און די שנאה? ער האָט זיך נענטער אָנגעבויגן צו מיר, ארויפגעלייגט זיין האנט אויף מיין אקסל און מיר געקוקט גלייך אין די אויגן:

— יאָ, כדי איבערצעקערן די אלטע פארשאָלטענע וועלט דארף מען צולעגן א האנט.

ער האָט סקיצירט א שמייכל און פאָרגעזעצט:

— כ'ווייס ביסט א וווילער בחור, ביסט מיר נעפעלן נאָך דעמלט אין די ערשטע גימנאזיע קלאסן, איך ווייס אז טיף אין דיין באוווסטזיין אָדער אפשר אין דיין אונטערבאוווסטזיין טראכסטו ווי אונדז, אָבער קאָנסט זיך נישט אנטשיידן, ס'פעלט דיר דער רעוואָלוציאָנערער גייסט. אין דעם ביסטו טיילווייז שולדיק און טיילווייז די סביבה. ביסט נאָך נישט דערגאנגען צום אמת פון דער רעוואָלוציע.. ווייל, ווייל זיי נישט ברוגז

— מאַטל האָט זיך צעשמייכלט און די געשניצטע קאַנטורן פון זיין שטייף פנים האָבן זיך אָפגעשפּאַנט — זיי נישט ברוגז, ביזט אָבער דאָך א „ביעלאָרוטשקע“ (א ווייס הענטל). אמת דיין טאַטע איז אן ארבעטער, ער ארבעט אין בראָווער און איז עקספּלאָאַטירט פון די באַלעבאַטעס, פון די ברידער לעכטיג, איר זענט נישט נאָר קיין פאַרמעגלעכע, נאָר טאַקע קבצנים, אָבער מיט א „טראַלד“, „א קניפּ אין דער באַק—די פאַרב זאָל שטיין“, אָבער איר זענט נישט קיין תושבים פון דער „ניינטער גובערניע“. דיין טאַטע האָט געהאַלטן א קרעמל, אמת, די קאָנקורענטן האָבן אים פאַרשלונגען, דאָס געוועלבל איז פאַרשוונדן, אָבער די מענטאַליטעט פון א באַלבעסל איז פאַרבליבן. אמת, דו האָסט נישט געוואקסן אין עשירות, א חוץ דער גימנאַזיע אוניפאָרם פאַרמאָגסטו נאָך א פּאָר הויזן, זומער פאָרסטו נישט אין די וואַרעם בעדער ווי די ברידער לעכטיגס בנים, נאָר די ארבעטסט אין זייער בראָווער זאָלסט האָבן פון וואַנען באַצאָלן די שול-טאַקסעס, קויפן ביכער פאַרן נייעם לערן-יאָרן, און זיך אריינכאַפּן איין מאָל אין דער וואָך מיט דיין מיידל, עסן א „מאָראָזשענע*“. ביסט אויסגעוואַקסן אין דחקות, אָבער נישט אין דער „ניינטער גובערניע“; און אז נישט דו, מאַכן זיך דיינע עלטערן אילוזיעס אז זיי וועלן מאַכן פון דיר א שטיקל בוכהאַלטער, אָדער ווען ס'איט קומען די צייט וועסטו חתונה האָבן פאַר א רייך מיידל און וועסט אריין אין א שמאַלץ-גרוב. ווייסט, ווען מע האָט מיך ארעסטירט און געשלאָגן מכות רצח, האָב איך געשווינגן נישט אויסגעזאָגט פונעם חדר. בומע גבריאלס אָבער, האָט נאָך עטלעכע פּעטש אויסגעזאָגט מער וויפל מ'האָט באַדאַרפט. פאַרוואָס זשע? ווייל ווען מע האָט מיך געשלאָגן האָב איך פאַר מיר געזען די „ניינטע גובערניע“, מיין באָבע די "קורע-לאָפּניטשקע“, וואָס גייט איבער די דערפער מיט אירע געשוואָלענע פיס און כ'האָב געפילט מאיר שוסטערס קלעפּ ווען כ'האָב ביי אים געלערנט די מלאכה, ווייל איך בין א געשלאָגענער הונט; און ווען די מחבלים האָבן מיך געהאָנגען מיט די פיס ארויף און געשמיסן אין די פּיאַטעס, האָב איך שוין גאָרנישט געפילט, נאָר כ'האָב געזען ווי די רעוואָלוציאָ-

* אייזקרעם

נערע באטאליאָנען מארשירן מיט פונאנדערטגעוויקלטע פאָנען און איך לויף אָנזאָגן דער וועלט די גרויסע בשורה...

מאָטל האָט זיך אָפּגעשטעלט גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט איבער־כאַפּן דעם אָטעם, מיט א האסטיקן זשעסט פארנומען די טשופּרינע האָר וואָס איז אים געפאלן איבערן שטערן און פאָרגעזעצט:

— אָבער בומע גבריאלם? נאָך א פּאָר פּעטש האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין שיינער, זאטער היים, אין זיין טאטנס שניט־קראָם, און די פיינע שמעקנדיקע מאכלים וואָס מ'פראוועט ביי זיי, און זיין רעוואָלוציאָנע־רער אויסדויער האָט אָנגעהאָלטן פון אסתר־תענית ביז פורים. איצט פארשטייסטו שוין? מיין נישט כ'וויל זאָגן אז פון קליינבירגערלעכע עלעמענטן קען זיך נישט טרעפן ס'זאָלן ארויסקומען רעוואָלוציאָנערן, אָבער קיין צוטרוי האָב איך נישט צו זיי. אזוי, גוטער ברודער, מיך האָט געשלאָגן די פאָליציי, מאיר שוסטער און מיין באָבע אסתר־צירל. נאָר אמשטארקסטן האָט מיך געשלאָגן מיין גורל, אָדער בעסער געזאָגט, די אלע קלעפּ וואָס איך האָב ארייגעכאפט זענען נישט מער ווי א דיאַ־לעקטישע אנטוויקלונג פון די קלעפּ וואָס ס'האָט מיר דערלאָנגט מיין גורל. איך בין געבוירן געוואָרן אויף דער „ניינטער גובערניע״, מיין טאטע איז אהיים געקומען פון דער מלחמה א קאליקע, איך געדענק אים נישט. ווען ער איז געשטאָרבן בין איך אלט געווען א יאָר. קיין מאמע האָב איך נישט געהאט. יאָ, יאָ, נישט געהאט. איך ווייס נאָר אז סאָניע די „קור־ווישטשע״ האָט מיך איבערגעלאָזט און אנטלאָפן מיט א קאָזאק. די באָבע האָט מיך אויסגעכאָוועט. ווען כ'האָב אָנגעהויבן פארשטיין האָב איך דערזען אז כ'בין קיינעמס נישט, אפילו די „ניינטע גובערניע״ האָט אויף מיר געטייטלט מיט איר שמוציקן פינגער. נאָר איך האָב מיין שטעטל באשטאנען, זיך געוואָרפן מיט די קולאקעס און געביסן מיט די ציין די וואָס האָבן מיך באליידיקט. א גליק די באָבע אסתר־צירל. זי האָט מיך געשלאָגן און איך האָב זי צוערשט געהאסט, נאָר אז כ'האָב אָנגעהויבן פארשטיין און אנאליזירן די סיבות, האָב איך געזען אז מיין באָבע איז נישט אן ערגערע פון אנדערע, נאָר אפשר טאקע א בעסערע. איך האָב אָנגעהויבן פארשטיין אז איר לעבן איז געווען ביטער־גאל און אז זי האָט זיך מיר געווידמעט מיט לייב און לעבן. זי האָט געהאט די אמבי־

ציע און געוואָלט וויזן דער „ניינטער גובערניע“ אז איר מאָטל קען אויך זיין א „גומנאזיסט“, און ווען איך האָב אָנגעטאָן די אוניפאָרם מיטן נומער אויפן לינקן ארבל, איז זי געווען אויפן זיבעטן הימל. פאַר־שטייסט אליין אז זי האָט אָפּגעריסן פונעם מויל פון מיינעט וועגן. דערנאָך איז געקומען די גרויסע אנטוישונג. איך בין ארייננעפאלן, און מ׳האָט מיך אויסגעשלאָסן פון דער גימנאזיע. דאָס זענען געווען די שווערסטע טעג אין איר לעבן. זי האָט געהאָרעוועט, געטאָפּטשעט די שליאכן מיט מיט אירע געשוואָלענע פיס, אָפּגעריסן פונעם מויל, זיך גאָרנישט פאַר־גינען און צום סוף... זי האָט אויסגאָסן איר ביטער הארץ אויף מיר, ווייל איך האָב זי אנטוישט, ווייל זי האָט געמיינט אז די „ניינטע גובערניע“ פון וועלכער זי האָט מיך געוואָלט ארויסרייסן, וועט מיך ווידער איינשלינ־גען.

מאָטל האָט צוזאמענגעדריקט די פויסטן און איך האָב געזען די שניטן אויף זיינע פינגער און די שווארצע נעגל פון סמאָלע. ער האָט זיך אויפ־געהויבן און צו מיר אראָפּגעקוקט גלייך ער האָט זיך אויף מיר געוואָלטווארפן מיט זיינע שטיינערדיקע פויסטן:

— יאָ, דאָס לעבן האָט מיך געוואָרפן אויף דער זייט באריקאדע, אָ־בער איך וועל פון דאָרטן ארויס, כ׳וועל ארויס אָבער נישט ווי א דעזער־טיר, איך וועל ארויס, זיך באפרייען, אָבער נישט נאָר זיך אליין, נאָר די גאנצע „ניינטע גובערניע“ וועל איך באפרייען, איך וועל זיי אלע וויזן... און אויך שיינדלען...

איך האָב זיך האסטיק אויפגעהויבן און מיט אים זיך פארמאָסטן:

— וואָס האָסטו מיט שיינדעלען? מיט וואָס איז זי דיר שולדיק?

מאָטל האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, די טשופרינע האָר איז אים געפאלן אויפן שטערן און די ליפּן האָבן זיך אים פארקרומט אין א בי־טערן שמייכל:

— איך האָב גאָרנישט מיט שיינדעלען, זי איז מיר גאָרנישט שולדיק, איך האָב זי פשוט ליב .. ליב, פארשטייסט? איך ווער נאָך איר פארברענט, פארשטייסט? איך האָב זי ליב, און זי האָט דיך ליב, פארשטייסט? און דו האָסט זי אויך ליב, נאָר איך האָס דיך נישט דערפאר, זאָלסט דאָס וויסן. אָבער זאָלסט וויסן אז כ׳ווער נאָך איר פארברענט. איך שלאָף

נישט דורך די נעכט. איך כאַפּ זיך אויף און גיי אַראָפּ צום גרויסן טייך, ליג מיין הייסן פיבערדיקן קאָפּ אין דער קילער ראַסע פונעם גראָז און קאָן זיך נישט אָפּקילן.

— מאָטל! האָב איך געפרוווט עפּעס זאָגן..

— ניין! ניין! דאַרפסט מיר גאָרנישט זאָגן, איך דאַרף נישט דיין מיטלייד, קיינעמס מיטלייד דאַרף איך נישט, איך קאָן זיך באַהערשן, זיי רואיק, און איך ווייס אַז אפילו די געשיכטע — אפשר פאַרשטייסטו עס נישט — האָט אויך אַ קלאַסעוון אונטערשלאַק... ווייל ווען שיינדעלע זאָל מיך אפילו יאָ ליב האָבן, וואָלט דען יאָסל בעקער מסכים געווען דערמיט? יאָסל בעקער, דער שיינער ייד, דער אַנשטענדיקער באַלעבאָס, דער נגיד, דער קלאַסן שונא...

— יאָסל בעקער אַ קלאַסן שונא? וואָס רעדסטו מאָטל? איך פאַרשטיי נישט...

— דו פאַרשטייסט נישט, און וואָס פאַרשטייסטו יאָ? די פאַרעווער יונגערמאַן. יאָסל בעקער איז טאַקע נישט קיין קאַפּיטאַליסט ווי די ברידער שאַר, אָדער לעכטיג, ער איז אָבער אַן אייגנטימער, ער נוצט אויס פרעמדע אַרבעט, אויף אים אַרבעטן מענטשן. דעסגלייכן אויך לייקע די „צוקער־נישטקע*״, ביי וועלכער ס׳אַרבעטן מיידלעך 10 שעה פאַר 20 ליי אַ טאָג. יאָסל בעקער, לייקע די צוקערניטשקע און כדומה זיי, זענען פונקט אַזוי געפערלעך ווי די קאַפּיטאַליסטן, זיי זענען די באַצילן־טרעגער פונעם קאַפּיטאַליזם...

מאָטל האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיין פּנים איז געווען בלאַס, פאַרשוויצט, ער האָט שווער געדעכעט ווי איינער וואָס לויפט באַרג אַרויף, דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט ביידע זיינע הענט אויף מיינע אַקסלען און מיר אַריינקוקט גלייך אין די אויגן אַריין:

— אַנטשולדיק מיר, זיך אַביסל אַראָפּגערעדט פונעם האַרץ, און דאָס מיט שיינדעלען בעט איך דיך פאַרגעסן... זיך אַביסל איבעריק צעהיצט.. נו, איצט לאָמיר גיין, קום, וועל איך דיר ווייזן די „נייעטע גובערניע״. ביסט אַמאָל דאָרטן געווען?

---

* פאַבריקאַנטין פון צוקערלעך

נעכטן אויפֿדערנאַכט האָב איך זיך געלייגט שלאָפֿן און געלאָזט די זכרונות אריבערטרעטן די חלומות־שוועל.

אָט פֿאָרט דער פֿעטער אריה פֿון דער מיל מיט אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט זעקמעל, ער צעפּירט זיי צווישן די בעקערייען. אָבער ער פֿאָרט נישט איבער די געסלעך פֿונעם שטעטל, נאָר איבער די גאַסן פֿון דעם קוואַרט ווו איך געפֿון זיך, אין קאַלימאַנעשט. אין דער רעכטער האַנט האַלט ער די בייטש און מיט דער לינקער פֿירט ער דאָס פֿערד ביים צוימל. פּטררר, האָ! דאָס פֿערד שטעלט זיך אָפּ, דער פֿעטער אריה נעמט אַראָפּ די קוטשמע פֿון עם קאָפּ, ווישט אָפּ מיט זיין ברייטער דלאָניע דעם שווייס פֿונעם שטערן און קוקט זיך אַרום. פֿון יענער זייט וועג האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט זיין פֿאַ־יעטאָן שייקע בעל־עגלה. ער זיצט אויף דער קאָזלע, פֿאַרדרייט אַ גראָבן ציגאַר, וויל אים אָנצינדן, נאָר דער פֿעטער אריה שלאָגט אים איבער:

— שייקע! שייקע! איך וויל אָנפֿויען מיין לאָשעק, ווישע זאָל איך אים אָנפֿויען, האַ?

פֿעטער! פֿעטער! זיידע! זיידע! האָב איך אַ געשריי געטון פֿונעם שלאָף, און זיך אויפֿגעכאַפּט. כ'טו אַ קוק אויפֿן זייגער: האַלב־דריי. איך דריי זיך אויפֿן געלעגער אַ שטיקל צייט, דערנאָך גיי איך אַראָפּ, עפֿן אויף ס'פֿענצטער און אין צימער שטראָמט אַריין די קילע פֿייכטלעכע לופֿט וואָס שמעקט עטוואָס נאָך סירקע. איך לעג זיך צוריק, ווער אַנטשלאָפֿן און ווידער אַמאָל קומט מיר צו חלום דער פֿעטער אריה און דער זיידע יחיאל. דער פֿעטער אריה איז געווען מיין עלטער־פֿעטער, ער איז געווען מיין זיידע יחיאלס ברודער. זיי האָבן אַזוי געענלעכט צווישן זיך גלייך זיי וואָלטן געווען צווילינג־ברידער. ביידע גבורים, הויכע, ברייט־פּלייצעדיקע, מיט רויטע פּנימער, בלויע אויגן און צעשויבערטע רויט־לעכע בערד. ווי האָבן פֿאַר קיינעם קיין מורא געהאַט, אַפֿילו שיכורע קאַצאַפּעס האָרן זיי אָפּגעטרעטן דעם וועג. ס'איז געווען אַזאַ ענלעכקייט צווישן זיי, אַז נאָכדעם וואָס דער זיידע יחיאל איז געשטאָרבן — און איך בין נאָך געווען קליין — האָב איך אָנגעהויבן רופֿן דעם פֿעטער אריה — זיידע. דער זיידע און דער פֿעטער אריה האָבן ביידע געאַרבעט ביי די ברידער שאָר אין דער מיל. דער זיידע פֿלעג דערציילן:

— איך האָב געאַרבעט נאָך ביים אַלטן לוי שאָר. ער איז געווען א ייד א למדן, א ירא-שמים, נישט ווי זיינע זינדלעך. ער האָט דעם אַרבעטאָרער באַצאָלט זיין שכר, חוץ דעם, יעדן דאָנערשטיק א האַלבן פוד געבאַטלט מעל, צאַרסקע מעל, נישט ווי אַצינד ביי זיינע בנים, זיי זענען ניט צו גאָט אין ניט צו לייט...

דער זיידע יחיאל און דער פעטער אריה האָבן ביידע געאַרבעט אין שאָרס מיל אינדערפרי, דערנאָך פלעגן זיי מיט פערד און וועגעלע צעפירן זעקלעך מעל צווישן די בעקערס און אַז ס'האָט זיך געטראָפן עפּעס א זייטיק פאַרדינסטל, עפּעס איבערפירן מיט פערד און וועגעלע, האָבן זיי זיך נישט אָפּגעזאָגט. למשל זעק מיט גערשטן פון אברהם-אהרן „קראַטש" דעם תבואה סוחר — אין בראָווער אריין, אָדער געהילץ, שינדל, בלעך, אָדער ציגל פאַר עפּעס א געביידע אין שטעטל.

זיי פלעגן אַרומגיין פאַרפּראָשעטע פון קאָפּ ביז פיס. זייערע פּנימער, די געדיכטע ברעמען-בערשטלעך און די בערד זענען געווען ביי זיי פאַרפּודערט מיט דער ווייסער מעל פּודער און די מלבושים זייערע, אפילו די שטיוול זענען געווען פאַרפּראָשעט מיט מעל. מע פלעג זיי רופן די „מוטשניקעס*". גבורים זענען געווען די צוויי ברידער, כאָטש זיי האָבן זיך א סך אָנגעליטן אין זייער שווערן, אויסגעהאָרעוועטן לעבן.

דעם זיידע יחיאל האָט מען בשעת דער ערשטער וועלט-מלחמה פאַרשיקט קיין סיביר איבער אַן אויסגעטראַכטן בלבול פון די צאַרישע מאַכטהאָבער. מע האָט אים באַשולדיקט אין פאַרקויפן מלוכה סודות די עסטרייכער... האָט מען אים פאַרשיקט אין וואָלאָגאָדסקער גובערניע ווי ער איז אָפּגעווען קאַרגע צוויי יאָר. ער האָט זיך אומגעקערט נאָכן אויסברוך פון דער פעברואַר רעוואָלוציע אין 1917. ער איז אַהיימגעקומען אַן אויסגעדאַרטער, אָבער נישט קיין געבראָכענער און א באַגייסטערטער פון דער רעוואָלוציע... „יחיאל סימע-לאהס איז א גבור", — האָבן יידן גערעדט מיט אָפּשיי. ער איז געווען אַן אָרימאַן, אָבער אַן אָנגעזעענער בעל-הבית, גבאי אין דער בלעכערישער שיל, און אויך א בעל-

---

* וואָס האַנדלען, אָדער אַרבעטן מיט מעל

סורא איז ער געווען. „יחיאל סימע-לאהס קען אביסל דריבניטשקע" — האָבן יידן גערערט מיט אָפּשיי.

דער זיידע האָט אינגיכן געקויפט אַן אנדער פערדל, א ווייס פערדל, אים א נאָמען געגעבן „בילעק" און זיך גענומען צו זיין אמאָליקער עבודה, אין מיל און אין גאס. די באָבע רייזל, אָבער, האָט נישט לאנג אויסגעהאלטן, אין א פּאָר יאָר ארום נאָך זיין צוריקקומען איז זי גע-שטאָרבן.

דעם פעטער אריה האָט דאָס לעבן אויך נישט געשאנעוועט. ער האָט געהאט א זון און א טאָכטער. מאכט זיך אין א זומער טאָג גייט די טאָכ-טער — מינצע האָט זי געהייסן — א געזונטע, שיינע מויד — זיך באָדן, און דערטרינקט זיך. דאָס שטעטל איז געגאן כאָדראָם. יידן האָבן אָפּגעשאָקלט: „אזאן אומגליק, אזא צאָרן, א ביטערער ונתנה-תוקף, אָבער אין די ספירה טעג דארפן זיך נישט גיין באָדן"... דער זון, קלמן, האָט חתונה געהאט, געבראכט זיך א ווייב פון אַן אנדער שטעטל, אָפּגע-לעבט מיט איר א פּאָר יאָר, און אין א שיינעם טאָג איז ער נעלם געוואָרן, איבערגעלאָזט דאָס ווייבל אַן עגונה מיט א צווילינג אויף די הענט. אין א שטיקל צייט ארום איז געשטאָרבן די מומע זיסל. מסתם זיך פארהרי-זעט — האָט מען געזאָגט, און געשטאָרבן אויף א ראק — „אויף אלע פוסטע וועלדער" — האָבן יידענעס אָפּגעשאָקלט מיט די קעפּ.

צוויי גבורים זענען געווען די צוויי ברידער, נאָר די צרות, די קלעפּ פונעם לעבן האָבן זיי נישט געבראָכן. זיי האָבן נישט געפעלט פון קיין שמחות אין שטעטל און זענען געווען אין דער מיט פון די געשעענישן אויף דער יידישער גאס. אייניקע מאָל נאָך דער ארבעט, אויסגעשפאנט פערד און וועגעלע, פלעגן זיי זיך ארייננכאפּן צו יונהן, זיצן ביי א גלעזל וויין, זיך דערמאָנען, אָפּקרעכצן און דערנאָך זיך „דערוואַרעמען" און צוזינגען זייער באליבט לידל: „אין דרויסן גייט א רעגן, אין דרויסן גייט א רעגן, מיט א קליין ביסעלע שניי, אלע מיינע יאָרן בין איך ארומגעפאָרן, און איצט טוען מיך מיינע ביינער וויי". ס'פלעגן צו זיי צושטיין דער אלטער פלטיאל, פראָים פעלדשער און בערל דער בייגל-בעקער, ווערן ביגלופן און מיטזינגען... נאָך דעם וואָס די באָבע רייזל און די מומע זיסל זענען געשטאָרבן, האָבן זיי אָנגעהויבן ארייננגיין אָפטער צו יונהן אין שענקל,

פארטרייבן די מרה־שחורה. אָבער נאָכן טויט פונעם זיידע יחיאל האָט דעם פעטער אריה באַזעצט די עלטער, ער איז אויף אַמאָל ווי איינגעהויקערט געוואָרן, זיין פייערדיק־רויטע באָרד איז גרוי געוואָרן, פון זיינע אויגן האָט ארויסגעקוקט דער אומעט. ער האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן אויף די קריזשעס. „אוי קינדער, די קריזשעס"! ער האָט אָבער נישט פארלוירן דעם חוש פון זיין געזונטן הומאָר, דעם אופן אויף וועלכן ער פלעג זיך וויצלען און זיך אויסלאכן פון די אָנשיקעניש פונעם לעבן. איך געדענק ווי ער האָט אונדז אַמאָל געזאָגט: „איר הערט קינדער, אַן אָרימאַן שטארבט ניט, ער בייט נאָר איבער דאָס געלעגער". א צווייט מאָל, ווינטער צייט ווען זיינער א שכן, משולם קירזשנער איז געשטאָרבן, האָט ער אָפּגעקרעכצט און געזאָגט: „אָט, האָסטו דיר, אָ, נעמט משולם און שטארבט אוועק פונקט אין מיטן סעזאָן"...

נאָכן זיידנס טויט האָט דער פעטער אריה פארקויפט זיין פערדל דעם „טשיזשלעק", געגעבן דאָס געלט דער מומע פערעלע וואָס איז געבליבן א קיילעכדיקע יתומה, און זיך גענומען דעם זיידנס „בילעק"; אין א שטיקל צייט ארום האָב איך אָנגעהויבן רופן דעם פעטער אריה — זיידע. אין א געדיכט וואָס איך האָב שפּעטער געווידמעט דעם זיידן יחיאל, זענען ביי מיר ביידע פארשוינען צונויפגעשמעלצט אין איינעם, אזוי ווי זיי זענען ביי מיר פארבליבן אין מיין קינדערישן זכרון. און איצט אין דער נאכט איז מיר דער פעטער אריה געקומען צו חלום און איך האָב געשריגן פון־נעם שלאָף: פעטער! פעטער! זיידע! איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. ווידער איינגעדרימלט און נאָך אַמאָל אים געזען אין חלום, דאָס מאָל האָב איך אים געזען אין יענעם הייסן זומער טאָג, ווי ער איז געשטאַנען א צעשויבערטער, זיין שוין גאַנץ ווייסע באָרד האָט געציטערט. ער האָט נישט געטראָפן, עפּעס ארייגעזאָגט דעם דייטש, און דער עס־עס האָט אים דערלאַנגט מיטן רעוואָלווער. איבערן פּנים האָט אים גערינען א ריטשקעלע בלוט. רעכטס! — האָט א ריטשע געטון דער דייטש, דאָס הייסט צו דער קאָלאָנע פון די סעלעקציאָנירטע צום טויט. ער האָט געשפּאַנט צווישן די לעצטע. איך האָב געזען זיין הויכע עטוואָס געבויגענע סילועט, זיין נישט געבויגענעם קאָפּ און זיינע געביילטע פויסטן. איך האָב אים געוואָלט נאָכשרייען: פעטער! פעטער! זיידע! נאָר א ביטערער קנויל

האָט מיר געשטיקט דעם האַלדז... ס'איז געווען דעם 3טן יולי 1941...

*

פירט מיך דאָס סטעזשקעלע ווי געוויינטלעך אַראָפּ דורך דעם פּאַרק צום טייך. אָט איז דאָס בריקל וואָס פאַרבינדט דעם ברעג מיטן קליינעם באַגרינטן אינדזל און אָט איז דער פּאַראָם צוגעבונדן צום בריקל. פון יענער זייט אָלט, שלענגלען זיך די באַן ליניעס און די באַנען וואָס לויפן, דאָס קלאַפּן פון די רעדער און די געשרייען פון די לאָקאָמאָטיוון שטערן אויף א ווייל די רו און זייער עכאָ טראָגט זיך ווייט איבער די בערג און איבער די וועלדער. ווייטער אונטער די באַוועלדערטע בערג ציען זיך גערטנער און סעדער. די צווייגן פון דיביימער הענגען אַראָפּ שווערע אונטער דער לאַסט פון די פירות און פון צווישן די ביימער בלישטשען אַרויס ווייסע פויערישע שטיבלעך מיט רויטע טשערעפּענע דעכער.

דאָס בריקל פאַרבינדט דעם ברעג מיטן אינדזל און פונעם אינדזל ביז צום צווייטן ברעג קורסירט א פּאַראָם. אין 10 מינוט שיפט מען זיך אַרי־בער אויף דער צווייטער זייט. שוין 5 טעג אַז סע ציט מיך אַהער ווי א מאַגנעט און איך בין זיכער אַז אינערגעץ וואָלט איך נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרצייכענען די זכרונות. נאָר דאָ קען מען זיך פאַרטראַכטן, זיך פאַרטיפן אין די רעיונות, נאָר דאָ קענען די זכרונות פליסן אַזוי פריי, נאָר דאָ קענען זיי זיך קאָנקרעטיזירן אין געשטאַלטן, אין טיפן, אין געשעענישן, קענען אויפוועקן פאַרגעסענע ליידנשאַפטן און אויסגעלאָ־שענע נאָסטאַלגיעס. נעם איך אַרויס דעם צעקנייטשטן העפט מיט די נעכ־טיקע פאַרצייכענונגען, קוק זיך צו צום טייך, הער זיך צו צום שטילן גערויש פון זיינע כוואַליעס, פאַרמאַך די אויגן און כ'בין ווידער ביי „מיין" אַמאָ־ליקן טייך. מאָטל שטעט לעבן מיר, ער האַלט זיין שווערע האַנט אויף מיין אַקסל און זאָגט מיר צום צווייטן מאָל: „קום, וועל איך דיר ווייזן די „ניינטע גובערניע", ביסט אַמאָל דאָרטן געווען?

— יאָ, געווען, געווען, האָב איך געשטאמלט. למען האמת, בין איך געווען דאָרטן, שוין לאנג מיט יאָרן צוריק. מיטגענומען האָט מיך דער זיידע יחיאל. איך בין נאָך געווען א קינד, געקומען צוגאסט פונעם דאָרף. דער זיידע האָט מיך אויפגעזעצט אויפן וואָגן מיט זעק מעל, א צי געטאָן די וואשקעס, א קנאק געטאָן מיט דער בייטש און וויאָאָאָ.. דער בילעק האָט אָנגעשטרענגט זיין מאָגערן גוף, א פאָרנע געטאָן מיט די נאָזלעכער ווי א מענטש וואָס זיפצט אָפּ אויף זיין שווערן אומפארמיידלעכן גורל, א שלעפּ געטאָן דעם שווער אָנגעלאָדענעם וואָגן, טרעסענדיק אים איבער די קרומע שטיינער פונעם שליאך.

— זיידע, קויף מיר א צוקערקע..

— באלד זונעניו, לאָמיך נאָר אָפּווארפן צוויי זעק מעל ביים „טערק“, אילן מיר זיך אָפּשטעלן ביי לייזע דער צוקערניטשקע, ל'איך דיר קויפן פאר 5 ליי צוקערקעס און קארמעלן.

איך בין געווען אין זיבעטן הימל. אין יענעם אומפארגעסלעכן טאָג האָט מיך דער זיידע אויסגעפירט די גאנצע שטאָט. מיר זענען דורכגע־פאָרן אויף די „ניינטע גובערניע“ און מיר האָבן זיך פארגעדענקט עפּעס קליינע איינגעהויקערטע שטיבלעך, שמאָלע קרומע געסלעך מיט א סך קינדער און שווערע ריחות פון פארשטינקענע וועש און געזשארעטע מאכלים מיט ציבעלעס. דער זיידע האָט אָפּגעלאָדן די סחורה, מיר גע־קויפט די צוגעזאָגטע נאשערייען, זיך אָפּגעשטעלט ביי משה קאָוואל און אָנגעקאָוועט דעם בילעק. דערנאָך, פארנאכטצו ווען מיר זענען צוריק־געפאָרן אהיים און דער זיידע האָט מיר געטרויעט די לייצעס מיט דער בייטש און דער בילעק איז געלאָפן א באפרייטער פון דער שווערער משא, אז פון זיינע פּידקאָוועס האָבן אזש פונקען געשפּריצט, בין איך אזוי גליקלעך געווען אז כ'האָב ארומגענומען דעם זיידן און געקושט זיין רויטע צעשויבערטע באָרד...

*

... מיר האָבן געשפּאנט בארג ארויף, געשפּאנט און געשוויגן. מאָטל האָט אלעמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, צוריקגעקוקט צום טייך ווי צו א

גוטן פריינד פון וועלכן מע צעשיידט זיך שווער. די זון האָט זיך אָנגעהויבן באהאלטן הינטער דער אלטער פעסטונג, וואָס איז געבליבן ווייט אויף רעכטס, און נאָר ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ בארג און אָנגעהויבן זיך לאָזן בארג אראָפּ איז די זון נאָך געווען הויך איבערן האָריזאָנט און האָט באגילט מיט אירע שטראלן דעם שמאָלן פארשטויביקטן וועג און די פויערישע כאקטעס צניעותדיק באהאָלטענע צווישן גרינע גערטענער. דער וועג האָט זיך פארנומען אויף רעכטס, דערנאָך ווידער אויף לינקס און באלד האָט זיך דערטראָגן א גערויש פון דערווייטנס און אויף וויפל מיר האָבן זיך דערנענטערט האָב איך אָנגעהויבן שפּירן ריחות וואָס האָבן מיר דערמאָנט אין יענע, פון צוריק מיט יאָרן, ווען איך בין געווען דאָ מיטן זיידע יחיאל. פון א הויף איז ארויס א דערשראָקענע קאַץ און א יידענע האָט איר נאָכגעוואָרפן א שטיין .. „אקאָטא סטיערווא, סמעטענע האָב איך אליין ליב" ..

מיר זענען אריין אין א שמאָל, שמאָל געסל מיט קליינע איינגעהויקערטע שטיבלעך. דאָס געסל איז געווען אזוי שמאָל, אז די שכנים וואָס זענען געזעסן אויף די נידעריקע פריזבעס און „געקנאקט" קערלעך האָבן זיך דורכגעשמועסט צווישן זיך. ווייבער האָבן געקוויטשעט, זשעסטיקולירט מיט די הענט, געלאכט, אייניקע האָבן זיך געקריגט און געשאָלטן. אָפּגעריסענע האלב-נאקעטע קינדערלעך האָבן געליארעמט, זיך געשפּילט אין מיטן דעם שמאָלן פארדרייטן געסל. אייניקע פון זיי האָבן געהאט היפּשע בייכלעך און דארע פיסלעך. מאָטל האָט מיך א טאָרע געטאָן:

— זעסט, לשון מעדיצין הייסט עס ראכיטיזם, אָבער אויף פּשוט מאמע-לשון הייסט עס געשוואָלן פון הונגער ..

מיר האָבן זיך פארנומען אויף רעכטס, אויף אן אנדער שמאָל געסל מיט די זעלבע קרומע שטיבלעך, אייניקע פון זיי מיט אויסגעזעצטע שויבן און אייניקע אונטערגעשפּארטע מיט דרענגער. אויך דאָ האָבן זיך קינדער געשפּילט אין פּאָרעך און דערנאָך זיך צעשלאָגן, ווייזט אוים איבער

א קנעפּל. ס'איז געווען היים און שווערע ריחות פון פארפוילטער וועש, שוויס, געפּרעגלטע ציבעלעס און רויך פון ביליקן טאַטין האָבן געשטיקט דעם אָטעם. אויף פּריזבעס אָדער אויף בענקעלעך אין דרויסן זענען גע־זעסן שוסטערס און געקלאַפּט פלעקלעך אויף פּאַדאָשוועס פון איבערגע־קערטע שיך. א שניידער האָט געצערעוועט א צעריסן רעקל און אנטקעגן האָט אן אלטער קאָוואַל געצויגן דעם בלוזאק און דערנאָך געקלאַפּט אויף דער קאָוואַדלע א רויט אָנגעגליט שטיק אייזן.

— ס'איז נישט משה קאָוואַל*? האָב איך א פרעג געטאָן מאָטלען.

— יאָ, פון וואנען ווייסטו?

איך האָב אים דערקענט, ער איז שוין געווען גרייז־גרוי אין איינגע־הויקערט, נאָר איך האָב אים דערקענט. מיין זיידע האָט דעמלט צוריק מיט יאָרן אָנגעקאָוועט ביי אים דעם „בילעק".

אין מיטן דער גאַס איז געשטאַנען א צירולניק**. ער האָט געזייפט מיט מילינעס זייף א פּארוואקסן פּנים, געשאַרפט די בריטווע און געשריגן: „דריי ליי, דריי פראנק! א מציאה, זאָגט איר אליין, איך מאך איעדן יונג און שיין".

אן אלטער ייד אָנגעשפּארט אין א שטעקן שטעלט אונדז אָפּ: „גיט א נדבה, שענקט א נדבה". אן אנדערער אלטיטשקער גייט און רעדט צו זיך אליין, ער זינגט אויס מיט א תהילים ניגון: „ס'א וועלט מיט וועל־טעלעך, צרות אָן א שיעור. וועלטעלע, וועלטעלע, א כראקע כ'טו אויף דיר.."

איך האָב געגעבן דעם אלטיטשקן א נדבה און ער האָט זיך ווייטער אונטערגעזונגען: „אה, אה, אצינד בין איך ווידער א לעבעדיקער מענטש, כ'האָב ווידער א קאָפּיקע אין קעשענע, ווייל ווי שטייט געשריבן, „עני חשוב כמת, האַ?"

די אָפּגעריסענע קינדער וואָס האָבן זיך געשפּילט אין „קנעפּלעך" אָדער אין „מעסערל", האָבן ווייזט אויס שלום געמאַכט, זיי שפּילן זיך

---

* שמיד

** פריזירער

ווייטער, פֿאַרנעמען דאָס גאַנצע געסל און זייערע קולות טראָגן זיך איבער דער „ניינטער גובערניע".

מאָטל האָט מיך אָנגענומען ביים אָרעם: „נו, אַז ביסט שוין דאָ, קום אַריין צו מיר". מיר האָבן פֿאַרקערעוועט אויף לינקס און אַריין אין אַן אַנדער פֿאַרשטינקען ליקל, מיט די זעלבע האַלב־נאַקעטע קינדער אין מיטן וועג, מיט די זעלבע זויערע ריחות פֿון די האַלב חרובע שטיבלעך. אין עק גאַס, לעבן אַ בית־מדרש האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: „דאָ וווין איך".

מיר זענען אַריין אין אַ ענג קויטיק צימערל אין וועלכן דער אויוון האָט פֿאַרנומען כמעט די העלפֿט פֿונעם שטח. אין מיטן שטיבל איז געשטאַנען אַ טישל מיט צוויי צעבראָכענע בענקלעך, אויפֿן טישל אַ טעלער אויף וועלכן ס'האָבן אַרומגעזשומעט צענדליקער פֿליגן. די ווענט שוואַרץ, פֿאַררייכערט, ס'האָט זיך געפֿילט דער ריח פֿון דער „ניינטער גובערניע".

— זיץ, רו זיך אָפּ, דערנאָך וועל איך דיך אונטערפֿירן.

איך האָב זיך געזעצט אויפֿן סקריפּענדיקן בענקל, זיך אַרומגעקוקט. אויפֿן אויוון איז געלעגן מאָטלס קלעפּערגעצייג: די קאָפּעטע, אַ נאָל, פֿאָדעם, פּלעקלעך, טשוועקעס; מאָטל פֿלעגט אַרבעטן שוסטעריי אין דער היים. די „קורעלאָפּניטשקע" — מאָטלס באָבע איז אין דער היים נישט געווען.

— נו, ווי געפֿעלט דיר מיין פּאַלאַץ?

מאָטלס שאַרף געשניצטע שטריכן האָבן זיך נאָך מער צוגעשפּיצט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, צוגעגאַנגען און פֿאַרנומען אַ פֿירהענגל וואָס האָט פֿאַרדעקט אַ מין שאַפֿקעלע מיט עטלעכע צענדליק ביכער. אויף איין ביכל האָב איך איבערגעלייענט „דער ראַטנפֿאַרבאַנד היינט". ער האָט אַרויסגעצויגן אַ דין ביכל מיט האַרטע טאָוועלעך אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן „מחזור". איך האָב אים געפֿרעגט אין אַ שפּאַס „וואָס־זשע מאָטל, גיסט מיר אַ מחזור אויף ימים־נוראים"? ...

מאָטל האָט זיך צעשמייכלט: „עפֿן עס אויף". איך האָב געעפֿנט דאָס ביכל און איבערגעלייענט די קליינע כמעט אָפּגעריבענע אותיות: „דער דיאַלעקטישער און היסטאָרישער מאַטעריאַליזם". ער האָט ביי מיר

תיכף צוריקגענומען דאָס ביכל גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט איך זאָל עס נישט פאַרהאַלטן און האָט מיר געזאָגט:

— זעסט, דאָס איז מיין תורה, דאָס איז מיין „אני מאמין‟, אָן דעם וואָלט מיין לעבן נישט געהאַט קיין ציל. איך וואָלט געווען ווי א שיף אָן א קאָמפּאַס אין מיטן א ברויזנדיקן ים. אזוי האָב איך א ציל אין לעבן, איך האָב א קאָמפּאַס, איך ווייס צוליב וואָס איך לעב, צוליב וואָס איך קעמף. קום איך וועל דיך באַגלייטן, ארויספירן פון דעם פאַרשטינקענעם תחום־המושב וואָס די אָרימקייט האָט אויפגעצווונגען פאַר הונדערטער אומגליקלעכע נפשות.

מיר זענען ארויס. די זון האָט זיך אָנגעהויבן באַהאַלטן אונטער די בערגלעך וואָס זענען געשטאַנען ווי פאַרטראַכטע און האָבן באַוואַכט דעם טייך מיט זיינע סודותפולע ברעגן. „גיט א נדבה! שענקט א נדבה!‟ האָבן זיך אומגעטראָגן שאָטנס מיט אויסגעשטרעקטע הענט. פון א צווייטן געסל האָבן זיך דערטראָגן קולות: „צדקה תציל ממות, צדקה תציל ממות‟. די קולות האָבן זיך דערנענטערט און איך האָב געזען ווי סענדער דער משוגענער, א באָרוועסער, א צעבראָכטעטער, מיט א מאיר בעל־נס פושקע אין וועלכער ס׳האָט געקלאַפּט א מטבעה, האָט געפּאָכעט מיט איר אין דער לופטן: „צדקה תציל ממות!‟ ער האָט דערנאָך אָנגעהויבן זיך קלאַפּן מיט דער פושקע אין קאָפּ אריין: „יידן, יידן, קומט צו מיין לוויה, קומט צו סענדערס לוויה ...‟ דער אַלטער ייד וואָס האָט גערעדט צו זיך אליין האָט אים נאָכגעשריגן: „משוגענע גענדז־משוגענע פעדערן.. זיין טאַטע איז אויך געווען חסר־דעה.‟

מאָטל האָט מיך ווידער אָנגענומען ביים אָרעם: „קום וועל איך דיר ווייזן ווי גאָלד פון דער „ניינטער גובערניע‟ ווערט פאַרוואַנדלט אין בלאָטע‟. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט צווישן א בינטל אָפּגעריסענע קינדערלעך וואָס האָבן זיך געשפּילט אין פּאָרעך. „בעניע, בעניע‟, האָט ער גערופן א שנעקל פון א יאָר זעקס, קום אהער.

— וואָס ווילסטו מאָט?

— בעניע, אנו ווייז נאָר דעם יונגנמאַן ווי די קענסט רעכענען.

דער שנעק האָט זיך א קראַץ געטאָן אין זיין שוואַרץ געקרויזטן קאָפּ האָר:

— זעסט נישט, כ'בין פֿאַרגעמען, נאָר אַז דו גיסט צוויי ליי בין איך מסכים. מאָטל האָט אים דערלאַנגט די מטבעות און אים גלייך געמומען פֿרעגן:

— זאָג, בעניע, וויפֿל איז 18 × 12?

דאָס ייִנגאַלע האָט זיך אַפֿילו נישט פֿאַרטראַכט, תיכף געזאָגט דעם רעזולטאַט.

— נו און 8×319, און 17×212?

בעניע האָט פּינקטלעך געענטפֿערט און איז באַלד אַוועק צו זײַנע קנעפּלעך.

מאָטל האָט אָפּגעזיפֿצט: „זעסט ווי עס גייט פֿאַרלוירן דער טייערסטער קאַפּיטאַל פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט, איר צוקונפֿט גייט פֿאַרלוירן, אַפֿילו איבער דעם, דאַרף די אַלטע געזעלשאַפֿט פֿאַרשווינדן. איצט קום וועל איך דיר ווײַזן אונדזערן אַ תּלמיד-חכם, ווי ער צאַנקט אויס אין מיטן אַ גלײַכגילטיקער, עגאָאיסטישער, טיראַנישער וועלט".

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קרום אײַנגעהויקערט שטיבל. אויף דער פּריזבע איז געזעסן אַ זקן מיט אַ ווײַס שיטער בערדל, וואָס האָט נאָר טייל־ווײַז צוגעדעקט זײַן געל צעקנייטשט פּנים. איבערן צעריסענעם העמד האָט ער געטראָגן אַ לײַבצודעקל און די ציצית האָבן אַרויסגעהאַנגען פֿון אונטער דער אָפּגעריבענער זשילעט. איך האָב תּיכף באַמערקט אַז ער איז בלינד און זײַנע אויסגעלאָשענע אויגן זענען געווענדעט ערגעץ ווײַט, איבער וועלטן און איבער צײַטן.

— אַ גוטן אָוונט רעב שמעקלע.

— אַ גוטן אָוונט, דו ביזט עס מאָטל?

— איך בין עס. וואָס טוט איר, רעב שמעקלע?

— וואָס איך טו? כ'זיץ און וואַרעם זיך אַקעגן דער זון און כ'טראַכט צו דעם „אין חדש תחת השמש". נו, און מיט וועמען ביסטו נאָך? איך זע נאָך עמעצן מיט דיר.

— יאָ, ר' שמעקלע, ס'איז מײַנער אַ חבר, מיר זענען געווען בײַם גרויסן טײַך.

— נו, מאָטל, און וואָס איז מיט דײַן משיח? מ'זאָגט ס'איז משיחס צײַטן, האַ?

— יאָ רעב שמעלקע, ער וועט קומען און ברענגען דעם אמת און דעם יושר אויף דער וועלט.

דער זקן האָט זיך געגלעט די באָרד און אויף זיין צעקנייטשטן פאַר־מעטענעם פנים האָט זיך צעלייגט א מילדער שמייכל:

— היי קינדער, דער אמת און דער יושר זענען געשטאָרבן אינאיינעם מיט משה רבינו.. אזוי ארום אז.. נאָר וואָזשע דען, מיט איין זאך בין איך יאָ מסכים מאָטל, ווי זאָגט דער רבי דיינער אין איינעם פון זיינע ספרים: „נישטאָ וואָס צו פארלירן א חוץ די קייטן". איאָ מאָטל?

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און מאָטל האָט זיך מיט אים גע־זעגנט:

— א גוטע נאכט, זייט געזונט רעב שמעלקע.

איך האָב זיך אויך געזעגנט מיטן זקן און מאָטל האָט מיר געזאָגט:

— דאָס איז שמעלקע דער „בלינדער", ער איז א גאון, ער איז נישט נאָר א תלמיד חכם, נאָר אויך א מאטעמאטיקער, ער איז בקי אין אלגע־ברע און אין געאָמעטריע, פון וואנען דאָס קומט צו אים ווייסט קיינער נישט, ער האָט א געניאלן מח. זעסט ווי גאָלד ווערט פארוואנדלט אין בלאָטע? נו, קום לאָמיך דיך ארויספירן פון דער „ניינטער גובערניע".

ס'איז געווען בית־השמשות, דער ליארעם פון די געסלעך איז נישט איינגעשטילט געוואָרן. קינדער זענען אלץ ארומגעלאָפן פארווילדעוועטע איבערן שטויביקן וועג. ווייבער זענען געזעסן אויף די פריזבעס, געקנאקט קערלעך, זיך איבערגעשמועסט און געזידלט. אין דרויסן לעבן א שטיבל האָט א שווארץ־חנעוודיקע מויד, אָדער ווייבל געוואשן ווינדלען און זיך צוגעזונגען:

„אוי וויי, מאָרגנשטערן,
ווען וועל איך א כלה ווערן.
אַלע מיידלעך האָבן חתונה,
נאָר איך בלייב אליין"...

אויף א פריזבע איז געזעסן אן אלטיטשקע מיט א קליין איינגעשרומפּן פנימל אָן ציין. אין דער האנט האָט זי געהאלטן א לאנגן שטעקן. פונעם פענצטערל האָבן ארויסגעשטעקט צוויי מיידלעשע קעפּ. די אלטע האָט מיך אָנגערירט מיטן שטעקן:

— יונגערמאַן, אפשר דאַרפסטו אַ כלה? אָן חופה קדושין, כי, כי, כיי פרישע סחורה, האַ? צאַפּלדיק .. אַ כלה אויף אַ נאַכט, אויף אַ שעה, כי, כי, כי., אַ צוואַנציקער און פאַרטיק, כי, כי, כי ..

ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט אַן עקל. כ'האָב אויסגעשפּיגן און מאָטל האָט מיך אַ טאָרע געטון:

— נו, ביזט נאָך אַלץ פאַרעוועט? וואָס? דו שווייגסט?

מיר האָבן געשפּאַנט באַרג אַרויף, אַרויס פון דער „ניינטער גובערניע" און זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט.

— מאָטל, איך בין נישט פאַרעוועט, איך בין שוין לאַנג נישט פאַרעוועט, נאָר איך האָב פּשוט ליב אָפּצווועגן און אָפּצומעסטן מער ווי דו. אָבער ס'איז מאָדנע, מאָטל, איך האָב נישט באַמערקט קיין שטיבלעך „פולע מיט צאָרן", נאָר פולע מיט שמוץ ..

— יאָ, דאָ ביסטו גערעכט, און דאָס איז טאַקע נישט גוט .. זיי זענען געוווינט געוואָרן מיט דער נויט, מיטן שטינק און מיט די לייז, זיי זענען גלייכגילטיק, אָבער טליען, טליעט און די מכה וועט אָנציען .. יאָ, ס'איז נישט לייכט, דאָס איז אונדזער לומפּן-פּראָלעטאַריאַט און מיר וועלן נאָך האָבן מיט אים צו זינגען און צו זאָגן, נאָר לאָמיר שוין האַלטן דערביי ..

איך האָב זיך געזעגנט מיט מאָטלען, פאַרשנעלערט דעם שפּאַן, דורכגעשפּרייזט דעם בולוואַר און איינגעאָטעמט די פרישע קילע לופט; אַרויס פונעם בולוואַר און פאַרקערעוועט אויף רעכטס; כ'האָב אייגנס אויפגעלייגט וועג כדי צו אָטעמען די פרישע לופט און זיין אביסל מיט זיך אַליין. אויפן הימל האָבן געפינקלט די ערשטע שטערן, יידן האָבן זיך אומגעקערט פון מנחה-מעריב. מיט לאַנזאַמע טריט בין איך דורגעגאַנגען דאָס שטילע געסל לעבנאויס כריסטאַקיס סאָד וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ לענג פון אַ העקטאַר, זיך פאַרנומען לינקס אויף דער פּריצישער גאַס, די גאַס פון די גרעסערע נגידים, יידן און נישט יידן און פון מלוכה — באַאַמטע. ביי אביגדור לעכטיג, איינער פון די ברידער וואָס האָבן געהאַלטן דעם בראָווער איז געווען ליכטיק. זיין ווילע מיט אַ שטאָק איז געשטאַנען אין אַ סאָד אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקן. כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייל. פונעם אָפענעם פענצטער האָבן זיך געטראָגן זיסע אַקאָרדן פון קלאַוויר, דאָס האָט זיין טעכטערל קלאַראַ געשפּילט

און איך בין געשטאנען א באצויבערטער פון שאָפּענס מוזיק. דערנאָך האָב איך זיך דערוווּיטערט און אין די אויערן און אין מח האָבן זיך מיר אויסגעמישט די ווונדערבארע אקאָרדן מיטן ווייַנענדיקן שעפּטשען פון די הייזעריקע קולות: „גיט א נדבה, שענקט א נדבה". ווען איך בין אָנגעקומען אויף אונדזער גאס איז שוין געהאט צוגעפאלן די נאכט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט א וויַיל ביי יאָסל-בעקערס הויז; שיינדעלע איז מסתם אין דער היים — האָב איך געטראכט — אפשר ווארט זי טאקע אויף מיר. אפשר איר אָנקלאַפּן אין פענצטער. אָדער צוויי מאָל א פייף טאָן לויט אונדזער אָן איינפארשטענדעניש? ניין, איך בין געווען אין א צו געדריקטער שטימונג זיך היינט אין אָוונט צו באגעגענען מיט שיינ-דעלען. זיך באגעגענען מיט איר, דארף מען איר דערציילן און זי וועט דאָס נישט פארשטיין. זיך באגעגענען מיט שיינדעלען היינט אין אָוונט, הייסט זיך אָנטון א פארגעניגן און דאָס טאָר איך איצט נישט טון. האָב איך זיך שטילערהייט אריינגעכאפּט אין אונדזער שטיבל, זיך אויסגעטון, און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן.. נאָר איינשלאָפן אין יענער נאכט האָב איך נישט געקאָנט.

## 6 סעפּטעמבער

ווידער א שיינער, ליכטיקער טאָג, ווידער צום קוואל נומ. 14, ווי א פרומער ייד אינדערפרי אין בית-מדרש אריין, און ווידער דאָס זעלבע עסן וואָס „עסט זיך צו". נעכטן אויפדערנאכט האָב איך אָנגעקלונגען טעלעפאָניש אהיים. אלעס בסדר. גערעדט אויך מיטן אייניקל. איר זילבערן גלעקעלע קלינגט מיר נאָך איצט אין די אויערן: „א גוטע נאכט זיידע, שלאָף געזונטערהייט". וויפל מאָל איך רעד מיט מיין אייניקל מיט דעם דריי יאָריקן מיידעלע, צעגיסט זיך מיר א ווארעמקייט אין אלע אברים און באלד נאָכדעם באהערשט מיך א געפיל פון אומרו, וויַיל איך מאַך באלד אן אסאָציאציע מיט די געשעענישן וואָס קומען פאָר אויף אונדזער אומרואיקער פלאנעטע. וואָפן, וואָפן, וואָפן, קאָנווענציאָנעל און אטאָ-מיש. עפּעס א מין משוגעת האָט ארומגעכאפּט די וועלט. עפּעס א מין

וואָפּן-קדחת און דער סוף קאָן נישט זיין קיין גוטער. אן אומרו פאַרכאַפּט נישט נאָר פונעם קאָפּשווינדלעריש‎ן וואָפּן-געיעג, נישט נאָר פון די „לאָקאַלע" מלחמות אין פאַרשידענע רעגיאָנען, צווישן די בני-ישראל און בני-ישמעאל און די בני ישמעאל צווישן זיך, אין אפריקע און אין צענטראַל-אַמעריקע, נישט נאָר פונעם טעראָריזם וואָס געוועלטיקט אין אונדזער לעבן ווי א געוויינטלעכע דערשיינונג. דער אומרו פאַרכאַפּט נישט ווייניקער ווען מיר טוען א טראַכט איבער דעם גורל פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן פון דער אזוי גערופענער „דריטער וועלט". ס'שווי־דערט די „פרידלעכע קאָעקזיסטענץ" צווישן הונגער און זאַטקייט, צווישן ווילטקייט און שרעקלעכער נויט, צווישן ציוויליזאַציע און מענ־טשלעכע דעגראַדירונג. „איך פאַרשטיי נישט" — וואָלט איך זיכער גע־זאָגט מאָטלען ווען איך וואָלט מיט אים זיך צופעליק באַגעגנט — „מאָטל — איך פאַרשטיי נישט". און איך שטעל מיר פאָר אז מאָטל, אַרויפ־שאַרנדיק מיט דער האַנט די טשופּרינע האָר וואָס פלעג אים פאַלן אי־בערן שטערן, וואָלט מיר געענפערט: „וואָס פאַרשטייסטו נישט יאָלד איינער, ווער האָט זיך געזאָרגט אמאָל ביי אונז אין שטעטל פאַר דער „ניינטער גובערניע", געדענקסטו? ניין? נו, און די „דריטע וועלט" איז דען נישט די „ניינטע גובערניע" פון אונדזער פּלאַנעטע?"

יאָ, יאָ, איך געדענק. איך זיץ דאָ ביים טיך און אָטעם די פרישע שאַרפע לופט פון די אַרומיקע וועלדער, אָבער איך שפּיר אין די נאָזלע־כער די שטינקענדיקע ריחות פונעם „מאַידאַן", איך הער דעם טריל פון די פייגל און גלייכצייטיק גרילצן מיר אין די אויערן די געשטיקטע קולות: „גיט א נדבה, שענקט א נדבה", און איך טראַכט: וויפל צייט וועט די זאַטע טייל פון דער וועלט זיך נאָך צוקוקן גלייכגילטיק צו דער „ניינ־טער גובערניע" פון אן אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב? און וויפל צייט וועט די „ניינטע גובערניע" נאָך שלינגען די סלינע צוקוקנדיק זיך צו די רייכע טישן פון די נגידים פון דער היינטיקער וועלט?

*

...סעפּטעמבער 1939. צו אונדזער שטעטל האָט זיך מער נישט דער־טראָגן קיין עכאָ פון קיין דונער. פּוילן איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער

איירָאָפּעישער מאַפּע און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די „מאָדנע מלחמה".
די פראַנצויזן האָבן זיך באַהאַלטן הינטער זייער אומבאַזיגבארער „מאַזשינאָ" ליניע און געוואַרט. די דייטשן הינטער זייער „זיגפריד" ליניע.
די ענגלענדער וואָס האָבן איינינעם מיט די פראַנצויזן דערקלערט דייטשלאַנד מלחמה, האָבן אויך דערווייל געוואַרט. יעדן טאָג האָבן די צייטונגען געמאָלדן דעם געוויינטלעכן „אויפן מערב פראָנט — קיין נייעס".
ס'האָט געהערשט עפּעס א מין אינערציע, אָבער מ'האָט געפילט אַז ס'הענגט עפּעס אין דער לופטן. דאָס לעבן אין שטעטל איז געגאַנגען זיין וועג: א חתונה, א ברית, א פדיון־הבן, א בר־מצווה, א לוויה. די פרייזן זענען געשטיגן, תבואה סוחרים האָבן פאַרדינט. הערשל פּראָצענטניק למשל — פלעג דערציילן דער טאַטע — האָט אָפּגעשיט עטלעכע וואַגאָן תבואה און אין א פּאָר וואָכן האָט ער אַרויסגענומען כּפל־כּפלים.
אברהם־אהרן „קראַטש" און יאָסל בעקער האָבן אויך נישט דערלייגט דער באָבעס ירושה — פלעג זאָגן דער טאַטע. פון די ברידער שאָר און די לעכטיגס איז שוין אָפּגערעדט. די קלייטניקעס האָב אויך געהאַט א גרעסערע שפע. ס'פלעגן זיך אָפּשטעלן גרויסע יארידים און אַז ס'א גרויסער יאריד, שיקט דער אייבערשטער צו פרנסה, איינעם מער, א צווייטן ווייניקער, אזוי גייט די וועלט. שווער איז געווען פאַר די אָרעמעלייט.
דער פעטער אריה פלעג אַרבעטן אין מיל און דערנאָך אַרומפאָרן א פאַרשטויביקטער און צעטראָגן זעק מעל צווישן די פּעקאַרניעס*. אויפדערנאַכט — פלעג דערציילן זיין שנור נעסיע — פאַלט ער אַריין ווי א הורג: „אוי קינדער, די קריזשעס, רופט מיר אַריין פראַים רופא ער זאָל מיך אביסל אויסשמירן".
צענדליקער יידן פלעגן אַרויסגיין יעדן פאַרטאָג ביז צו די ווינט־מילן, אפשר וועלן זיי כאַפּן א מציאה ביי א פּויער: עופות, אייער, א זעקל תבואה, איבערצופאַרקויפן דערנאָך די תבואה־הענדלער. זיי פלעגן זיך צוטשעפּען ווי די בינען צו די פּויערישע וועגעלעך און א סך מאָל פלעגן זיי כאַפּן שמיץ פון די פּויערישע בייטשן. וואָסזשע טוט א ייד א קבצן, ער כאַפּט שמיץ און לויפט נאָך ווייטער דעם פּויערישן וואָגן. ס'איז

* בעקערייען

דאָך דאָנערשטיק און מ'דאַרף אויף שבת, וואָסזשע זאָל מען טון? אויפֿ־שטעלן די האַנט? אָנקומען „לידי מתנת בשר ודם"? געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן אויפֿגעשטעלט די האַנט און געווען אויך פֿאַרבאָרגענע. אַזעלכע וואָס האָבן געטראָגן אַן אויסגעפּרעסט העמד מיט אַ שניפּסל, אַ ריין מלבוש, „אַ קניפּ אין באַק — די פֿאַרב זאָל שטיין", נאָר אויף שבת האָבן זיי נישט געהאַט. זענען ייִדן דאָך „בני רחמנים", האָט מען זיך צענויפֿגעלייגט. געגעבן האָבן געוויינטלעך אַלע די קבצנים, מיין טאַטע, דער פֿעטער אריה, דער אַלטער פֿלטיאל און אַנדערע כּדומה. די מאַרק זיצערנס פֿלעגן זיך שושקען: „ווידער צונויפֿגעלייגט אויף שבת זלמנען דעם שדכן־מישטיינס געזאָגט — אַז אָך און וויי, ווען שלמה ליפּעס מלכּהלעס פֿאָטער שטייט אָף און זעט אויף וואָס זיין טאָכטער איז איבערגעקומען, וואָלט ער באַלד קריק געשטאָרבן. אַ רחמנות, כ'לעבן". „אמת, אַ רחמנות — האָט צוגע־געבן אַ צווייטע — אָבער אַז מ'לעבט אָן חשבון, שטאַרבט מען אָן ווידוי".
די באָבע מאַלי־רחל פֿלעג אָפּשאָלקען: „אַ מענטשנס גאָב — נעם און באַגראָב".

די מאַרק־זיצערנס האָבן פֿאַרגעשטעלט די יי.פּ.אַ. (ייִדישע פּליאָט־קעס אַגענטור) פֿונעם שטעטל. זיי האָבן געוווּסט פֿון אַלע „שווערע הער־צער" און פֿון אַלע געשעענישן פֿונעם שטעטל. אַ בכּבֿודיק פּלאַץ אין דער מאַרק זיצערישער יי.פּ.אַ. האָט געהאַט אסתּר־צירל די „קורעלאָפּ־ניטשקע". זי פֿלעג ברענגען די לעצטע נייעס, זיי סאָרטירן, סעלעקטירן, זיי צוגעבן אַביסל זאַלץ מיט פֿעפֿער נאָך איר אייגענעם געשמאַק, צו־בראָקן אַביסל גוזמאות פֿון איר אייגענער פֿאַנטאַזיע און דערנאָך זיי קאָמענטירן. ניט איינמאָל פֿלעג זיך אַרום איר צונויפֿנומען אַ רעדל ניי־געריקע, אויסהערן אסתּר־צירלען מיט אָפֿענע מיילער און זיך קאַטשען פֿאַר געלעכטער. באַזונדערס פֿלעג דער עולם פֿאַסמאַקעווען די געפּעפּערטע זידל־ווערטער וואָס זי פֿלעג נוצן אין איר שטענדיקן קאָנפֿליקט מיט אַבֿרהם־אַהרן „קראָטש".

— גיי איך קינדער — איר הערט, גיי איך אַריין צום „קראָטש" אָפּ־מאָנען ביי אים אַ חובֿ, איך ברענג דאָך אים עופֿות און ער, דער קראָטש, באַצאָלט מיר נישט תּיכּף פֿאַר דער סחורה, נאָר ער גיט מיר עפּעס אַ צע־טעלע אָנגעשריבן מיט לשון קודש ווערטער. קום איך אַריין, ווי איך דער־

צייל אייך צום קראַטש פאַרנאַבטצו, עסט ער וועטשערע. מיינט איר חלי־לה ער זאָגט מיר איך זאָל זיך זעצן? שטיי איך אויף מיינע געשוואָלענע פיס און וואַרט, און ער כליעפּטשעט אויס די שיסל רויטן באָרשט אין וועלכן ס'שווימען ארום שטיקלעך שפּיץ־בריסט. דערנאָך ווישט ער זיך אָפּ די וואָנצעס און נעמט קלאָפּן דעם מארך־ביין אין א לעפל, טינקט שטיקלעך ברויט און שלינגט. נישט אומזיסט האָט ער אזא פּופּיס, ווי זאָגט מען „נישט פון על חטא ווערט דער תחת פעט". כי, כי, כי, ווזשע בין איך געבליבן? יאָ, ביים מארך־ביין. ער פרעסט און איך שלינג די סלינע. דערנאָך ברענגט אים זיין פּלונתטע אריין א פאַלימיסיק מיט וואַרעניקעס מיט שמאַלץ און פאַרשווינדט באַלד ווי א שאָטן, ווייזט אויס זיי עסן נישט איניינעם, אָדער ער וויל ניט זען ווי זי עסט, איר ווייסט דאָך אז ער ציילט איר צו די גראָפּן אין טאָפּ אריין. ווזשע בין איך געבליבן? יאָ, ביי די וואַרעניקעס. נעמט ער שלינגען די וואַרעניקעס און איך שלינג די סלינע, ווייל איך בין אין יענעם טאָג געקומען שפּעט פונעם דאָרף און גאָרניט געהאט אין מיין מויל פון אינדערפרי אָן. האָט ער געציליעט די וואַרעניקעס ביז ער האָט זיי געענדיקט, מסתם א דריי טיץ. דערנאָך טוט ער א גרעפּץ, ווישט אָפּ מיט דער האנט די פעטע באָרד און וואָנצעס און זאָגט צו זיך אליין: „נו, מירן בענטשן". איך שטיי ווי אויף שפּילקעס און ער בענטשט, פאַרגלאָצט די אויגן און גאָרגלט זיך אויף א קול „על הארץ ועל המזון"..

— נו, און ווייטער? איז נייגעריק דער עולם..

— ווייטער, איז א קו מיט אן אייטער .. כי, כי, כי,.. ווייטער, האָט ער אָפּגעבענטשט און האָט אויף מיר אויסגעפּוליעט א פּאָר אויגן גלייך ווי ער וואָלט מיך צום ערשטן מאָל דערזען: „א, אסתר־צירל, וואָס איז עפּעס נייעס, זעץ זיך צו אביסל. ". ניין זאָג איך אים איך וויל ניט זיצן, איך בין געקומען נאָך געלט. „געלט"? שטאַרצט ער אויף מיר אויס א פּאָר קוקערס, „סארא געלט"? „כ'האָב דיר נישט געגעבן א קבלה פאר די הינער וואָס האָסט מיר געבראַכט זונטיק?" יאָ, זאָג איך אים, ראשית איז היינט שוין מיטוואָך, והשנית, מיינסטו אז די גוים פאַרקויפן מיר פאר דיינע אשר־יצר פּאַפּירלעך, זיי ווילן מזומנים. מאָרגן פאַרטאָג

גיי איך אין דאָרף אריין, און איך דאַרף האָבן כאָטש א תק׳רל*, פאַרשטייסט אברהם-אהרן צי די פאַרשטייסט ניט״? ער האָט פאַרמאַכט דאָס סידור און וועלכן ער האָט נאָר וואָס אָפּגעבענטש און אָנגעהויבן מיט א וויינענ-דיק קול: „אסתר-צירל סערדצע, וואָס מיינסטו אז ביי מיר וואָלגערן זיך תק׳רלעך, איך האָב די סחורה נאָך נישט פאַרקויפט, ס׳ליגט ביי מיר סחורה פאַר הונדערט אלפים, פאַרשטייסט פאַר הונדערט אלפים, ס׳גאַנצע דאָברע מזל מיינס ,כ׳האָב נישט אויפגעגרוזעוועט צו דער באַן, פאַרשטייסט איך בין פאַרשיט מיט סחורה און דו קומסט פונקט אצינד .. מ׳דאַרף אביסל טערפּען, מ׳דאַרף זיך העלפן איינער דעם צווייטן״..

— נו, נו, האָט זי אונטערגעהודזשעט דער עולם.

— נו, נו, האָב איך זיך א וואָרף געטאָן צו אים און אויסגעגאָסן מיין ביטער הארץ: דו קראָטש! דו נידעריקער מענטש! דו פּעמפּיק! דו דבר-אחר! דערציילסט מיר אויפן בוידעם א יריד? באַלד פאַל איך צו צו דיר און קוועטש ארויס פון דיין גראָבן פּעמפּיק די דריי טיץ וואַ-רעניקעס וואָס האָסט איינגעשלינגען. דו זולל וסובה! דו אזוינער או אזוינער .. אברהם-אהרן איז געוואָרן טויט ווי די וואַנט און האָט אָנגעהויבן שרייען ניט מיט זיין קול: „צירל, זע אין אונטערשטן שו-פלאָד, אונטער די סידורים, יאָ, אונטער די מחזורים, נעם ארויס א תק׳רל לאָמיך אָסקאָפּען פון דער פאַרעפּיטקע.״

און דער עולם קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער ..

איך אליין האָב געהאַט מיין איינענעם חשבון מיט אברהם-אהרן „קראָטש״, נישט נאָר דערפאַר וואָס ער איז געווען א קמצן, נאָר אויך דערפאַר וואָס איך האָב גוט געקענט זיינע „אשר-יצר״ פאַפּירלעך. מיין מאַמע וואָס האָט געמוזט צוהעלפן אביסל צו דער פּרנסה, ווייל דעם טאַטנס פאַרדינסט האָט נישט געקלעקט, פלעג אביסל צואַרבעטן אויף דער ניי-מאַשין. קיין גרויסע נייטאָרן איז זי נישט געווען, נאָר עפּעס צורעכט מאַכן, פאַרשטעפּן א ליילעך אָדער א ציך האָט זי יאָ געקענט. דער זיידע יחיאל האָט איר פאַר דער חתונה געקויפט א האַנט — ניי-מאַשינדל, אלס צונאָב צו די 200 קערבלעך נדן, און זי האָט זיך אליין אויסגעלערנט שטעפּן. נאָר אזוי ווי ס׳פלעגן איבערגיין וואָכן און קיין שטאָך-אַרבעט

* ת׳ק-500 (באַנקנאָט)

איז נישט אונטערגעקומען, האָט די מאַמע זיך אָפּגעגעבן אויך מיט אביסל מסחר. דאָס הייסט יעדן מאָנטיק, ווען ס'איז געווען מארק-טאָג און אין אנדערע טעג, פלעג זי צונויפקויפן אייער ביי די פויערטעס און דערנאָך זיי טראָגן איבערפארקויפן צום אנגראָסיסט צו אברהם-אהרנען. ער פלעג צונויפזאמלען טויזנטער אייער און יינגלעך פון דער „ניינטער גובערניע" פלעגן זיי איינפאקן אין קאסטנס אויסגעבעטע מיט שטרוי אָדער מיט האָלץ-וואָל אין רייען צו 18 שטיק, דערנאָך פלעג מען אויפלאָדן די קאסטנס צו דער באן פאר די גרעסערע אנגראָסיסטן, וואָס פלעגן זיי ווייטער שיקן אויף עקספּאָרט. און אזוי ווי אברהם-אהרן האָט געהאט די טבע נישט אויסצוצאָלן תיכף מזומן געלט, פלעג ער גיבן דער מאמע אויך א צעטעלע: „קבלתי ע'י האישה אסתר 10 קלאניעס בצים". (א קלאניע = 30 אייער) די מאמע פלעג אהיימקומען א נישט צופרידענע און דער טאטע האָט געהאט א מאָטיוו צו שפּאסן:

— מילא, דעם רווח זעט מען נישט, אָבער דעם קרן אויך נישט? מיך האָט דאָס פארדראָסן און אין אן אָוונט האָב איך זיך אוועקגעזעצט און געווידמעט אברהם-אהרנען א געדיכט: דער„ קמצן".

פון דעם געדיכט האָט זיך מיר פארגעדענקט נאָר דער שלוס:

„געלאָפן, געפלויגן,

א כאַפּ און א לאַפּ,

געזאמלט, געטראָגן,

געשטאָרבן באַגראָבן" ...

מיין געדיכט האָט ארויסגערופן פארשידענע רעאקציעס. דער טאטע האָט געלאכט. די מאמע האָט מיך געשטראָפט: „וואָס האָסטו מיט אברהם-אהרנען, ער איז אזוי ווי ער איז, אָבער וואָס נאָר „געשטאָרבן-באַגראָבן", זאָל ער מאריך ימים זיין, איך בין אים נישט קיין שונא."

— מאמע — האָט איך איר געענטפערט — איך בין אים אויך נישט קיין שונא, איך האָב נאָר אָנגעמאָלן זיין פּאָרטרעט, דעם פּאָרטרעט פון א קמצן..

שיינדעלען איז מיין גערדיכט געפעלן, מאָטלען איז ער אויך געפעלן, נאָר ער איז געווען ביי דער מיינונג אז „די אברהם-אהרנס זענען א פּראָ-דוקט פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און זי דאַרף מען באַגראָבן"..

אמשטאַרקסטן איז געפעלן מיין גערדיכט דעם פעטער אריה. איך ווייס נישט צי ער האָט זיך פון אים אינספּירירט, נאָר אין א שטיקל צייט ארום ווען אברהם-אהרנס מוטער, א זקנה אין די ניינציקער איז געשטאָרבן, און דער „קראַטש" האָט זיך געדונגען און געזוכט ארויסרייסן וואָס בי-ליקער א קרקע ביי דער קהילה, האָט ביי דער לוויה דער פעטער אריה אונטערגעברומט: „כאַפּ זיך ארויף אברהם-אהרן, ס'וועט דיך דאָס זעלבע געלט קאָסטן"...

... סעפּטעמבער 1939. דאָס ערשטע יאָר פונעם צווייטן וועלט-קריג, דאָס יאָר פון דער „מאָדערנער מלחמה", דאָס יאָר פונעם פאַשיסטישן נצחון אין שפּאַניע. א יאָר אין וועלכן אין דער לופט האָבן געהאַנגען סכנות און יידן פלעגן זיך צונויפקומען אין שילן און אין בתי-מדרשים, אָפּ-דאַווענען און אָפּקרעכצן, דערנאָך טרינקען לחיים, לחיים טובים ולשלום, א ישועה אויף יידן. שבת, פאַר מוסף פלעגן מאכן א מי שברך דעם קיסר „הנותן תשועה למלכים" און קיינער האָט נישט געוווסט אז די קאַרלים-טישע מאָנאַרכיע אין רומעניע הויבט זיך אָן שאָקלען. נאָכן דאַווענען פלעגן יידן מאכן אביסל פּאָליטיק. דער אַלטער פלטיאל האָט געזאָגט אז דער דייטש איז שטאַרק, „ער איז שטאַרק אין די מאַשינען. איך געדענק — פלעג ער זאָגן, ווי פאָניע האָט געוואָרפן מיט מענטשן ווי מיט קרויט, און דער דייטש האָט זיי אויסגעקאָסעט מיט די פּולעמיאָטן". פראָים פעלדשער האָט נאָכגעבאָמקעט: „יאָ, יאָ, ר'איז שטאַרק היטלער ימח שמו, ר'האָט שוין פאַרנעמען א שטיק וועלט". מאיר וואָלף טרעגער פלעג זיך אויפרעגן: „איך קען זיי בעסער, איך האָב זיך מיט זיי געשלאָגן, דער דייטש איז א גוטער בעל-שחרית אָבער א שלעכטער בעל-מוסף, ער טוט זיך א לאָז און דערנאָך כאַפּט ער א באַגראָב, ער וועט כאַפּן א באַגראָב און איר וועסט שוין פון ווען, פונעם פעטער"... „פונעם פעטער, פונעם פעטער, האָט זיך אים נאָכגעקרומט יונה שענקער, זיי האָבן דאָך גאָר געמאַכט שותפות"...

ייִדן פֿלעגן זיך אַנווינטשן, זיך צוגיין אין זייערע היימען און דאָרט האָבן אויף זיי שוין געוואַרט אַנדערע דאגות, די טאָג־טעגלעכע, באַלדיקע, איינענע דאגות. נאָר איטלעכער האָט געוואַרט אויף משיחן, אויף זיין משיח — אַזוי ווי יעדער באַזונדער האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט און אַזוי ווי יעדער באַזונדער האָט אים געוואָלט.

ערב ימים־נוראים פֿלעגן יעדעס יאָר צו אונדז קומען געסט, טייערע ליבע, געסט. דאָס יאָר זענען זיי אויך געקומען, די מומע פֿערעלע מיטן פֿעטער יואל. פֿאַראַיאָרן ווען זיי זענען געקומען האָט די מומע פֿערעלע געשוואַנגערט, דאָס יאָר איז זי געקומען מיט רייזעלען. דער פֿעטער יואל איז פֿאַרפֿאָרן צו אונדז מיט אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן: אַ זעקל גאָלדן ווייצן־ראָזעווע מעל, אַ זעקל רויט פּאָפּושויען־מעל, פֿון דעם סאָרט זערנעם וואָס האָבן געהייסן „האַנגאַנעס“, פֿלוימען ווענן פּאָווידלע, אַ באַנקע האָניק, מיר זאָלן אַלע האָבן אַ זיס יאָר, ניס, עטלעכע עופֿות און אפֿילו האַרבוזעס. „אַלעס פֿון מיין גאָרטן און פֿון מיין פֿעלד“, פֿלעג זיך באַרימען דער פֿעטער יואל. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, זיך געריבן די גרויסע פּויערישע הענט מיט די גראָבע פֿינגער ווי שילקעס און געלאַכט מיט אַ פֿול מויל גאָלדענע ציין: „אַ יאָר מיט שפֿע דאָס יאָר, אַ גרויסער אוראָזשאַי, נאָר געזונט און שלום אויף דער וועלט .. וואָסזשע שמועסט מען עפּעס אין שטאָט? ווען וועט היטלער איינגעמען אַ מיתה משונה? האַ? נו, און וואָס זאָגט איר צו אונזער רייזעלע, האַ?“

די מומע פֿערעלע האָט ניט שלעכט אויסגעזען, די צייט היילט אויס ווונדן — האָב איך געטראַכט, נאָר ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו אירע אויגן, געזען דעם אומעט וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיי, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז זי האָט שלמהלען נישט פֿאַרגעסן און אַז איר ערשטע ליבע איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. דער פֿעטער יואל איז אין יענעם טאָג צוריקגעפֿאָרן אין דאָרף אַריין, ער האָט נישט געטאָרט איבערלאָזן דאָס באַלעבאַטעשקייט אפֿילו אויף איין טאָג, חוץ דעם וואָלט ער אין שטאָט נישט אויסגעהאַלטן אפֿילו איין וואָך, און מיין טאַטע פֿלעג אים צושאָקלען

מיט פארשטענדעניש. דעם צווייטן טאָג קאַיאָר זענען דער טאַטע, די מאַמע, און די מומע פּערלע געגאַנגען צו קבר-אבות. זיי זענען גע-גאַנגען זיך אויסוויינען דאָס האַרץ ביי אַלטע און פרישערע קברים פון די עלטערן, זיידעס און באָבעס, פון ווייטע פריינט און פון גוטע יידן, „זייער זכות זאָל אויף אונדז מגין זיין". אויסבעטן אַ גוט יאָר פאַר זיך, פאַר די קינדער און פאַר כל ישראל. „אַ גוטן ונתנה תוקף נאַטעניו זיסער, ס'זאָל קיינער פון אונדז נישט פאַרמינערט ווערן, זיי זאָלן לויפן פאַר אונדז בעטן, מיר זאָלן באַהיט זיין פון שלעכטס, פון ביטערע גזירות און אַנשי-קעלנישן, מ'זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו קאַן מענטשן.. אוי, גאָטעניו זיסער"...

זיי פלעגן אַהיימקומען מידע און פאַרוויינטע, אָבער מיט גרינגערע הערצער און געלייטערטע נשמות פון דעם געפיל אַז זיי האָבן געפּועלט און אַז זיי זענען גייסטיק צוגעגרייט צו די ימים-נוראים, צום יום-הדין...

7 סעפּטעמבער

אינערגעץ איז נישט אַזוי גוט צו טראַכטן, צו דענקען און זיך צו דערמאָנען ווי אין דער שוים פון דער נאַטור. אינערגעץ ווי אין מיטן דער נאַטור פילט דער מענטש זיין גרויסקייט, זיין מאַכט און גלייכצייטיק זיין קליינקייט און זיין אוממאַכט. זיין גרויסקייט און זיין מאַכט, ווייל ער האָט באַוויזן אַ דאַנק זיין פאַרשטאַנד, זיין זשעני, צו באַהערשן אין גרעסטן טייל די נאַטור און דערגיין אַ סך פון אירע סודות. ער האָט באַקו-מען פליגל און פליט באַגלייך מיט די פייגל, אָבער געשווינדער פון זיי אין די הייכן פונעם הימל. ער איז אַפילו אַריבער דעם באַריער פון דער אַטמאָספערע און פליט אין קאָסמאָס און זיין פוס האָט געטרעטן אויף דער לבנה. זיין אויג קוקט אין די ווייטסטע שטערן, אַנטדעקט נייע וועלטן. דאָס ליכט וואָס ער האָט דערפינדן, מאַכט פון נאַכט טאָג, און מיטן צעשפּלי-טערן דעם אַטאָם האָט ער אַנטדעקט דעם גרויזאַמען אומבאַגרענעצטן כח פון דער געטלעכקייט... און דאָך איז ער נאָך אַזוי קליין און זיין אוממאַכט איז נאָך אַזוי גרויס. ער האָט אין גרעסטן טייל באַהערשט די

נאַטור, ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו באַהערשן זיינע אייגענע שוואַכ־קייטן. ער האָט באַהערשט דעם אויסערגעוויינטלעכן כח פון דער נאַטור, די אַטאָם־ענערגיע, אָבער ער איז אין אַ נאָך אַ גרעסערער סכנה ווי פריער, ער פאַרליִרט איבער איר די שליטה. ער פליט אין די הייכן פונעם הימל, כעוף השמים, אָבער זיין לעבן, איז פונקט אַזוי קורץ ווי פריער. זיין גאַנ־צע עקזיסטענץ איז אפילו קיין מיליאַרד חלק פון אַ רגע אין דעם אין־סוף, אין דער אומענדלעכקייט אין צייט און אין רוים. ער האָט דערגרייכט די לבנה און זיינע אַפּאַראַטן אויף אַנדערע פּלאַנעטן, אָבער ער איז גאָר ווייט פונעם סוד — און ווער ווייסט צי ער וועט אים אַמאָל דערגיין — דעם סוד פון דער יצירה, דעם סוד פון זיין קורצן ווייִלן און פון זיין פאַרשווונדן פון דער וועלט. איך קוק זיך אָפּטמאָל צו צום אויס־געשטערנטן הימל, טו אַ טראַכט צו דעם „אין־סוף" און קאָן זיך נישט פאַרהאַלטן אַ שמייכל: ווי לעכערלעך זענען די מענטשן; זיי לויפן, זאַמ־לען פאַרמעגנס, ווי קאָמיש זענען אַלע בעלי־גאווה און ווי לעכערלעך און שווידערלעך — אומפאַראַנטוואָרטלעך זענען די מנהיגים פון דער וועלט, די „גרויסע", וואָס סע סטייעט זיי נישט, ווילן פאַרשליִנגען, פאַר־כאַפּן, אַריינלײגן דעם ערד קיילעך אין בוזעם־קעשענע אַריין.. אפילו מיטן פּרייז פון הונדערטער מיליאָנען קרבנות.

.. איך זיץ ביים ברעג פונעם טייך. אָט איז נאָר וואָס אָפּגעשווּומען דער „פּאַראָם" פון ספּלאָוועס מיט אַ פאַרענטשע. דאָס ציגיינערל האָט אָפּגעטשעפּעט דעם שטריק און דער פּאַראָם שניידט די קוטשעראַווע כוואַ־ליעס פונעם אָלט. אָט איז ער צוגעשווּימען צום צווייטן ברעג. טעלעכע פּאָרלעך שפּרינגען אַראָפּ און די סטעזשקע פירט זיי אַרויף צווישן די די סעדער פון וועלכע ס'קוקן אַרוים די ווייסע פּויערישע שטיבלעך. איך זיץ אויף „מיין" באַנק, נעם אַרוים מיינע פרישע און עלטערע פאַרציי־כענונגען, צווישן זיי אויך אַ געדיכט. נעם איך זיך לייענען און דער־מאָנען ...

קינדרוויז האָב איך ליב געהאַט שרייבן געדיכטן. איך האָב געשריבן און זיי קיינעם נישט געוויזן, כ'פלעג זיך שעמען. נאָר דער מאַמען האָב איך אַ מאָל געלייענט מיינע שירים. זי האָט מיך אָנגעקוקט אַ פאַרוואונדער־טע: „פון וואַנען קומט עס צו דיר? ביי וועמען האָסטו עס געירשנט"?

און האָט זיך אליין געענטפערט: „נאָר ביי דער באָבע מאלי־רחל האָסטו עס געירשנט." אינספּירירט האָב איך זיך אין מיינע פּערזן פון אונדזער שטעטלעשן פּאָעט וואָלף „פּאה". מ'האָט אים געגעבן א צונאָמען „פּאה", ווייל ער האָט געטראָגן לאנגע באקנבערד און א קאָרלע האָר וואָס האָט אים געגרייכט ביז צו די אקסלען. פון וואָס ער האָט געלעבט געדענק איך נישט. ער איז געזעסן מיט זיין אלטער מוטער אין א שטיבל הינטערן באָד. וואָלף האָט געשריבן פולע העפטן מיט שירים אָבער זיי קיינמאָל נישט געדרוקט. ער איז אויך געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער צייטונג „אונזער צייט". זומער צייט פלעג ער זיצן אויף א באנק אין א זייטיקער אלעע פונעם בולוואר, חברה פלעגן מאכן א רעדל ארום אים און ער האָט רעציטירט זיינע פּאָעזיעס. שפּעטער האָט מען אים צוגעטשעפּעט נאָך א צונאָמען: „דער צעדרייטער". חברה לצים פלעגן זיך וויצלען: „ער האָט נישט קיין מאות, ר'האָט אָבער פּאות..." אין א שיינעם טאָג איז ער נעלם געוואָרן. „דער צעדרייטער" איז אריין אין דער כמארע", האָבן חברה געלאכט. אָבער מיט יאָרן שפּעטער ווען ס'זענען אָנגעקומען ידיעות אז ער איז געפאלן אין ארץ־ישראל פאַרטיידיקנדיק דעם קיבוץ אין וועלכן ער האָט געארבעט, פון אן אראבישן אָנגריף, האָט מען אים אָנגעהויבן דערמאָנען מיט יראת הכבוד אין שטעטל און א סך האָבן אָפּגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„גיי ווייס וואָס ס'שטעקט אין אזא בחור, גיי ווייס"... און דאָס שטעטל האָט ווידער געהאט איבער וואָס זיך צו קהלן א שטיקל צייט.

נאָר די צייט לויפט און פאַמעלעך ווערט אלץ פארגעסן. די צייט רעקט צו מיטן שניי פון אירע ווינטערס און מיטן צוויט פון אירע פרילינגען, וויכטיקע אָדער ווייניקער וויכטיקע געשעענישן און סע שווימען ארוים נייע, איבערהויפּט אין אזא יאָר ווי דאָס ערשטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. און ווען אין שטעטל איז אויסגעפאלן דער ערשטער שניי וואָס האָט אָנגעטאָן די געסלעך אין ווייסע פוכיקע מלבושים, האָבן די צייטונגען געבראכט די ידיעה אז ס'האָט אָנגעהויבן דער סאָוועטיש־פינלענדישער קריג.

*

דער ווינטער איז געווען א לאנגער און א שווערער. די זאווערוכעס האָבן געבושעוועט, פארשיט דאָס שטעטל מיט הויפנס שניי. אויף די שויבן האָט דער ווינטער ווי א גרויסער קינסטלער געמאָלן פארשידענע בלומען און ביימלעך. דער גרויסער טייך איז „געשטאנען", דאָס הייסט ער איז איינגעפרוירן און געשלאָפן געשמאק אונטער דער ווייסער שנייע־נער קאָלדרע. דער מארק איז געווען פוסט. עטלעכע מארק זיצערנס זענען געשטאנען און געוואַרעמט די רויטע געפרוירענע הענט איבער טעפ מיט האלב אויסגעלאָשענע קוילן, ווארטנדיק אויף א קונה. פראָים פעל־דשער האָט געהאט פרנסה, ס'איז געווען זיין סעזאָן: שטעלן באנקעס, רייבן פלייצעס און קריזשעס מיט ספירט, שטעלן פיאווקעס און אמאָל אויך „ארײנשטעלן" אן אויסגעוועכנעטע האנט. אן אָפטער גאסט איז פראָים פעלדשער געווען ביים פעטער אריה. האָט זיך מיר פארגעדענקט ווי צוריק מיט יאָרן, ווען דער זיידע יחיאל האָט נאָך געלעבט און אויך די באָבע רייזל, איך בין געווען ביי זיי צו גאסט, מיר האָבן דעמלט נאָך געוווינט אין דאָרף, האָט זיך געמאכט אז דער זיידע יחיאל האָט זיך פארקילט. ער האָט זיך געלייגט אין בעט און די באָבע האָט געטאָן צו מיר א ווונק: „אנו, כבוד אב"! איך האָב אים תיכף אראָפגעשלעפט פון די פיס זיינע שווערע שטיוול. „און אצינד לויף אריבער צו פראָים פעל־דשער" — האָט ווייטער באפוילן די באָבע רייזל. פראָים פעלדשער איז באלד ארײנגעקומען, אויסגעשמירט דעם זיידנס שטארקן קערפער מיט עסיק און זיך אָנגעהויבן פאָרען מיט די באנקעס:

— האָ, האָ, גוט זיך פארקילט, האָ, האָ.

פראָים האָט אָפגעטון זיין ארבעט און זייענדיק ביי דער טיר ביים ארויסגאנג האָט ער אויסגעשריגן מיט זיין הייזעריקלעך קול:

— יחיאל, הערסט יחיאל, זאָל זיין א רפואה. פון דרויסן ביסטו פאר־טיק — נאָר פון אינעווייניק — אויב דו ווילסט האָבן א גאנצע רפואה, דארפסטו מיט עפעס שמירן, כ'מיין א פערטעלע צוויי בראָנפן, כא, כא, כא, שיק אריבער דיין איניקל צו יונה שענקער, כא, כא, כא.

דעם צווייטן טאָג קאַיאָר, ס'איז געווען אין א פרייטיק, איז דער זיידע אויפגעשטאַנען געזונט און שטאַרק, איינגעשפּאַנט דעם „בילעק" און געהאַלטן אין איין אָנזאָגן דער באָבען:

— שטעל צו רייזל א רויטן באָרשט מיט א מאַרך ביין און א צימעס געשריבענע פּאַסאָליעס און שטעל אריין דעם פּוס אין טשאָלנט, דאָס וועט מיך שטעלן אָף די פיס.

דער ווינטער איז געווען א לאַנגער און א שווערער, אָבער נישט פאַר א יעדן. אויף דער „פּריצישער גאַס" האָבן געיאָגט שליטנס געשפּאַנטע מיט פייערדיקע פערד און פון זייערע קאָפּיטעס האָבן געשפּריצט פונקען איבערן וויס-בלויליכן סקריפּענדיקן שניי. די גלעקלעך אויף די טראָלדן פון זייערע העלדזער האָבן געקלונגען: קלין, קלין. זאַטע יונגעלייט, מיידלעך און ווייבלעך פאַרשיכורטע פון וויין און פון ווילטאָג האָבן גע-הוכטיעט הי-הו, הו, און זייערע פרייליכע געשרייען פלעגן פאַרשלונגן ווערן פון דער זאַווערוכע. אויך אין דער זאַווערוכע, האָבן מענער מיט געפרוירענע בערד און וואָנצעס און ווייבער איינגעוויקלטע אין שאַלן, געשלעפּט פון ערגעץ א שליטעלע האָלץ אויף צו דערוואַרעמען דעם קאַלטן אויוון אָפּצובאַקן א געבעקל ברויט, אָדער בראָטן עטלעכע קאַר-טאָפליעס אויף וועטשערע. די נגידים, די גרויסע סוחרים און אַנדערע פאַרמעגלעכע לייט זענען געזעסן אין דער וואַרעם און געשפּילט שאַך, אָדער קאָרטן, און די פרומערע פון זיי אין קוויטלעך, אין די לאַנגע חנוכה אָוונטן און אונטערגעצויגן די חשבונות פון די רווחים אין דעם סעזאָן. די אָרעמע בעל-מלאכהס פלעגן וואַרטן אויף עפּעס א קונה וואָס האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען און די אָרעמע קליין-הענדלער אויף „א טאָפּ אין וואָגן" ביי א פּויער וואָס פלעג זעלטן קומען אין די פראָסטיקע טעג אין שטאָט אריין. שוין אָפּגערעדט פון די תושבים פון דער „נייגעטער גובערניע" וואָס זענען געלעגן אין שמאַטעס אויף די נישט געהייצטע אויוונס און זיך צוגעהערט צום וואָיען פון דער זאַווערוכע, וואָס האָט פאַרשיט מיט שניי ביז אין די שויבן זייערע איינגעהויקערטע כאַטקעס. זיי האָבן געוואַרט אויף א ישועה און די ישועה האָט געהייסן פרילינג. אָבער ביז דעמאָלט ... קאָן ארויס „א בולבע אָף דער נאָז" ...

אין אן אינדערפרי, ס'איז געווען חמשה-עשר בשבט, א טאָג פון פרייד פאַר קינדער, מ'טיילט ארץ-ישראל פּירות, פייגן, טייטלען און באָקסער, ס'פרייען זיך אויך אָרעמע-לייט ווייל אין אזא טאָג צעשפּיליען די נגידים אביסעלע ברייטער די בייטעלעך און גיבן נדבות. דאָס יאָר האָבן זיי זיך מער פארגינען ווייל זיי האָבן געהאט פעטע רווחים און די אָנגעשטרענגטע לאַגע, די מלחמה, האָט זיי געמאכט זיך פאַרטראַכטן. ״ווער ווייסט וואָס ס'וועט נאָך זיין?״ פּוילן איז אונטערגעגאַנגען, היטלער געוועלטיקט איבער א שטיק וועלט, רוסלאַנד און פינלאַנד שלאָגן זיך, אין מערב — די מאָדנע מלחמה — ווער ווייסט וואָס ס'וועט נאָך פאָרקומען? אין דעם פּראָסטיקן אינדערפרי האָט מיר מאַטל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער: „טו זיך אָן, שמעלקע איז געשטאָרבן, קום צו דער לוויה״. כ'האָב זיך אָנגעטאָן. ס'איז געווען א פראָסט און דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס.

— אפשר, האָב איך דיך נישט באַדאַרפט רופן, אפשר וועט דיין מאמע ברוגז זיין וואָס כ'האָב דיך מיטגענומען אין אזא קרירה, כ'מיין אָבער אז צו דער לוויה פון אזא תלמיד-חכם מעגסטו אויך קומען.

איך האָב געשוויגן. דער פראָסט האָט מיר פאַרשלאָגן דעם אָטעם. ווען מיר זענען אָנגעקומען צום אָרעמען שטיבל, האָט מען דעם בר-מינן געהאט ארויסגעטראָגן. מיר זענען נאָכגעגאַנגען דער שיטערער ריי מענטשן וואָס האָט באַגלייט אויפן אייביקן וועג שמעלקע דעם בלינדן און איך האָב זיך דערמאָנט ווי ער איז געזעסן אויף דער פריזבע, געקוקט ערגעץ וויט מיט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן און געגלעט זיין שיטער בערדל וואָס האָט אראָפּגעהאַנגען פון זיין צעקנייטשטן פאַרמעטענעם פּנים, כ'האָב געהערט זיין שטיל קול:

„דער אמת און דער יושר זענען געשטאָרבן אינאיינעם מיט משה רבינו, נאָר וואָסזשע דען, ווי זאָגט דאָרט דיין רבי אין איינעם פון זיינע ספרים, ניטאָ וואָס צו פאַרלירן חוץ די קייטן, האַ?..״

אויפן בית-עולם איז געווען נאָך קעלטער, דער ווינט האָט געטראָגן דעם שניי און פאַרשיט די מצבות. די גרעבער האָבן זיך געמוטשעט, געהאַקט די געפרוירענע ערד מיט העק און מיט קירקעס און ווען די לעצטע לאָפּעטעס געפרוירענע ערד אויסגעמישטע מיט שניי האָבן פאַרשיט דעם

קבר, האָב איך מיט שטוינונג געזען ווי מאָטלס ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „יתגדל ויתקדש שמיה רבא“...

*

אזוי ווי דער ווינטער איז געקומען אויף אמאָל, אזוי איז אויף אמאָל געקומען דער פרילינג. נאָך פּאר פּורים איז דער שניי זיך צעגאַנגען, און אין דעם אָוונט ווען מע האָט געלייענט די מגילה און יידן האָבן אויסגעטרונקען אן איבעריקן כוס און זיך אָנגעווונטשן אז היטלער זאָל האָבן המנס סוף, ווען מ'האָט זיך געאיילט צו דער סעודה און די מאמע ווי אלע באלעבאָסטעס האָט איינגעפּאקט המן-טאשן און פּורים-גרייט צו שיקן דער באָבע מאלי-רחל, דעם פעטער מרדכי, דעם פעטער אריה, דעם פעטער טעוול און אנדערע פריינט און שכנים, האָט אָנגעהויבן רעגענען, נישט רעגענען, נאָר גיסן ווי פון ציבערס. דעם צווייטן טאָג ווען יידן זענען געגאַנגען זאָגן די מגילה, איז שוין קיין לעק שניי נישט געווען. דער ריין אויסגעוואשענער שליאך האָט אויסגעזען ווי אן אויסגעצוואָגענער קאָפּ פון א ווייבל אום ערב שבת. דער טייך האָט שוין לאנג גערירט און גרויסע שטיקער אייז זענען געשווימען און זיך געקרישעט צווישן זיינע כוואליעס. דערנאָך האָט ער זיך צעגאָסן אויף „יענער זייט“ און פארפלייצט די גערטנער ביז צו די געביידעס וואָס זענען געשטאַנען פון יענער זייט שטיבלעך. דער מארק האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויפלעבן, די בעלי-מלאכות און קליינהענדלער האָבן אָנגעהויבן ארויסטראָגן זייערע סחורות אויף די שטעלן. די זון האָט נאָך קנאַפּ געוואָרעמט די ערד, נאָר זי האָט שוין אָפּטער ארויסגעקוקט פון צווישן די כמארעס, און פון די ארומיקע פעלדער האָט אָנגעהויבן זיך רייכערן די פּארע פון דער שווארצער ערד וואָס האָט זיך נאָרוואָס באפרייט פונעם געדיכטן שניי און האָט אָנגעהויבן „אָפּשוויצן“ פונעם שווערן ווינטער.

מאָנטיק איז ווי געוויינטלעך א מארק-טאָג און פּויערים האָבן אָנגעהויבן קומען מיט די וואָגנס אין שטאָט אריין. די שליטנס האָבן זיי פארבאהאלטן אין די סטאָדאָלעס. זיי זענען געקומען איינקויפן פארשידענע מכשירים פאר די פרילינגס ווירטשאפטלעכע ארבעטן און אויך געזאלצענע פיש,

ווייל ס׳הויבט ביי זיי אָן דער זעקס-וואָכיקער פאָסט. פאר די פאסכא-חנאות, טאָר מען נישט עסן קיין פליישיקס און נישט קיין מילכיקס.

יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צוגרייטן צו פסח. ווייבער האָבן אראָפגע-נומען פונעם בוידעם דאָס פסחדיקע געפעס, זיך גענומען גליען טאָוועס, רייבן טעפ, לופטערן די שטיבלעך, ווישן פענצטער, טרעסען קישן און קאָלדרעס, וואשן, פרעסן, אָנציען נייע ציכן, אלץ ניי און פריש לכבוד דעם ליכטיקן יום-טוב, לכבוד פסח. קבצנים האָבן זיך געזאָרגט: מצות, קארטאָפליעס, מעות-חטין, ווייַן „כשר לפסח״, צוקער און טיי „כשר לפסח״, א פאָר עופות, נו, און קינדער מיט עפעס באנייען דארף מען אויך. וו-זשע נעמט מען דאָס אָן? נאָר דער אייבערשטער וועט העלפן, ער מוז העלפן און ס׳איבעריקע העלפן זיך יידן איינער מ׳צווייטן, מיט א גמילת-חסד, אָדער, ס׳זאָל ניט אויסגערעדט זיין מיט א נדבה. יידן בני רחמנים, קיינער וועט חלילה נישט בלייבן אָן מצות אויף פסח און אליהו הנביא וועט אריינקומען אין יעדער יידישער שטוב און פארזוכן פון די ארבע כוסות.

איך האָב אָנגעהויבן זיך אָפטער באגעגענען מיט שיינדעלען, ווייל ווינ-טער איז געווען שווערער. אריינגיין צו איר האָב איך נישט געקאָנט, ווייל יאָסל בעקער איז געווירע געוואָרן און ער איז געווען ווייניק וואָס צו-פרידן זיין געראָטענע בת-יחידה זאָל זיך מיט מיר באגעגענען. איר מוטער האָט שטילערהייט מסכים געווען, נאָר דער פאָטער נישט. ער איז גע-ווען פארמעגלעך, האָט ער געהאָפט צו „קויפן״ פאר זיין טעכטערל א דאָקטער, אָדער כאָטשבי א טאטנס א זון, עפעס א ייחוס, נישט א פוסטע פאסניק ווי איך, טאקע געענדיקט די גימנאזיע, אָבער א ליידיקגייער. וואָס וועלן מיינע עלטערן מיט מיר טאָן? האָט מסתם יאָסל בעקער גע-טראכט, א סוחר וועלן זיי פון מיר נישט מאכן, זיי האָבן נישט מיט וואָס. ווייטער שטודירן? פוסטע מעשיות, צו קיין הויכשולן לאָזט מען קיין יידישע קינדער נישט צו, איז וואָסזשע, האָט מסתם יאָסל גע-טראכט: אים געבן נדן, איז אויב נדן קען ער דאָך קויפן אן איידעם א-זוינם ווי אזעלעכם .. איז דער פרילינג פאר מיר און פאר שיינדעלען געווען א שטיקל ישועה. ס׳איז געווען קיל, די אָוונטן נעפלדיקע און פייכטע, נאָר מיר פלעגן זיך ארויסכאפן אויף א שפאציר. שיינדעלע פלעג זיך צו מיר טוליען און מיר איז נעווען ווארעם אין אלע אברים.

דאָס שטעטל האָט געלעבט זיין טאָג-טעגלעך לעבן מיט די ערב-פסחדיקע דאגות און מיט זיינע ווינציקע מאָמענטן פון אָפּשפּאַנונג. מ׳האָט זיך געקוויקט מיט א וויץ, און וו קען מען הערן א וויץ אָדער א פּליאָטקע אז נישט אויפן אלטן מארק.

מאכט זיך אז אונדזער רב ברוך, „בורקע" דער רב ווי מע פלעג אים רופן, ווערט קראנק. דער רב האָט געהאט צוויי זין; דער עלטערער שלום, א געלערנטער נישט נאָר אין תורה, נאָר אן אינטעלעקטואל מיט אברייטן קולטור-האָריזאָנט, ער איז „א כתבא-רבה", פלעגן אויף אים זאָגן אין שטעטל, און דער צווייטער, דער מיזיניק צאלעק, איז געווען א שוטה, פונקט דער הפך פון זיין ברודער שלום. שיקט מען צאלעקן אין מארק אריין עפעס קויפן, פרעגן אים די ווייבער וואָס דער פאָטער טוט, ענפערט ער, אז ער איז קראנק. פרעגן אים די ווייבער וויפל צייט ליגט ער שוין, ענפערט צאלעק, „אז אויב ער וועט נאָך ליגן דריי וואָכן וועט זיין א חודש"... קאטשען זיך די ווייבער פאר געלעכטער און די „חכמה" גייט ארום איבערן גאנצן שטעטל. איך קום אהיים דערצייל צאלעקס חכמה און די באָבע שאָקלט אָפּ מיטן קאָפּ: „א נאר-איז אן אייביקער צער". און דער מארק גייט כּאָדאָראָם, ווייל דאָ הערט מען א ניי ווערטל, א נייעם וויץ, אָדער א פּאסירונג וואָס מאכט יידן פארגעסן אויף א ווייל די טאָג טעגלעכע זאָרגן.

דערציילט אן אנדערע קורעלאָפּניטשקע וואָס שטייט מיט עופות אויפן מארק און טראָגט זיי אויך פארקויפן ערב יום-טוב צווישן די שטיבער.

— גיי איך אריין - דערציילט זי — מיט צוויי פעטע הינער צו שואל „למד וואָווניק" — זיין ווייב גנענדל האָט מיך געבעטן ברענגען א פּאָר עופות אויף פסח. קום איך אריין, שטייט שואל און שאָקלט זיך, איר ווייסט דאָך אז ער דאוונט אין צוויי פּאָר תפילין. זאָגט אים גנענדל: „שואל, ברײנע האָט געבראכט די הינער, אנו, טו א טאפּ". שואל ווייזט אויס, איז געשטאנען שמונה-עשרה, צי וואָס, ווייל ער האָט אונטערגעברומט א פּאָר מאָל „נו, אָ, נו, אָ, דערנאָך האָט ער אויסגעשטרעקט הינטנ-ארומערט א האנט פון אונטערן טלית און ווען איך האָב זיך אָנגעבוינגן מיט דער הון, האָט ער על-פי טעות מיר אָנגעטאפּט די ברוסט... און

האָט אונטערגעבאָמקעט: „טוב מאוד, טוב מאוד, אָבער אָן פּעדערן האָ, גנענדל?״... און דער עולם האָלט זיך ביי די זייטן...

מישט זיך אריין ברכה, פראָים דעם פעלדשערס ווייב, זי האָט אויך קיין עין-הרע געהאט א מויל אויף שרייפעלעך:

— נעכטן פאַרטאָג — דערציילט זי — קלאַפּטן אין דער טיר. נייט אראָפּ מיין פראָים זייט מיר מוחל, אין די תחתונים און טוט א קוק, טשארנע די „מילכיקע״, די אלמנה וואָס צעטראָגט מילך צווישן די שטיבער, זי האָט א קו. „וואָס איז טשארנע, וואָס איז געשען, ס׳ברענט?״ — פרעגט זי מיין פראָים. „אוי ר׳ פראָים — כליפעט טשארנע — איך בין פאַראומ-גליקט, מיין קו איז אוים מענטש״...

זאָגט מיין פראָים: „איך בין נישט קיין רופא פון בהמות, נאָר פון מענטשן — פאַרשטייסט, טשארנע? נאָר אזוי ווי דיין קו איז „אוים מענטש״ און מיר זענען דאָך שכנים, וועל איך נאָר ארויפשלעפּן די הויזן און אריבערגיין אָנקוקן דיין קו״... אייניקע לאכן, אייניקע זיפצן אָפּ: „אַן אלמנה נעבעך, וואָס ווילט איר?״

*

אין דער ערשטער סדר-נאכט, ווען דער טאַטע איז געזעסן ווי א מלך אויפן הסב-בעט, געמאכט קידוש, איך האָב געפרעגט די פיר קשיאות און פון דער קיך האָבן זיך דערטראָגן געשמאקע ריחות פון קייזלעך און ברוין געבאקענע קאַרטאָפל-פּלעצלעך אין גענדזן שמאלץ, האָט קיינער נישט געוווסט אז דאָס איז די לעצטע סדר-נאכט וואָס מיר פּראַוון אינאיינעם, אז דאָס יאָר וועט ברענגען געשעענישן וואָס וועלן איבערקערן א לעבנס-שטייגער פון דורות, וואָס וועלן אָפּווישן מלוכות פון דער וועלט-מאַפּע און וואָס וועלן ווייטער שטויסן די מענטשהייט צום ראַנד פונעם אָפּגרונט.

8 סעפּטעמבער

וויִיזט אוים די צייט פליסט נישט אומעטום גלייך, מיט דעם זעלבן טעמפּאָ. צום ביישפּיל דאָ אין קאָלימאַנעשט פליסט זי גאָר לאנגזאם.

איך בין דאָ גיין טעג און סע דאכט זיך מיר איך בין שוין דאָ וויינציקסטנס נײַן חדשים. אין דער היים, אין בוקאַרעשט פליען די וואָכן מיט א קאָפּ-שווינדלערישער געשווינדיקייט. פאַרכאַפּטע פונעם הו-הא פונעם זיד-קעסל פון טאָג-טעגלעכן לעבן, פאַרוואַנדלען זיך גיך די טעג אין וואָכן, די וואָכן אין חדשים, די חדשים אין יאָרן. ט'איז ענדע זומער, ערב ראש-השנה, ערב יום-הדין. א צייט וואָס רופט ארויס זכרונות, זכרונות וואָס האָבן אָנגעזאַפּט די קעמערלעך פון מײַן מח, פון מײַן גאַנצן וועזן. מער ווי אין אַן אַנדערער צייט פון יאָר שוועבן מיר פאַר די אויגן געשטאַלטן פון אייגענע, פון נאָענטע און פון ווייטערע וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן נאָענטע. ס'שוועבן מיר פאַר די אויגן מענטשלעכע געזיכטן און ערטער וואָס קענען קיינמאָל פאַרגעסן ווערן, ס'שוועבן געשטאַלטן און איך הער אפילו זייערע קולות.

איך זיץ ביים ברעג טײַך און איך קוק ווי דער פּראַם גליטשט זיך פּאַוואָליע איבערן שפּיגל פונעם וואַסער. באַלד וועט ער פאַראַנקערן אויפן צווייטן ברעג, אונטערן בארג מיט די גאָרטנס וו די ביימער טראָגן אויף די צווייגן דעם שווערן, אָבער זיסן יאָך פון די צײַטיקע פּירות. איך זע די געשטאַלטן און הער דאָס קול פון מײַן טאַטע און מײַן מאַמע. אָט זע איך דעם טאַטן אין דאָרפישן הייזל, ער דאַוונט ביחידות, ער שעפּ-טשעט אין דער שטיל די תפילה מיטן טלית איבערן קאָפּ און זיין שאָטן שאָקלט זיך אין דער בלויער שיין פונעם זומערדיקן קאַיאָר. אָט זע איך מײַן מאַמע, זי רושטשינעט אויף ברויט, קנייט געשווינד דאָס ווייכע פוכקע טייג אין דער מולטער, זי דעקט עס איין ווי מ'דעקט איין א פּיצל קינד ס'זאָל זיך ניט פאַרקילן, שטעלט אוועק די מולטער אויפן אויוון און דערנאָך צום טאַטן:

— אהרן, נעם ארויס די צוויי געפּענטעטע עופות, באַלד קומט דער שוחט.

דוד-יואל שוחט פלעג קומען יעדן דאָנערשטיק, ער פלעג ארומפאָרן איבער 15 דערפער, נישט פאַרפעלט קיין איין דאָנערשטיק, זומער און ווינטער, אין די קעלטן, רעגנס אָדער היצן. אָט זע איך די מאַמע, זי

בענטשט ליכט, די שאָטנס טאנצן אויף די ווענט און איך זע ווי צווישן די פינגער מיט וועלכע זי האָט זיך פארשטעלט דאָס פנים רינען טרערן ... איך הער איר שטילן זיפץ: „דער זכות פון אונדזערע עלטערן זאָל פאר אונדז ביישטיין”. און אָט זע איך זי מוצאי־שבת און הער איר „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב” ... די נאכט פאלט צו און דאָס שטיבל פילט זיך אָן מיט סודותפולע שאָטנס. איך בין באאיינדרוקט, אפילו אביסל דערשראָקן. לייג איך צו מיין קעפל צו איר שוים און איך הער ווי זי זינגט אין דער שטיל: „הדס און בשמים טוען אין איין שמעקן, אלע פרומע נשמות זאָלן זיך פאר אונדז דערוועקן.. אליהו הנביא אין מיין הויז, אלדעם בייז פון מיין הויז”...

אויפן הימל זענען אויפגעגאנגען די ערשטע שטערן און מיר גייען ארוים, זעצן זיך אויף דער פריזבע. א קיל ווינטל טראָגט זיך אוועק צו די לאנעס מיט ווייץ וואָס דרימלען אין די רחבותדיקע פעלדער ארום דעם דאָרף, טוט א גלעט זיינע זאנגען, פליט ווייטער צווישן די סעדער, צעשויבערט די בלעטער פון דיביימער, דערנאָך טוט ער זיך א שפיל מיטן טייכל וואָס זילבערט צווישן די ווערבעס און ווערט אנטשלאָפן אונטער דעם קאָנצערט פון די גרילן.. די מאמע טוט מיך א גלעט איבערן קעפל, איך פיל עס ממש אצינד, און איך הער איר קול: „זו־נעניו, זונעניו, קוק! דאָרט! דאָרט!” ווייט, דאָרטן ווי דער הימל באַ־העפט זיך מיט דער ערד האָט זיך אויסגעגליטשט א שטערן און איז אראָפגעפאלן צווישן די לאנעס מיט ווייץ. „א שטערן, מאמע! א שטערן!” האָב איך אויסגעשריגן. „יאָ, זונעניו, א שטערן, געפאלן א שטערן, אוי, נאָך א נשמה פון דער וועלט אומגעקומען”..

און אָט זע איך דאָס שטעטל, די בלעכערישע שיל און איך הער דאָס זיסע קול פון פרויקע דעם קירזשנער, זיין כל־נדרי, וואָס, ווי ס'פלעגן זאָגן די מתפללים, שפאלט אלע זיבן הימלען און גרייכט ביזן כסא־הכבוד.. אָט הער איך די קלאנגען פונעם שופר, איך הער און איך פיל די „קול דממה דקה” וואָס האָט געהערשט, וואָס האָט געשוועבט אין שיל.. און אָט זע איך די שערענגע יידן וואָס גייען צום גרויסן טייך צו תשליך. די שערענגע שטעלט זיך אָפּ און יידן מורמלען א תפילה, די אויגן פאר־גלאָצטע צום הימל און מיט די פנימער צום טייך, מישט זיך אוים זייער מורמלען מיט דעם פון די כוואליעס. דערנאָך דערנענטערט זיך די שע־

רענגע נענטער צום ברעג און יידן טרעסען אוים די קעשענעס: „תשליך במצולות ים“, „אונדזערע זינד פונעם פארגאנגענעם יאָר און אלעם שלעכטע, זאָל אוועקטראָגן דאָס וואסער אין די טיפענישן פון די ימען“. זיי קערן זיך אום פאוואָליע, געלייטערטע, מיט בארויקטע געוויסנס, אז זייערע עבירות, דאָס גאנצע שלעכטע איז אוועק מיטן וואסער און דאָס גוטע וועט קומען אין נייעם יאָר, זיי וועלן האָבן א גוטן „ונתנה תוקף“, א לעבעדיקן, קיינער וועט פון זיי נישט געמינערט ווערן, דאָס נייע יאָר וועט אלע קראנקע ברענגען א רפואה, אלע געזונטע א ישועה.

ערב ימים-נוראים, ערב יום-הדין.. געווים איז דער צוגאנג היינט צו טאָג א גאנץ אנדערער ווי אין אמאָליקע יאָרן. איך דערמאָן זיך ווי היינט אין שלמה דעם „קראסאוועצס“ ווערטער:

„איך בין קיין פרומער און בין קיין אָנגהעגנער פון קיין שום „אתה-בחר-ניזם“, אָבער יעדער מענטש אויף דער וועלט געהערט צו א שבט און ווער סע רייסט זיך אָפּ פון זיין שבט, בלאנקעט ווי אן עלנטע נשמה וואָס האָט נישט קיין תיקון. און איינער פון די עלעמענטן וואָס צעמענטירן די אָנגעהעריקייט צו דעם שבט — מיין איך — איז טאקע די שפור פון דעם אמאָליקן גלויבן. אונדז יידן האָט מען א סך מאָל דערמאָנט, און כדי אונדז דערמאָנען האָט מען אונדז געשמיסן מיט פייערדיקע רוטן, געצוואונגען זיך אומקערן צו אונדזער שבט. איך בין טיף פאראנקערט מיטן גאנצן לייב און לעבן אין מיין שבט און איך שעם זיך נישט וואָס איך געהער צו אים, פארקערט, איך בין דערמיט שטאָלץ. און שטאָלץ בין איך נישט נאָר דערפאר וואָס מיר האָבן געגעבן דער וועלט א רמב'ם, א שפינאָזא, א מארקס, אָדער אן איינשטיין, נאָר אויך דערפאר ווייל טראָץ אלעמען וואָס מיר זענען אויסגעשטאנען אין אונזער פיל-טויזנטיעריקער געפייניקטער געשיכטע, זענען מיר דאָך געבליבן יידן.“

און איך וויל צוגעבן דערצו: אז אפילו די פלאמען פייער פון די אויש-וויצער אויוונס וואָס האָבן אויסגעברענט א דריטל פונעם לעבעדיקן גוף פון אונדזער פאָלק, האָבן אונדז נישט אומגעבראכט, און די שארית-הפליטה פון דעם פארברענטן דריטל פונעם פאָלק האָט נאָך געפונען די אינערלעכע רעסורסן, פיזישע און גייסטיקע, זיך נעמען ווידעראויפבויען די אלט-נייע מדינה.

יאָ, איך געהער מיט לייב און לעבן צו מיין שבט און איך שעם זיך נישט דערמיט, פאַרקערט, איך בין דערמיט שטאָלץ. זעלבסטפאַרשטענדלעך אויסשליסנדיק יעדן מין „אתה בחרתניזם", יעדן נאַציאָנאַליזם, ווייל אַלע שבטים זענען גלייך און די, וואָס איבער געוויסע היסטאָרישע באַדינגונגען געפינען זיך מיט א שטאַפּל העכער פון אנדערע, דאַרפן העלפן די צוריקגעשטאַנענע זיך אויפהויבן און דערגרייכן זייער ניוואָ, אַנדערש וועט די וועלט קיין קיום נישט האָבן...

...דאָס ציגיינערל האָט אָפּגעטשעפּעט דעם פּאַראָם פון יענער זייט ברעג און שיפט זיך צוריק צום אינדזל. א צוג וואָס איז דורכגעפלויגן פון יענער זייט טייך און דער רעווע פונעם לאָקאָמאָטיוו האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע רעיונות. יאָ, איך האָב היינט גאָרנישט פאַרצייכנט אין מיין העפט און איך דאַרף גיין צום קוואַל, און נעמען א באָד און אויך אָנקלינגען אהיים. מיין אייניקל וואַרט אויפן זיידנס טעלעפאָן.

## 9 סעפּטעמבער

דער אינדערפרי איז א לויטערער און א וואַרעמער. לויפן מענטשן צו די געבענטשטע קוואַלן מיט די פלעשלעך אין די הענט. יונג און אַלט, אויסגעטרוקנטע זקנים וואָס שלעפן קוים זייערע פיס, מענטשן אין די מיטלע יאָרן און יונגעלייט שטעלן זיך אוים אין דער ריי און וואַרטן געדולדיק אויף דער פליסיקער רפואה. אָט שטייען פאַר מיר צוויי עלטערע פּויערטעס, שוואַבקעס; אויף די קעפּ טראָגן זיי געבלימטע טיכלעך, אין זייערע לאַנגע ברייטע ספּודניצעס זעען אוים ווי פּאַראַשוטן. פאַר זיי, אַן אַלטיטשקע אָנגעשפּאַרט אין א שטעקעלע שטעלט צו דאָס פלעשל צום קראַנט פונעם קוואַל, ס'וואַסער רינט אָבער שוואַך, ס'דויערט. די אַלטיטשקע הויבט אויף דאָס פלעשל, באַטראַכט עס מיט פאַרזשמורעטע אויגן און שטעלט עס צוריק אונטערן קראַנט: „איך טרינק 200 גראַם"..

— נו, נו, אַביסעלע גיכער מאַמעלע — יאָגט זי אונטער א באַבערדלטער יונגערמאַן. די אַלטיטשקע הויבט אויף דעם קאָפּ, שפּאַרט זיך אָן אין שטעקן און ענטפערט אים געמיטלעך: „וואָס איילסטו זיך אזוי יונגערמאַן? פאַרשפּעטיגסט אויף דער אַרבעט?" דער עולם לאַכט. צום שלום

טרינקט יעדער אוים זיין פלעשעלע און גייט זיך זיין וועגס. איך גיי אראפ אויף מיין אויסגעטראטענער סטעזשקע צום ברעג פונעם טייך אלט און מיש אויף ווייטער מיין ספר הזכרונות...

*

דער פרילינג פון יאר 1940 איז געווען א פריער און א ווארעמער. חול-המועד פסח האט ווידער גערעגנט. ס'האט געבליצט און געדונערט. אפילו זקנים האבן נישט פארגעדענקט אז פסח-צייט זאל אזוי דונערן און בליצן. „ס'זאל נאר זיין צו גוטן", האבן יידן געשעפטשעט און געמאכט די ברכות „שכוחו וגבורותו מלא עולם" און „עושה מעשי בראשית". ביי יונהן אין שענקל האט מען געפרעגט מאיר-וואלפן דעם טרעגער צי ער האט געמאכט א ברכה איבער א דונער, האט ער געענפערט אז ער מאכט א ברכה נאר איבער „א גראבער"...

דער פעטער טעוול האט אנגעהויבן ארויסגיין זיצן אויף דער פריזבע, זיך ווארעמען אנטקעגן דער זון, אריינקוקן אין זיינע ספרים און שכנים פלעגן צו אים קומען ער זאל זיי אויסטייטשן די נאטור פענאמענען. דער פעטער טעוול פלעג אנזאטלען זיין גראבע נאז מיט דער בראדעווקע, מיט זיינע ברילן ארומגעבונדענע מיט דראטלעך, גלעטן זיין שיטער בערדל, אונטערזינגען עפעס אן אומבאקאנט ניגונדל און ענפערן:

— מנו, מנו, דאס דונערן און בליצן איז נישט קיין שלעכטער סימן, פארקערט ס'ווייזט אן א פריען זומער, א גוט גערעטעניש, נאר די ליקוי לבנה פון פרייטיק צונאכטס, ווייל איך מיין מויל צו קיין שלעכטן נישט עפענען. נאר דאס ספר טייטשט עס אוים, אז צוויי מלכים, איינער פון מזרח זייט און איינער פון מערב זייט וועלן מלחמה האלטן און ס'וועט אוועק מיטן פייער א שטיק מלוכה פון מזרח זייט, דערנאך וועט דאס פייער זיך אריבערטראגן אויף מערב זייט...

— נו, נו, וואסזשע וועט זיין, ר' טעוול? וואס וועט זיין מיט אונדז יידן?

— מנו, מנו, דער אייבערשטער זאל זיך אויף אונדז מרחם זיין, מיר זענען דאך נישט אין מזרח זייט, נישט אין מערב זייט, מיר זענען אינמיטן...

די ספירה טעג זענען געווען שיינע און אויסערגעוויינטלעך ווארעמע. חברה זענען געלאָפן צום „גרויסן טייך" אָדער צום „פוילן טייך", זיך אויסבאָדן אין די קילע כוואליעס און יידן פלעגן אָפּשאָקלען „א, יאָ, יאָ, היינטיקע צייטן, זיך באָדן אין די ספירה טעג".. דער מארק האָט אויפ־געלעבט און אסתר-צירל פלעג פירן דעם פערעד צווישן די מארק זיצערנס. דער מארק איז געווען א מין לאבאָראטאָריע פון דער יי.פּ.א. (יידישע פּליאָטקעס אגענטור). דאָ פלעג מען הערן א וויץ, א נייעס, א שטעך-ווערטל און א נייעם צונאָמען.. אהער פלעגן יידן קומען זוכן א מציאה, עפּעס מיט וואָס זיך צו „פארשטאָפּן די קישקע" — ווי די באָבע מאלי-רחל פלעג זאָגן — אין די לאנגע דארע נאָך פּסחדיקע טעג. און אזוי האָט דאָס שטעטל גע־פירט ווייטער זיין טאָג-טעגלעך לעבן. איך פלעג זיך ווייטער באגעגענען מיט שיינדעלען, מיט איר שפּאצירן איבער די שמעקענדיקע אלעען פונעם בולוואר. מיט מאָטלען האָב איך זיך נישט געקאָנט באגעגענען, ווייל פארן ערשטן מאי האָט מען אים געגומען אין „חד-גדיא" אריין, ווי מ'פלעג זאָגן, און אים נאָך נישט ארויסגעלאָזט. דער פעטער אריה האָט זיך געקלאָגט אויף די קריזשעס, זיך ווייטער געשלעפּט מיט פערד — און ווענגלע און אָפּגעגרוזעוועט זעק מיט מעל; טשארנע די „מילכיקע" האָט געגעבן אויף מאיר בעל-נס און געלויבט פראָים פעלדשער: „א דאנק דעם אייבערשטן — און דערנאָך אים, איז מיין קו געהאָלפן געוואָרן. אוי איז זי געווען אויס מענטש"...

מענדל „דיפּלאָמאט" איז געזעסן אין זיין בודקע און א פארטיפּטער אין די צייטונגען פלעג ער נישט באמערקן אז ס'קומט אריין א קונה.

— מענדל, א פעקל טאַטין און א צענדליק שוועבעלעך.

— יאָ, יאָ, תיכף, תיכף.

מענדל גיט דעם קונה וואָס ער האָט געמאָנט און נעמט נישט אראָפּ די אויגן פון דער צייטונג.

— ט'האָסטו ס'געלט מענדל.

— יאָ, יאָ, תיכף, תיכף..

— וואָסזשע פאר א נייעסן שרייבן די גאזעטעס, מענדל, הא?

— וואָס פאר א נייעסן? דערווייל דויערט דאָרטן די „מאָדנע מלחמה",

נאָר ס'קאָכט דער קעסל. ביי אונדז איז דערוויַיל ברוך השם שטיל. קוקט — און מענדל וויַיזט אָן מיטן פינגער אויף א לייט-ארטיקל פון א רו-מענישער צייטונג — קוקט, איר זעט: „אונזער לאנד — א אינדזל פון שלום".

— יאָ, מענדל, אָבער א אינדזל איז דאָך ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט וואסער...

שייקע בעל-עגלה פלעג ווי געוויינטלעך שטיין מיט זיין פאיעטאָן לעבן יונהס שענקל אנטקעגן בולוואר. ער האָט אויסגעטאָן זיין ווינטערדיקע שווערע בורקע מיטן קאלפאק, איז געזעסן אויף דער קאָזלע א פארטראכטער און געגלעט זיין רויטלעכע באָרד: „מיט פרנסה איז שטומפיק, א יקרות ס'ברענט. בערטשיקן, דעם שיינעם איידעם זיינעם — א כאָלעריע אָף אים — האָט מען פארנעמען פארן ערשטן מאי אין דער „חד גדיא" אריין און זיין רחל כאפט א בידעווע. ער איז מיט איר ברוגז, זי האָט אים נישט געפאָלגט און אוועק מיט בערטשיקן. נאָר אלץ ער האָט טאקע געזאָגט זיין בתיהן: „נעם טראָג איר אריין א טאָפ קאשע מיט יויך". וואָס זאָל ער טון שייקע, פאָרט אייגן בלוט און פלייש.

אברהם אהרן „קראָטש" האָט וויַיטער געפירט זיינע געשעפטן און געשריבן די זעלבע צעטלען „קבלתי ע'י... כמה וכמה עופות און כמה וכמה בצים".. ער האָט זיך געקוויקט מיט פעטע באָרשן, מיט פיציע און פעטע ראָסלען, דערנאָך פלעג ער זיך האָלטן ביים בויך און רופן פראָים פעלדשער, וויַיל דעם דאָקטער זיידמאן האָט ער זיך נישט פארגינען צו רופן: „פראָים, ס'טוט מיך ווידער ווי אונטערן לעפעלע, עפעס ברענט מיך, הא?" פראָים פלעג גיין דורכן מארק און לאכן: „ער איז קראנק פארביי און עסט פאר דריי".

הערשל פראָצענטניק איז געפאָרן צום באָיאנער רבי זיך פראווען, ער האָט געהאט א גוטן סעזאָן, איז ער געפאָרן אָפּפירן דעם באָיאנער א פדיון. דער אלטער פלטיאל האָט דערציילט אז יום-כיפור צו נעילה האָט ער געהערט ווי הערשל טענהט צום רבונו של-עולם פשוט אויף מאמע-לשון: „רבונו של עולם, מעק ניט און קלעק ניט, לאָז אלעס צורו ווי ביז איצט"...

די „נייַנטע גובערניע" איז ארוים אין דרויסן, ארוים פון דער ניזשדע, פון די פארדרייבערטע שטיבלעך מיט פארשימלטע ווענט, פונעם שטינק פון די לעכער, ארוים אויף די געסלעך, וו די זון צו-

ערשט א בלאסע, א שעמעוודיקע, דערנאָך א דרייסטערע, א ווארעמע האָט ארויסגערופן קינד און קייט, דערקוויקט די נשמות. האא.. „דאנקען גאָט, דערלעבט, הא, מחיה ווארעם.."

ל״ג בעומר איז געווען א הייסער טאָג, האָט מנשה מלמד געפירט זיינע תלמידים אין וועלדל אריין פון יענער זייט טייך און שלמה „קראסאוועץ״ פונעם „השומר הצעיר״ האָט געפירט די חברה אויף א „שיחה״ לעבן די ווינט-מילן. שמואליק דער ביתריסט האָט אויך צונויפגעזאמלט זיינע יינגלעך אויף א מארש: „חד, שתים! חד, שתים! דום!״

דאָס ווינטל האָט דערטראָגן ריחות פון אויפגעשפּראָצטער תבואה פון די ארומיקע פעלדער. גרינע גראָז טעפּיכער מיט געלע בלימעלעך האָבן באַצירט דעם אריינפאָר אין שטעטל גלייך ווי דער קיסר אליין האָט באדארפט קומען צו פאָרן און ארום איז געווען אזוי שטיל, אזוי ציכטיק, אז ס׳האָט זיך גאָרנישט געגלויבט אז ערגעץ-ווו האַלט מען מלחמה. ס׳האָט זיך גערעדט אז מיר לעבן טאקע באמת אויף א אינ-דזל פון שלום.. ביז אין א שיינעם טאָג איז אָנגעקומען די ידיעה אז די „מאָדנע מלחמה״ האָט זיך געענדיקט און אז די דייטשישע חיילות האָבן אויסגעמיטן די „אומבאזיגבארע״ מאזשינאָ ליניע און זענען אריין קיין פראנקרייך דורך האָלאנד און בעלגיע.

אין א הייסן שבת אינדערפרי — איך געדענק עס ווי היינט — אין יענעם שבת האָט מען מיר אין דער „בלעכערישער שיל״ געגעבן מפטיר. מ׳האָט געלייענט די פרשה „שלח״. מ׳האָט מיך אויפגערופן צו דער תורה, דער טאטע האָט מיר געגעבן זיין טלית: „יעמוד החתן״...

איך האָב אויסגעזונגען דעם מפטיר און האָב געזען אז דער טאטע איז צופרידן פון מיר, נאָר ער האָט נישט געוווסט, קיינער האָט נישט געוווסט אז דאָס וועט זיין מיין לעצטער מפטיר אין אונדזער שיל. נאָכן אריינזעצן דאָס ספר אין ארון-קודש אריין, איז אין שיל אריין מענדל „דיפּלאָמאט״. זיין פנים איז געווען גאָר בלאס, זיינע אומרואיקע אויגן זענען געלאָפן פארלוירענע הינטער די גראָבע ברילן-גלעזלעך; אין דער האנט האָט ער געהאַלטן א צייטונג, זיינע ליפּן האָבן עפּעס געשטאמלט, וואָס, האָב איך נישט פארשטאנען. ער איז צוגעלאָפן צו מאיר-וואָלף טרעגער, און באלד האָט זיך אין שילעכל צעטראָגן איין וואָרט: פאריזש! פאריזש!

אומזיסט האָט דער גבאי געקלאַפּט אין באַלעמער און זקנים האָבן געש־ריגן: „שא, שא, מ׳דאַרף דאַווענען מוסף״. מוסף האָט מען שוין כמעט נישט געדאַוונט, נאָר מ׳האָט גערעדט, אַפילו ביי קדושת כתר האָט דער עולם זיך נישט איינגעהאַלטן: „פּאַריזש״... נאָכן דאַווענען האָבן יידן ווי געוויינטלעך געטרונקען לחיים, לחיים טובים ולשלום, נאָר די שטי־מונג איז געווען אַ געדריקטע, מ׳האָט גערעדט, זיך געאַמפּערט, כמעט־זיך געקריגט:

מאיר־וואָלף: און איך זאָג מיר מיינס, דער דייטש איז אַ גוטער בעל־שחרית, נאָר אַ שלעכטער בעל־מוסף...

יונה שענקער: דולסט אַ ספּאָדיק, בעל־שחרית, בעל־מוסף, זעסט נישט ס׳איז שוין צו נעילה, ער איז אין פּאַריזש, אַ קליינינקייט, פראַנציע...

פראָים פעלדשער: יאָ, די טעכניקע זיינע איז אַ גרויסע, ימח־שמו זאָל ער ווערן, ער וואָרפט נישט מיט קיין מענטשן, ער שלאָגט זיך מיט מאַשינען.

דער פעטער אריה: ווען זיי זאָלן פאַלן אויף די קריזשעס ווי איך, וואָלטן זיי פאַרשפּאָרט מלחמה צו האַלטן...

דער אַלטער פּלטיאל: שטראָם, גראַם מאַך מיר אַ לעדערנעם דאַשעק... אוי, אריה, ביסטו קלוג ווי דעם רבי׳ם ציג...

— דער גבאי: רבותי, איר זענט דאָך אין אַ מקום קדוש, ס׳אַ בזיון כ׳לעבן...

דער פעטער טעוול: עט, הכל הבל, ער וועט איננעמען אַ מיתה משונה...

מענדל דיפּלאָמאַט: די וועלט וועט נישט דערלאָזן, ענגלאַנד, אַמעריקע...

מאיר־וואָלף: ענגלאַנד, אַמעריקע, זיי האָבן אים דאָך אויסגעכאָ־וועט... נאָר דער פעטער וועט ברענגען די ישועה, נאָר דער פעטער...

מיין טאַטע: ווען זשע וועט ער שוין קומען דער פעטער דיינער?

יואל „למד וואָווניק״: יידן מ׳דאַרף עפּעס טון, מ׳דאַרף זאָגן תהלים, אָפּפאַסטן עטלעכע תענתים...

דער זומער איז געווען א הייסער און א טרוקענער, נישט גערעגנט
פון חול-המועד פסח אָן. די גראָזן און די ביימער האָבן געלעכצט נאָך
אביסל רעגן, און די לאנעס ווייץ וואָס האָבן זיך געצייטיקט אונטער דער
ברענענדיקער זון האָבן געוואַרט אויפן פאַרנאַכטיקן ווינטל ער זאָל זיי
צערטלען מיט זיין מחיהדיקער קילקייט. פּראָצעסיעס פון גלחים באגליי-
טע פון א עולם מיט צלמים האָבן זיך געשלייכט שטילערהייט אראָפּ צום
גרויסן טייך, געבעטן גאָט ער זאָל זיך מרחם זיין און שענקען אביסל
רעגן דער זינדיקער ערד.
„נישט קיין גוטער סימן" — האָבן גערעדט צווישן זיך די קריסטן
— אז ס'האָט נישט גערעגנט אין טאָג פונעם יידישן „גרינעם יום-
טוב" (געמיינט האָבן זיי שבועות) איז נישט גוט. זיי האָבן געוווּסט
אז אויב ס'רעגנט אין טאָג פונעם יידישן „גרינעם יום-טוב", וועט דער-
נאָך רעגענען 40 טעג...
אין די טריבע טעג, ווען דער שאָטן פונעם האקנקרייץ האָט געהאָנ-
גען איבער איראָפּע און אונטער דעם היטלעריסטישן איינפלוס האָט-
זיך דער אנטיסעמיטיזם פאַרשאַרפט, ווען די לאגע איז געוואָרן אן אויס-
זיכטסלאָזע בכלל, און פאַר יידן, פאַר יידישער יוגנט בפרט, און די אָנגע-
לאָדענע אטמאָספערע איז שוין נישט געווען צום אָטעמען, האָט מען
מער ווי ס'ניט איז גערעדט אויף משיחן. יעדער האָט זיך אים אנדערש
פאָרגעשטעלט, נאָר מ'האָט געוואַרט און געהאָפט.

### *10* סעפטעמבער

10 סעפטעמבער. דאַנקען גאָט שוין אָפּגעפאָרן א האַלבן וועג פון
מיין אָפּרו-צייט דאָ אין קאַלימאַנעשט, אָבער איך בין באַהערשט פון
א צווייַדייטיקן געפיל. פון איין זייט בענקט זיך אהיים, פון דער צוויי-
טער — פיל איך זיך דאָ נישט שלעכט, ענדלעך האָב איך די געלעגנ-
הייט אויסצולייגן געדאַנקען און זכרונות אויף פּאַפּיר. אָט האָב איך שוין
אויסגעפילט כמעט א העפט און כ'טו א טראַכט צו מיינער א לאַנג נישט
אַרויסגעזאָגטער כוונה: ווי גוט וואָלט געווען איך זאָל זיי קאָנען דרוקן..
און ווען דאָס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, ווי וואָלט איך א נאָמען געגעבן
מיין ביכל? „מיין אייגענער ראָמאַן"? צי „די געשיכטע פון מיין שטעטל?..

אָדער אפשר גאָר „דאָס פארלוירענע שטעטל״? יאָ, יאָ, געווים, „דאָס פארלוירענע שטעטל״ געפעלט מיר אמבעסטן. דער טיטל רעפלעקטירט טאקע דעם אינהאלט פון מיינע פארצייכענונגען. איך האָב א שמייכל געטאָן צו מיין געדאנק: „דאָס שווערסטע איז אדורך, איך האָב שוין א טיטל פאר מיינע פארצייכענונגען.. פאר מיין ביכל וואָס וועט האָפענטלעך אמאָל דערשיינען״...

... ווען איך בין אראָפגעקומען צום אינדזל, האָט דאָס ציגיינערל שוין געהאט אָפגעטשעפעט דעם פאראָס פונעם בריקל און אריבערגעפירט עטלעכע פאסאזשירן פון יענער זייט.

נעם איך ארויס דעם העפט מיט די פארצייכונענגען...

*

אין א פרייטיק אינדערפרי, אין א הייסן תמוזדיקן טאָג, זענען די סאָוועטישע טרופן אריבער דעם טייך. משיח איז נישט געקומען אויף קיין ווייס פערד און נישט אויף קיין רויט פערד, ער איז געקומען רייטנדיק אויף טאנקן וועלכע האָבן געהודעט נאָך פון קאיאָר איבער די ארומיקע שליאכן. און אז משיח קומט, ווייסט מען דאָך אז ס'קומט פאָר תחית-המתים. אָבער נישט די מתים פונעם אלטן בית-עולם זענען אויפגעשטאַ-נען, נאָר די לעבעדיקע מתים פון דער „גיינטער גוברעניע״ זענען אויפ-געשטאַנען און ארויס אויף די גאסן. און נאָך זיי דאָס שטעטל, יידן און נישט-יידן.

די באָבע מאלי-רחל איז געווען אין א גוטער שטימונג:

— טו נאָר א קוק וואָס ס'טוט זיך, ס'איז פורים אין שטעטל: מיט פענדלעך גייט מען, טרינקען טרינקט מען, טאנצן טאנצט מען, מגילות לייענט מען, און גראגערן גראגערט מען, אוי גראגערט מען... סאָל נאָר זיין צו גוטן...

פון א זייטיק געסל איז ארויס יאָסל פידלער מיט זיין קאפעליע און אנגעהויבן שפילן. דער אלטער פלטיאל וואָס איז געשטאַנען אין א זייט האָט זיך דערנענטערט און געזאָגט צו יאָסל פידלער:

— אנו, יאָסל, שפיל א דאָבראַניטש.

— וואָסזשע פלטיאל, ס'א חתונה? וואָס גאָר א דאָבראַניטש?

— נאָך וואָס פאר א חתונה? ווו-זשע איז ערגעץ דער ברחן, הא?..

דער פעטער אריה וואָס האָט פּאַרשפּעטיקט, איז געקומען אַ פאַרסאָ־פּעטער:

— אוי, קינדער, כ׳האָב פאַרשפּעטיקט, די קריזשעס.. די שונאים זאָלן אַזוי כח האָבן צו לעבן, ווי איך האָב כח צו שרייען הורא...

ישראל שוחט איז געשטאַנען אין אַ זייט און גערעדט צו זיך אַליין: „מ׳זאָגט אַז זיי דאַרפן נישט קיין שוחטים, וואָסזשע וועל איך טאָן, האַ?"

שמואליק דאָס ביתריסטל האָט זיך פאַרמאַכט אין שטוב, און שלום „קראַסאַוועץ" דער שומר־הצעירניק איז אַרום צווישן עולם און געקוקט מיט זיינע שיינע פאַרחלומטע אויגן אַרום זיך ווי אַ דערשטוינטער. באַטאַליאָנען רויטאַרמייער האָבן מאַרשירט אויפן שאָסיי צו די ווינט — מילן און ווייטער אויף מערב. שייקע בעל־עגלה איז געזעסן אויף דער קאָזלע, ער האָט נישט באַדאַרפט קיין שום רויטע סטענגע, ווייל זיין רויטע באָרד האָט געפלאַטערט ווי אַ פאָן און אויף זיין ברייט פנים האָט זיך צעגאָסן אַ גוטמוטיקער שמייכל. ער איז געווען צופרידן, ווייל ראשית, ווי נאָר די רויטע זענען אריבער דעם טייך, האָט ער לכבוד דער געשעעניש געכאַפּט אַן איבעריקע כוסה ביי יונהן אין שענקל: „געקומען אַ נייע ממשלה דאַרף מען טרינקען לחיים, ניין, יונה? ווייל ווי זאָגט מען: כל זמן שהנשמה בקרבי"...

„והשנית, האָט אַ טראַכט געטאָן שייקע, אפשר וועט זיך פון זיין אייִדעם, פון בערטשיקן אויסרייבן אַ כלי, ער איז דאָך פון זייעריקע, געזעסן אין דער „חד־גריא". און טאַקע והראיה, בשעת דאָס שטעטל איז געגאַן כּאַדאַראַם, האָט מען מאָטלען דער באָבעס און בערטשיקן וואָס זענען נאָר וואָס אַרויס פון דער „חד־גדיא" איינגעלאַדן אָנטיילצונעמען אינעם גרינדן דעם סאָוויעט פון דער שטאָט. אסתר־ציראל די קורעלאָפּנימטשקע איז אַוועק פונעם מאַרק, אָנגעטאָן די יום־טובדיקע קליידער און אַרומגעלאָפן אַ פאַרשוויצטע פון איין רעדל מענטשן צום צווייטן:

— אַז מ׳לעבט דערלעבט מען. אַ שאָד וואָס איך בין אַלט, אַ שאָד. נאָר געלויבט מ׳אייבערשטן, געקומען אונדזער צייט, די צייט פון „נאַש בראַט"*. מאָטלס צייט געקומען... מאָטעלע, טייערער, זיסער מיינער, איך דאַרף דיר וואַשן די פיס און טרינקען ס׳וואַסער, אוי, ווו איז דיין

* עמך

טאטע ער זאָל דיך זען ווי דו זיצסט אויבנאָן אין דער פּרעפעקטורע...
די שונאים אָף צי להכעיס, זאָלן זיי לאָפּנען...

דאָס געשריי האָט זיך אויסגעמישט מיטן געזאַנג, מיטן גערויש פון די הארמאטן און פון די פּורגאָנעס וואָס זענען נאָכגעפאָרן די באַ-טאליאָנען. מענדל „דיפּלאָמאט" איז ארומגעלאָפן פון איין רעדל מענטשן צום צווייטן, אין דער האנט האָט ער געהאלטן א צייטונג און מיט איר געפּאָכעט אינדערלופטן:

— יידן, איך זאָג זיך אָפּ פון מיין נאָמען. פון היינט אָן בין איך אויס מענדל „דיפּלאָמאט", א דיפּלאָמאט איז מאיר-וואָלף. ער איז געווען גערעכט, ער איז „הרואה את הנולד" מאיר-וואָלף. דער פעטער איז טאַקע געקומען, און נישט אומזיסט האָט מען אים גערופן צו דער זיצונג פונעם סאָוויעט...

אין יענעם פּרייטיק-צונאכטס זענען די שילן און בתי-מדרשים געווען האלב ליידיק, געקומען מקבל-שבת זיין זענען סאמע זקנים, ווייל די יונגע זענען געווען אויף די גאסן און אין די זייטיקע אלעען האָבן זיך מיידלעך און שיקסעס פּארוויילט ביז שפּעט אין דער נאכט מיט די זעלנער. די „פרייע ליבע" איז געוואָרן דער ערשטער נישט געשריבענער געזעץ וואָס האָט פונעם ערשטן טאָג פּארכאפּט א גרויסן טייל פון דער יוגנט אין אונדזערע מקומות.

דעם צווייטן טאָג שבת, האָט מען אין דער בלעכערישער שיל וויניק וואָס געדאוונט, מ'האָט גערעדט, קאָמענטירט דאָס געשעעניש, געמאכט פּראָגנאָזן, זיך געקהלט און געגראגערט. מאיר-וואָלף טרעגער איז אין שיל אריין נישט געקומען, ער איז געווען אין א קאָמיסיע וואָס האָט באדארפט איבערנעמען די מיל ביי די ברידער שאָר. „ער וועט שוין אוודאי ווערן א שטיקל נאטשאלניק, אפשר טאַקע א שטיקל „דרעקטער", פּארוואָס ניט"?

אין יענעם שבת האָט מען שוין דעם קיסר נישט געמאכט קיין מי שברך. האָט דער אלטער פּלטיאל געפרעגט ווי מע דארף זיך נוהג זיין, צי מע דארף נישט מאכן א מי שברך דעם נייעם קיסר.

— וואָס פאר א קיסר, ווער מיר קיסר. — וואָס האקסטו א טשייניק שוטה איינער — האָט בערל בייגל-בעקער פון אים אָפּגעחוזקט..

— אויב אזוי וועלן מיר זיך באגיין דאָס מאָל אָן דעם מי שברך, אָבער איך זאָג אז מ'דארף פרעגן, — האָט זיך פּלטיאל נישט געלאָזט.

— פרעגן, פרעגן, וועמען פרעגן? וואָס פרעגן? ווייסטו וואָס, פּלטיאל, מיר וועלן דיך שיקן קיין מאָסקווע וועסטו זיך דאָרט אָנפרעגן.. כאַ, כאַ, כאַ... דאָס ביסל עולם האָט געטרונקען לחיים, זיך אָנגעוווּנטשן און ארויס אויף דער גאַס ווי מענטשן האָבן זיך געשטופּט ארום די זעל־נער וואָס האָבן געטיילט פּלוג־בלעטלעך און אייניקע פון זיי ציגארעטן מיט לאַנגע מונדשטוקן.

— חברים! בירגער! האָט געגרילצט א קול אין מיקראָפאָן, חברים! היינט צוועלף אזייגער פונקט, בעטן מיר אייך זיך צונויפזאמלען אויפן אלטן מארק, דאָרט וועט פאָרקומען א מיטינג. חברים! בירגער! היינט צוועלף אזייגער פונקט...

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צעגיין. אין א שעה ארום וועט פאָר־קומען דער גרויסער מיטינג. דער פעטער אריה און מנשה מלמד זענען געשטאַנען אין א זייט און פאַררייכערט א ציגאַר.

— נו, חבר מנשה, — האָט א שמייכל געטאָן דער פעטער אריה — אויב משיח איז טאַקע געקומען, לאָמיר זשע ארייגגיין צו יונהן און אויס־טרינקען א ליטער וויין. מנשה האָט א ציפּ געטאָן זיין ציגן־בערדל:

— יאָ, יאָ, ווער־זשע צאָלט?

— ווער ס׳צאָלט? איך צאָל, פארוואָס זאָל איך ניט צאָלן? וואָס זאָל איך טאָן מיטן אלטן געלט? מאָרגן, איבערמאָרגן וועטן זיך דערמיט אונ־טערווישן...

דער עולם האָט זיך צונויפגעזאמלט. אויף אן אימפּראָוויזירטער טריבונע זענען געשטאַנען עטלעכע ציווילע מענער און אראָפּגעקוקט אויפן עולם וואָס האָט זיך געשטופּט נענטער צו דער טריבונע.

— חברים! האָט אָפּגעהילכט א קול, בירגער! אין דעם יום־טובדיקן טאָג פון דער באפרייאונג, וויל איך אייך איבערגעבן א גרוס אין נאָמען פון דער פארטיי און פון דער רעגירונג. דער רעדנער האָט געמאכט א קורצן איבערזיכט איבער דער געשיכטע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ביז היינט, און האָט באטאָנט אז אצינד איז דער ארבעטער־קלאַס דער באלעבאָס איבער אלע רייכטימער פונעם לאַנד. „און אצינד חברים, אויב איר האָט צו שטעלן פראגן — פרעגט — מירן אייך מיט פארגעניגן ענפערן״.

דער ערשטער האָט אויפגעהויבן די האַנט אברהם פּערטאַלע.

— חברים, מיר דאַנקען אייך, וואָס זאָג איך מיר דאַנקען אייך, מיר קושן אייך די פיס וואָס איר זענט געקומען אונדז באַפרייען. די גבירים האָבן געמיינט אַז זיי האָבן אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פיס, ניין, גענוג! חברים אַצינד אַז מיר זענען ביי דער מאַכט..

פון דער טריבונע האָט אים עמעצער איבערגעריסן:

— חבר לעבן, מיר האָבן געזאָגט אַז אויב עמעצער וויל עפּעס פרעגן, זאָל פרעגן, און איר חבר ווילט גאָר האַלטן אַ רעדע?

אברהם פּערטאַלע האָט זיך נישט געלאָזט:

— חברים, טייערע חברים, אויב אַזוי וועל איך פרעגן: איר האָט געזאָגט אַז פון היינט אָן געהערן אַלע רייכטימער אונדז, ווען זשע וועטן נעמען ביי די רייכע און מ׳וועט טיילן צווישן די אָרעמע-לייט?

— הערט אויס, חבר-לעבן, דאָס וואָס איר פּרעדיקט הייסט ביי אונדז זייטשעט מוחל אַנאַרכיע, איר פאַרשטייט, אַנאַרכיע. ביי אונדז טוט מען אַלעס לויטן געזעץ. דאָס פאַרמעגן וואָס די רייכע האָבן אָנגעראַבעוועט וועט געהערן דער מלוכה, אונדזער סאָציאַליסטישער מלוכה, און אַזוי ווי די מלוכה איז אונדזערע, הייסט עס אַז אַלע אירע רייכטימער געהערן אונדז אַלע. איר פאַרשטייט חבר? איר פאַרשטייט חברים?

— יאָ, יאָ, האָט ער געשטאַמלט, פאַרשטיין פאַרשטיי איך, נאָר איך דאַרף עס קודם גוט צעקייען, וועל איך דערנאָך בעסער פאַרשטיין...

— חברים, האָט פאָרגעזעצט דער רערנער פון דער טריבונע — איצט דאַרפן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט, מיט חשק און מיט דיסציפּלין, איצט דאַרפן מיר היטן ווי די אויגן אין קאָפּ אונדזער אַלגעמיין אייגנטום, איר פאַרשטייט, חברים?

— אַרבעטן? הערסט געצל, מ׳דאַרף אַרבעטן, און איך האָב געמיינט אַז מ׳וועט נעמען ביי די גבירים און מ׳וועט...

— מ׳דאַרף אַרבעטן מיט חשק, הערסט, ווער-זשע האָט חשק צו אַרבעטן, הא?

עטלעכע וואָכן איז דאָס שטעטל געגאַן כאָדאָראָם: מיטינגען, פאַרזאַמלונגען און פאַרווייַלונגען, אָבער סוף-כל סוף האָבן די וואָכעדיקע טעג פאַרביטן די יום-טובדיקע און יעדער האָט אָנגעהויבן טראַכטן

זוענן תכלית-זאכן, וועגן פרנסה און אנדערע פּראָבלעמען וואָס דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן שטעלט פאר איעדן. מיין טאטע האָט ווייטער געאַר- בעט אין בראָווער. ער פלעג ווי געוויינטלעך אויפשטיין פּאַרטאָג, לייגן טלית און תפילין, אויסטרונקען א גלאָז טיי, נעמען דאָס פּעקעלע עסן, א קוש טאָן די מזוזה און אוועק צו דער ארבעט. ער איז אפילו געווען צופרידענער אין אייניקע הינזיכטן ווי פריער. ראשית, האָט ער געארבעט אכט שעה אין טאָג, והשנית, איז ער געווען פון די גוטע ארבעטער, איז ער אין א טאָג געקומען גאָר אויפגעלייגט. ס'איז געווען א זיצונג אין בראָווער און מ'האָט אים דאָרטן געלויבט:

— מ'האָט מיך אויפגערופן — האָט ער דערציילט — ווי להבדיל צו דער תורה: „אראָן לוואָוויטש — האָבן זיי געזאָגט, מיר באגריסן אייך, איר האָט אויסגעפילט דעם פּלאַן פאַרן חודש" און זיי האָבן מיר געהייסן ברענגען א בילד, זיי ווילן מיך ארויסשטעלן אין דער „סטענגאַזעטע"*. איך האָב אים שוין לאנג נישט געזען אין אזא גוטער שטימונג און די מאמע האָט געשפּאַסט:

— ווייסט וואָס, אהרן, גיב זיי דאָס בילד פון אונדזער חתונה, דאָרט זעסטו אויס יינגער, זאָלן זען די חברים און איבערהויפּט די ח- ברטעס דיינע, ווי דו האָסט אויסגעזען אלס חתן-בחור...

די מאמע האָט אויך צופאַרדינט, זי האָט גענומען ארבעט אהיים פון א קאָאָפּעראַטיוו און געשטעפּט אויפן מאשין. אלצדינק איינעם איז אָבער נישטאָ ביי קיינעם. איז אויף אמאָל דער טאטע געוואָרן אומע- טיק, ער האָט אָנגעהויבן אָפּטער זיפצן און זיין פּנים איז אלץ אָפּטער פארוואָלקנט געוואָרן. איך האָב אים נישט געוואָגט צו פרעגן, האָב איך געפרעגט די מאמע.

— יאָ, ס'באקומט אים נישט דאָס לעבן דעם טאטן דיינעם, איבער דער שיל.

— איבער דער שיל?

— יאָ, קודם מוז ער ארבעטן אום שבת, און חוץ דעם האָט מען פון דער שיל געמאכט א סקלאַר, א דעפּאָזיט, מע האָט דאָרטן אָפּגעשיט

---

* וואַנט-צייטונג

תבואה, איז ער אוים מענטש דערפון. וואָס איך טענה צו אים: מענטש, וואָס זאָל מען טאָן אז ס'א מין גזירה, אלצדינג איז פונעם רבונו של-עולם, אָן אים טוט זיך דאָך גאָרנישט, איז וואָסזשע דארף מען זיך נעמען דאָס לעבן? קיינער נעמט זיך ניט דאָס לעבן. מ'האָט דאָך נישט פארמאכט אלע שילן דערווייל, וואָסזשע זאָל מען טאָן? מ'האָט אויפן קלויסטער להבדיל, אויך אויפגעהאנגען א שלאָס, האָט עס די ערלים דען נישט געטראָפן? א כאסלערע, א פגר, אָפשווענצלען א שייגעצל, א שיקסל, ווי ס'פירט זיך ביי זיי, וואָס זאָלן זיי טאָן? איז עס א גזירה פאר אלע גלייך. נו, און אז מענטשן האָבן אָנגעווירן פאר-מעגנס — טענה איך צו אים — קוק ביי די לעכטיגעם האָט מען צוגענעמען אזא בראָווער און זיי זענען אנטלאָפן קיין רומעניע מיט עטלעכע רענצלעך, און ביי די ברידער שאָר, די מיל, עפּעס א קלייניקייט... און ביי יאָסל בעקער; נו, אין ביי זלאָטעם איידעם, דעם פאבריקאנט? נו, אין ביי דיין שוואָגער יואל, דאָס פעלד. מ'האָט געפּטערט פארמעגנס, פון אלעמען איז געוואָרן פוך און פראך, נאָר קיינער האָט זיך נישט גענעמען דאָס לעבן, דאנקען גאָט דארף מען זאָגן, אבי מיט געזונט, און מיט אביסל פרנסה, איז צוקער זיס. אָט אזוי טענה איך צו אים און ער האָלט אין איין אונטערברומען: „וואָזשע וועט זיין ימים-נוראים? גיין צו דער ארבעט? הא? וואָזשע וועט זיין ימים-נו-ראים“?

דער זומער איז געווען א הייסער און א טרוקענער. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז גיין אויף דער נייער קאָליע. מ'האָט אָנגעהויבן זוכן ארבעט, די יוגנט זיך פארשרייבן אין א לערן-אנשטאלט, אָדער אויף פארשידענע קורסן. מיינע עלטערן האָבן מיך זייער געוואָלט מאכן פאר א בוכהאלטער. „א ריינע, בכבודיקע פרנסה“ — פלעג טענהן דער טאטע. „מ'זיצט אין קאנצעלאריע, זומער אין דער קיל, ווינטער אין דער ווארעם, א מחיה. איך זע דאָך ביי אונדז אין בראָווער, א בוכהאל-טער איז טאקע א בוכהאלטער, א מענטש מיט א פּען אין דער האנט, איז אים גוט אין אלע צייטן“.

די מאמע איז קודם נישט אינגאנצן מסכים געווען, דערנאָך האָט זי זיך באַרעכנט:

— יאָ, דער טאַטע איז טאַקע גערעכט, א בוכהאַלטער, טאַקע שיין און גוט, אויף מיר אַזאַ יאָר.

איך בין נישט געווען אַנטציקט פון דער פּערספּעקטיווע, כ׳האָב זיך געוואָלט איינשרייבן אין אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, דערנאָך האָב איך זיך מיישב געווען, ווייל שיינדעלע האָט אויך געוואָלט לערנען אויף בוכהאַלטער און איך האָב זיך נישט געוואָלט פון איר צעטיילן, האָבן מיר ביידע געזוכט אַ געלעגנהייט זיך איינצושרייבן אויף אַזאַ מין קורס. מיר פּלעגן זיך אָפּטער באַגעגענען, ווייל איר פאָטער יאָסל בעקער האָט געהאַט מיט זיך צו טאָן; מ׳האָט ביי אים צוגענומען די בעקעריי, אַראָפּגענומען די אַלטע שילד אויף וועלכער ס׳איז געווען אויסגעמאָלן אין מיטן אַ גרויס ברויט און אַרום עטלעכע קוילעטשן מיט זעמל, און מ׳האָט אויפגעהאַנגען אַ נייע שילד אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות אויף אוקראַיניש: „פּעקאַרניאַ נומער 1“.

דער פעטער אריה האָט נישט געוואָלט מער אַרבעטן אין דער מיל וואָס האָט געהערט אַמאָל די ברידער שאָר:

— ראשית, איז מיר שווער, איך בין שוין אַריבער די זיבעציק קאָן איך שוין נישט האָרעווען, והשנית, שטייט מיר נישט אָן אַז מאיר-וואָלף טרעגער זאָל זיין איבער מיר אַ באַלעבאָס...

מאיר-וואָלף איז געוואָרן אַ שטיקל נאַטשאַלניק אין מיל, אַ „טעכנירוק“* האָט מען געזאָגט. „וואָסזשע הייסט אַ „טעכנירוק“ האָבן יידן געפרעגט, מיר ווייסן ס׳איז פאַראַנען אַ „שניידערוק“, אַ „שיסטערוק“, אָבער אַ „טעכנירוק?“...

אין אַלגעמיין האָבן זיך אינעם לעקסיקאָן געיאַוועט נייע ווערטער: „איספּאָלקאָם“ „מעסטקאָם“. „ראַיקאָם“.

אין אַן אינדערפרי האָב איך באַגעגנט די מומע איטע, דאָס גאַנצע שטעטל האָט זי גערופן מומע. זי איז שוין געווען אין די נייַנציקער, נאָר אַ פּאָדעם אין אַ נאָדל פלעג זי אַריינציליען אָן אַ בריל. זי איז אַרומגעגאַנגען אָן אָנגעשפּאַרטע אין אַ שטעקן און פון איר איינגעשרומפּן צעקנייטשט פּנימל האָט שטענדיק אַראָפּגעקוקט אַ כיטרע שמייכעלע.

---

* טעכנישער לייטער

— א גוט מאָרגן, מומע איטע, וווהין אזוי פרי?

זי האָט מיך באטראכט מיט אירע קליינע כיטרע אייגעלעך:

— ביסט נישט יחיאל סימע-לאהס איינקל?

— אוודאי, וואָס זשע איר דערקענט מיך נישט מומע איטע? ווו־זשע גייט איר אזוי פרי?

— איך גיי צו די חברים אין ראיקאָס, זיי זאָלן מיר פאררוכטן מ׳דאך, ס׳רעגנט אריין ביי מיר אין שטיבל. יאָ, יאָ, אין ראיקאָס. און איך אליין גיי קאָם און עס קאָם, און לעב קאָם...

דער פעטער אריה האָט נישט געוואָלט ארבעטן אין מיל, האָט מען אים פאָרגעלייגט ווערן א סטאָראָזש*:

— דאָס איז פאר מיר נישט שלעכט. איך זיץ אין קאָנטאָרע, כ׳טו גאָרנישט, נו, די דריי נעכט אין דער וואָך איז אוודאי שווערלעך, נאָר ס׳ניט סטראשנע. אבי כ׳וועל ניט טראָגן קאָן זעק, שאנעווען די קרי־זשעס, און מ׳כאפט א דרימל אויך...

האָט מען אים באשטימט אלס וועכטער ביי א סקלאד פון תבואה. איז ארויס א גרויסער סקאנדאל. כ׳האָב אים געזעהן, אין יענעם טאָג באגעגנט און איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אזא דערצאָרנטן:

— אזוינע פאסקודניאקעס, אזוינע ממזרים — האָט ער געפאָכעט מיט די הענט — איך זאָל זיין סטאָראָזש ביי דער שיל וואָס מ׳האָט פארשיט מיט תבואה. אזא חילול השם. איך דאָ א סטאָראָזש? מיין בר־מצווה איז געווען אין דער שיל צוריק מיט 60 יאָר; אין דער בלעכערי־שער שיל האָב איך צוריק מיט 50 יאָר גענעמען חופה-קידושין מיט מיין זיסל ע׳ה; מיין ברודער יחיאל איז געווען גבאי אין דער שיל. פאסקוד־ניאקעס, מערזאוועצעס, זיי וועלן דאָס נישט דערלעבן...

אין א פאָר טעג ארום האָט ער זיך בארואיקט, מ׳האָט אים נאָמינירט אלס וועכטער ביי אן אנדערן סקלאד פון תבואה.

די צייט איז געלאָפן, דער זומער איז שוין געווען באלד צו ענדע. יעדער אין זיין פאך האָט געטראכט וועגן א תכלית, וועגן פרנסה. אב־

---

* א וועכטער

רהם אהרן „קראַטש“ נאָכדעם ווי ס'איז אים נמאוס געוואָרן אזוי פיל צו זיצן אין שטוב און עסן גרייט געלט, איז געגאַנגען זוכן ארבעט. האָט מען אים געהייסן ברענגען אן אויטאָביאָגראַפיע.

— מיט וואָס עסט מען דאָס? — האָט געפרעגט אברהם-אהרן.

— איר וועט שרייבן דאָרט — האָט מען אים געענטפערט — ווער אייער טאַטע איז געווען און אייער זיידע, וואָס איר פאַרמאָגט און וואָס איר האָט ביז איצט געטאָן.

— וואָס הייסט ווער איך בין? איך בין אברהם-אהרן, א היגער א געבוירענער — האָט ער געטענהט — דאָס גאַנצע שטעטל קען מיך, איך בין א טאַטנס א זון. מיין טאַטע איז געווען א סוחר, א ייד א למדן, מיין זיידע דעסגלייכן. איך בין נישט געווען חלילה קיין גנב, כ'האָב געהאַנדלט ראַיעל, ס'גאַנצע לעבן געהאָרעוועט, זיך ניט פאַרגינען, צוגעוויפגעלייגט, איך בין קיינעם, חלילה, גאָרניט שולדיק, נאָר גאָט די נשמה, פאַרקערט די אנגראַסיסטן זענען מיר שולדיק געבליבן געננוג... אַוּך וויל ניט גאָרנים, איך וויל נאָר ארבעטן, וויפל קאָן מען לעבן פון גרייטן, א קערנעצע שעפּט זיך אויכעט אוים...

דער פעטער מרדכי האָט נושא חן געווען, ער האָט באַקומען א פּאָסטן אין זיין פאַך, א תבואה אָפּנעמער.

— זעסט, דבורה, און דו האָסט מורא געהאַט אז אמעריקע וועט מיר שאַטן צום שידוך. איך בין טאַקע געווען אין אמעריקע, אָבער אלע ווייסן אז כ'בין קריק געקומען מיטן „בייטשל“, און די שטוב וואָס מיר פאַרמאָגן איז דאָך דיין נדן.

שייקע בעל-עגלה איז ווייטער געשטאַנען מיט זיין פאַיעטאָן לעבן יונהס שענקל. ער איז איצט געווען צופרידן פון בערטשיקן און רחלען. בערטשיק איז געוואָרן א שטיקל נאַטשאַלניק און רחלע האָט געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק. דאָס שענקל איז געבליבן, מ'האָט נאָר געביטן די שילד און יונה איז מער נישט געווען קיין באַלעבאָס, נאָר א פאַרקויפער. שייקע פלעג זיך אריינכאַפּן נעמען א פערטאַלע בראָנפן:

— נו, יונה, אוים קאַפּעליטש-מאַכער, האַ? אוים באַלעבאָס.

— יאָ שייקע, כ'בין אוים קאַפּעליטש-מאַכער, נאָר כ'בין צופרידן, וויניקער קאָפּ דאַרעניש.

פראַים פעלדשער איז עולה לגדולה געוואָרן, ער איז געוואָרן „סטאַר-שי-פעלדשער" אין שפּיטאָל און געטראָגן אַ שניי-ווייסן כאַלאַט. שטעלן באַנקעס און שמירן פּלייצעס איז אים שוין נישט אָנגעשטאַנען, און זיין ווייב ברכה וואָס פלעג אָפּשפּרעכן פון אַ גוט-אויג, פון אַ דערשרעק, גיסן וואַקס און לעשן קוילן, האָט זיך געמוזט אָפּלאָזן פון דער מלאכה:

— אַנדערע צייטן, ברכה — פלעג ער זאָגן זיין ווייב — פאַרגעס ניט אַז איך אַרבעט ביי דער מלוכה.

זלמן שדכן האָט געזוכט אַרבעט און נישט געפונען. ער האָט געזוכט עפּעס אַ „ריינע" אַרבעט, פלעג ער אַרומגיין שלינג — און שלאַנג. זיין שיינע שוואַרצע באָרד איז שוין געוואָרן גרוי. „ר'האָט נישט קיין פּרנסה, ווער דאַרף האָבן היינטיקע צייטן אַ שדכן. די יונגע פּאָרן זיך אַליין — פלעגן רעדן די ווייבער צווישן זיך — און היינט די צרות פון שלמהלע זיין בן-יחיד. ער האָט זיך געשלאָגן אין שפּאַניע, איצטער זאָגט מען, איז ער ער-גע'ץ אין אַ לאַגער אין פראַנציע. נו, עלטערן ליידן דערפון, יעדן טאָג שטאַרבט זיי אָפּ אַן איבר".

מיט מאָטלען האָב איך זיך זייער זעלטן באַגעגנט. אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם וואָס די נייע מאַכט איז געקומען, האָט מען אים געשיקט ערגעץ אויף קורסן און ער איז צוריקגעקומען אַ נאַטשאַלניק. ער האָט איצט געהייסן מאַרק באָריסאָוויטש און איז געוועזן דער צווייטער סעקרעטאַר פונעם קאָמסאָמאָל מיט פּראָבלעמען פון קאַדרען. געוווינט האָט ער איצט מיט זיין באָבע אויף דער פּריצישער גאַס אין אַ פּריציש הויז, וועמענס באַלעבאָס איז אַנטלאָפן קיין רומעניע. ער איז געוועזן זייער פאַרנומען. מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט אין גאַס, זיך געדריקט די הענט און ער האָט מיך יעדעס מאָל געפרעגט: „נו, וואָס האָסטו בדעה צו טאָן? אַרבעטן? לערנען? די צייט שטייט נישט". „לערנען — האָב איך אים געענטפערט — כ'וויל לערנען".

„נו, גוט, קום אַריין צו מיר אין גאָרקאָם וועלן מיר זיך דורכשמועסן".

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אַרויסגעהאַנגען אַ מודעה, אַז מ'נעמט אויף קורסאַנטן אויף אַ 6 חדשימדיקן קורס אין דער גרויסער שטאָט, פאַר מלוכה-באַנק אָנגעשטעלטע. דאָס איז זייער געפעלן געוואָרן מיינע

עלטערן, ווייל ערשטנס האָבן זיי פון מיר זייער געוואָלט מאַכן אַ בוכהאַל־טער, און צווייטנס האָט אין דער גרויסער שטאָט געוווינט מיין טאַטנס שוועסטער זלאָטע מיטן פעטער יעקב־שמעון, וועל איך האָבן צו וועמען אַריינצוגיין. און איך בין געווען צופרידן מיטן געדאַנק צו זיין אינאיינעם מיט שיינדעלען, ווייל זי האָט אויך געוואָלט זיך פאַרשרייבן אויף דעם קורס.

בין איך דעם צווייטן טאָג אינדערפרי געגאַנגען צו מאָטלען אין אוידיענץ. דער גאָרקאָם איז געווען אויפן „פּאָטשטאָווע טראַקט" אין דער גרויסער צווייסטאָקיקער געביידע פון דער געוועזענער פּרעפעק־טורע. ביים אַריינגאַנג האָט מיך פאַרהאַלטן אַ וועכטער.

— צו וועמען דאַרפט איר, חבר?

— צום חבר מארק באָריסאָוויטש.

— אויפן צווייטן שטאָק, צימער 62.

איך האָב געוואַרט אַ היפּש ביסל צייט ביי דער טיר פון צימער 62, ווייל אינעווייניק איז געווען עפּעס אַ זיצונג. ענדלעך האָט די טיר זיך געעפנט און מאָטל האָט מיך מיט אַ ברייטן זשעסט פאַרבעטן אין זיין ביוראָ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווייכן שטול און מיר פאָרגע־לייגט זיך זעצן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט דעם געראָמען ביוראָ, וווּ אויף דער וואַנט ביים פענצטער האָט געהאָנגען סטאַלינס בילד. דערנאָך האָב איך באַטראַכט מאָטלען. גאָר אַן אַנדערער מאָטל — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. ער האָט געטראָגן אַ טונקל בלויע רובאַשקע מיט אַ ברייטן גאַרטל און בלויע גאַלפע הויזן אַריינגעלאָזטע אין נייע בליאַסקענדיקע שוואַרצע כראָמעווע שטיוול. די שאַרפע שטריכן פון זיין לענגלעך פנים זענען געווען אָפּגעשפּאַנטע און זיינע ווייסע הענט מיט די ריינע נעגל האָבן שוין נישט געהאַט די סמנים פונעם אַמאָליקן שוסטערישן קלעפּערגעציַיג. ער האָט אַרויסגענומען אַ ציגאַר און אים פאַררייכערט. איך האָב אויף אים געקוקט און נישט ווילנדיק האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט: „מאַרק באָריסאָוויטש איך בין געקומען"...

מאָטל האָט זיך צעלאַכט און זיין טשופּרינע האָט זיך אים געטרע־סעט איבערן שטערן:

— ביסט א טשודאק. מארק באָריסאָוויטש ... איך בין מאָטל, מאָטל דער באָבעס .. פארשטייסט? זאָג, ביסט געקומען צו מיר, ווילסט ארבעטן, לערנען?

— יאָ, מאָטל, כ'האָב גערעשעט, כ'וויל פאָרן לערנען. ס'עפּנט זיך א קורס פאר באנק אנגעשטעלטע, וויל איך .. בין איך געקומען צו דיר.

— הייסט עס, אז דו ווילסט ווערן א בוכהאלטער, עפּעס בעסערס האָסטו נישט געטראָפן? ווייזט אוים די עלטערן האָבן דיך איבערצייגט, גיין? נו יאָ, די קליינבירגערלעכע באגריפן וועלן אונדז נאָך איבערלעבן .. נו, נשקשה, ברענג מיר מאָרגן אריין דיין אויטאָביאָגראפיע און זאָל זיין אין א גוטער שעה.

מאָטל האָט זיך אויפגעהויבן, מיר אויסגעשטרעקט די האנט, נאָר איך בין געבליבן שטיין א ווייל און געקוקט איבער אים צום אָפענעם פענצטער ...

— נו, האָסט נאָך עפּעס א בקשה? לאָמיך הערן.

— מאָטל, כ'האָב נאָך א בקשה — האָב איך געשטאמלט און אראָפּ-געלאָזט די אויגן — ווייסט, שיינדעלע וויל אויך ..

— א? אזוי? הייסט עס ס'נישט נאָר דער קליינבירגערלעכער בא-גריף, נאָר אויך א פערזענלעכער אינטערעס, יאָ, יאָ, כ'פארשטיי. פאר-וואָס זשע איז שיינדעלע אליין נישט געקומען?

— זי האָט נישט געוואָלט.

מאָטל האָט א שמייכל געטאָן, דערנאָך האָט זיך זיין מויל פארקרומט אין א גרימאסע:

— גוט וואָס זי איז נישט געקומען, ברענג מיר מאָרגן אירע פּאפּירן אויך .. ער האָט פאררייכערט דעם צווייטן פּאפּיראָס, ארויסגעלאָזט א וואָלקן רויך דורכן מויל און דורך דער נאָז און געזאָגט ווי פאר זיך:

— איך טו עס ניט צוליב דיר, איך טו עס ווייל כ'האָב זי נאָך ליב, פארשטייסט?

*

ס'איז געווען א הארבסטיקער קאיאָר. די תבואה איז שוין געווען אראָפּגענומען פון די פעלדער, נאָר דער קוקורוז איז נאָך געשטאנען

און געוואַרט מע זאָל אַראָפּנעמען זיינע גילדענע שילקעס. ס'האָט גע־שמעקט מיט צייטיקע האַרבוזעס און מיט דיניעס, מיט פלוימען און מיט ניס. איינצלנע בלעטלעך זענען געפאַלן פון די ביימער, זיי האָבן זיך לאַנג געדרייט אין דער לופט און ענדלעך זיך אויסגעשפּרייט אין א געלן טעפּיך צופוסנס פון די ביימער. א לייכטער נעפּל האָט געהאָנגען איבערן שטעטל, אָבער דער רויטלעכער האָריזאָנט האָט אָנגעוויזן א שיינעם טאָג. ס'איז געווען ערב יום-כיפור. צום אויטאָבוס האָבן מיך באַגלייט דער טאַטע, די מאַמע און די מומע פּערעלע וואָס איז געקומען אויף קבר-אבות און איז פאַרבליבן ביי אונדז איבער ימים-נוראים. שיינדעלע איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון איר מוטער. ס'איז געווען 10 מינוט פאַרן אָפּפאָרן און די מאַמע האָט געהאַלטן מיר אין איין אָנזאָגן: „כ'האָב דיר אַריינגעלייגט אַן אָפּגעזאָטענע הון און פלעצעלעך מיט מאָן וואָס דו האָסט ליב און א האַלבן לעקעך. זע זאָלסט דאָרט עסן א לעפל געקעכטס, זאָסט זיך גוט אָנטאָן, דו מיט דיין העלדזאַלע.. ס'ווערט שוין קיל. און טאָמער עפּעס וואָס, זאָלסטו אַריין גיין צו דער מומע זלאַטע וועט זי דיר מאַכן א גאָגל-מאָגל.. פאָרט געזונטערהייד, קינדער און זייט מצליח. שרייבט כאָטש איין מאָל אין דער וואָך. פאָרט געזונטערהייד און לאָמיר האָבן א גוט יאָר"..

דער טאַטע איז געשטאַנען אין א זייט, ער איז געווען בלאַס און אומעטיק. א מינוט פאַרן אויפשטייגן אין אויטאָבוס איז ער צוגעקומען נענטער צו מיר און מיר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אַריין:

— זונעניו, ווייסט, איך וויל דיך בעטן..

— יאָ, טאַטע, איך ווייס, זיי אויסגעזאָרגט, איך ווייס, מאָרגן איז יום-כיפור. איך וועל פאַסטן און אפילו אַריינגיין דאָרטן אין א שיל.

איך ווייס נישט צי האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, צי האָבן טאַטעס אין זיינע אויגן א גלאַנץ געטאָן טרערן...

קיין וואָרט האָב איך נישט געהאַלטן, איך האָב נישט געפאַסט און קיין שיל בין איך נישט געגאַנגען זוכן, ווייל דעם צווייטן טאָג האָבן אָנ־געהויבן די קורסן...

*

מיר זענען ארויסגעפאָרן פונעם שטעטל. לינקס—זענען געבליבן די ווינט-מילן, רעכטס—דער „פוילער טייך". און וויפל מע קוקט מיטן אויג, רחבותדיקע פעלדער, טייל מיט קוקורוז, טייל מיט בוריאקעס און טייל פריש געאַקערטע, ווי פריש געשניטענע ברוינדלעכע שטיקער פלאָדן אויף א נגידישער חתונה...

דער וועג האָט געדויערט קנאַפע דריי שעה. שיינדעלע איז געזעסן לעבן מיר און נישט ארויסגערעדט קיין וואָרט. איך האָב געפילט איר פארלוירנקייט. זי האָט זיך צום ערשטן מאָל צעשיידט מיט אירע עלטערן אויף א לענגערער צייט. איך האָב זי צורו געלאָזט אין איר שטיל-שווייגן, און כ'האָב זיך אויף אמאָל געפילט ווי א מאַן, א פּראָטעקטאָר, וואָס טראָגט די פאראַנטוואָרטונג פארן באשיצן דאָס מיידל וואָס איז מיר אזוי טייער. און ווען דער אויטאָבוס איז אריבערגעפאָרן די גרויסע בריק, האָב איך זי אויפגעוועקט פון אירע מחשבות:

— שיינדעלע, מיר זענען אָנגעקומען, זאָלסט זיך גאָרנישט זאָרגן, מעגסט זיך פארלאָזן אויף מיר...

*

די „גרויסע שטאָט" איז נישט געווען פאר מיר קיין אומבאַקאַנטע. כ'געדענק ווי דורכן חלום, כ'בין אלט געווען איאָר פינעף, בין איך געפאָרן מיט מיינע עלטערן און מיט דער באָבע מאַלי-רחל אויף דער חתונה פון מיין קוזינע אסתרקע, שפּעטער האָט מען זי גערופן הערטאַ — דעם פעטער יעקב-שמעונס און דער מומע זלאַטעס עלטערע טאָכטער. זי איז געווען א יפת-תואר, א קראַסאַוויצע, האָט זיך אין איר פארליבט א פאבריקאַנט פון דער גרויסער שטאָט. אמת, ער איז געווען עלטער פון איר מיט א יאָר פופצן — און זי גענומען „ווי זי שטייט און גייט". געווים איז דאָס גע־ווען א וויכטיק געשעעניש אין אונדזער משפחה. עפּעס א קליינקייט א פאבריקאַנט. זי איז געבוירן געוואָרן אין אן „אייבל", האָט מען גערעדט ביי אונדז אין שטוב. דער פעטער יעקב-שמעון איז אפילו נישט געווען אין דער היים. צו יענער צייט איז ער געווען אין אמעריקע. ער איז גע־

פֿאַרן „מאכן‟ אביסל געלט, צוגרייטן נדן פֿאַר זיינע צוויי טעכטער. טרעפֿט זיך אזא טרעפֿונג — א פֿאַבריקאַנט. האָט די מומע זלאָטע, מיין טאַטנס שוועסטער וועלכע איז געווען אַן אשת-חיל, א יידענע א קאָזאַק, נישט קיין סך געטראַכט, אָפּגעשטעלט א חופּה און פֿאַרטיק געוואָרן. מיר האָבן נאָך געוווינט דעמאָלט אין דאָרף און די באָבע מאַלי-רחל איז געווען ביי אונדז, האָבן מיר זיך אין א פֿאַרנאַכט אויפֿגעזעצט אַלע אויף א וואָגן און וויאָ, צום וואָקזאַל.

מיר זענען אריין אין וואַגאָן און איך האָב ארויסגעקוקט דורכן פֿענצ־טער און געזען ווי א רויטע פֿולע לבנה פֿאָרט אונדז נאָך.

— מאַמע, ס'איז די אייגענע לבנה וואָס ביי אונז אין דאָרף?...

די מומע זלאָטע מיט די קינדער האָבן אונדז שיין אויפֿגענומען. מ'האָט זיך געקושט, זיך געפֿרייט און געוויינט. פֿאַרוואָס מ'האָט געוויינט האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר איין זאַך האָט זיך מיר גוט פֿאַרגעדענקט, אַז אויף דער חתונה וואָס איז פֿאָרגעקומען אין א גרויסן שיינעם זאַל, בין איך די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן די קלעזמער, איבערהויפּט איז מיר געפֿעלן דער „גרויסער פֿידל‟ — דער קאָנטראַבאַס און די קלעזמער האָבן געזאָגט אַז ס'וואָלט זיך באַקומען פֿון מיר א גוטער מוזיקאַנט..

שפּעטער בין איך נישט איינמאָל געווען אין דער „גרויסער שטאָט‟. עטלעכע מאָל מיטן טאַטן — ער איז געווען א באַיאַנער חסיד — פֿלעג ער וויניקסטנס צוויי מאָל אין יאָר קומען זיך פּראַווען צום רבי, און עטלעכע מאָל אין די קאַניקולן צו גאַסט צו דער מומע זלאָטע און צום פֿעטער יעקב-שמעון.

דער פֿעטער יעקב-שמעון איז געקומען פֿון אמעריקע מיט א „פּוי־טיקע‟ — האָט מען געזאָגט — ער האָט געוווינט מיט דער מומע זלאָטע דעמאָלט אין א שטעטל און טרעפֿנדיק די עלטערע טאָכטער אַן אויסגעגעבענע פֿאַר א פֿאַבריקאַנט, האָט ער „געקויפֿט‟ פֿאַר דער פּויטיקע אַן איידעם א דאָקטער פֿאַר דער יינגערער טאָכטער, דער מיזינקע. ער איז אָבער געבליבן „נקי‟, דער פֿעטער יעקב-שמעון, דאָס הייסט אָן געלט און נישט געהאַט צו וואָס זיך נעמען. האָט די על־טערע טאָכטער אסתרקע-הערטאַ — פֿלעגן דערציילן ביי אונדז אין שטוב — געבעטן איר מאַן, אחשורושן דעם פֿאַבריקאַנט, ער זאָל העלפֿן אירע עלטערן. און ער האָט איר אויסגעשטרעקט דעם שרביט הזהב — פֿלעגן

דערציילן ביי אונדז אין שטוב — און טאקע זיי געהאָלפן... ארויסגענו־מען שוואַרץ און שווינגער אין דער „גרויסער שטאָט״ אריין, זיי געגעבן א זווינונג טאקע אין הויף פון דער פאבריק און דער פעטער יעקב-שמעון איז געוואָרן א מין אויפזעער איבער די ארבעטער. ער האָט באַקומען א גוטן לוין, אָנגעהויבן טראָגן יעדן טאָג דעם געקעסטלטן קאָסטיום, וואָס ער האָט געבראַכט פון אמעריקע, די האַרטע שליאַפּע און דעם זייגער מיט דער גאָלדענער קייט ביי דער וועסטל-קעשענע, און איז געוואָרן א שטיקל באַלעבאָס איבערן הויף פון דער פאבריק. דער פעטער יעקב-שמעון איז געווען א שיינער מאַנסביל, שטענדיק אַקוראַטנע אָנגעטאָן, מיט א גלאַט אויסגעראַזירט פנים און א קיילעכדיק בייכל. ער האָט ליב געהאַט א גוטן ביסן און א גוט ביסל משקה. „כל זמן שהנשמה בקרבי״— פלעג ער זיך וויצלען — „נעם איך א לעק בראָנפן און עס א גוט ראָסעלע״. נאָר פאַר די קינדער האָט ער זיך מקריב געווען.

די שטאָט האָט מיך שטענדיק באַצויבערט מיט איר שיינקייט, מיט אירע הויכע הייזער און פיין אויסברוקירטע גאַסן אויף וועלכע ס׳פלעגן ארומפאָרן דראָזשקעס מיט גומענע רעדער און די פיידקאָוועס פון די פערד פלעגן ריטמיש קלאַפּן טיק-טאַק; מיט די קליינע איינוואַגאָניקע טראַמוואַיען וואָס פלעגן לויפן באַרג אַראָפּ, אויף דער קאָנקע, פון דער „ראָהאַטקע״ צום טייך און צוריק, מיט אירע גרויסע געשעפטן און העל־באַלויכטענע וויטרינעס. איך בין געווען פאַרליבט אין דער שטאָט און געטראַכט אַז זי איז די שענסטע אין דער וועלט. אין מיינע קינדערישע טרוימען האָב איך זיך געזען אַלס תושב פון דער שטאָט און אַז איך שטיי אויף איינעם פון די באַלקאָנען פון א פיל שטאָקיקער געביידע און קוק אַראָפּ צו די רוישנדיקע גאַסן..

ווען איך פלעג קומען מיטן טאַטן צום באָיאַנער רבי, פלעגן מיר זעלטן ווען איבערנעכטיקן ביי אונדזערע קרובים. איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס, ביז איין מאָל בין איך געוווירע געוואָרן פון א שמועס צווישן מיינע עלטערן. מיר זענען אמאָל ארויסגעפאָרן קאַיאָר צום באָיאַנער און זיך אומגעקערט אהיים שפּעט אויפדערנאַכט.

— וואָס איז געשען? האָט געפרעגט א פאַרוווּנדערטע די מאַמע, פאַרוואָס האָט איר נישט איבערגענעכטיקט ביי זלאָטען?

דער טאטע האָט זיך אביסל געקווענקלט און דערנאָך א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— עט, כ'וויל זיי נישט דערקוטשען, ווייזט אויס זיי האָבן זיך אביסל דערוויטערט.

— וואָס הייסט דערוויטערט? ביסט זיך טועה אהרן, ווייס איך וואָס דערוויטערט, דו דערוויטערסט זיך אליין, דו מיט דיין גאווה..

— נו, אויב אזוי אסתר, לאָמיך דיר דערציילן, וועסטו דעמלט זען צי איך בין א בעל-גאווהניק.

דעם זומער, פאר שבועות, געדענקסט דאָך, ווען איך בין געפאָרן צום באָיאנער, האָב איך גערעשעט איבערצונעכטיקן ביי זלאָטען. זי האָט מיך שוין א סך מאָל געפרעגט צי איך וויל נישט גיין צו גאסט צו איר אסתרקע — הערטא ווי מע רופט זי אצינד — זען ווי זי וווינט און ווי זי לעבט קיין עין-הרע, האָב איך איר יעדעס מאָל אָפּגעזאָגט. ווי אזוי זאָל איך גיין אזוי נישט געבעטן, אזוי אריינקומען ווי מען זאָגט „א גאנץ יאָר געפאָרן—אויף פורים געקומען" — און זאָגן דער פעטער אהרן איז גע-קומען, ר'איז דאָ. עפּעס פּאסט ניט—האָב איך געטראכט. טאקע א פּלימע-ניצע זאָל זיין געזונט, אָבער זי איז שוין פון די „גרויסע טעפּ פּאסאָליעס" און איך ... נאָר דאָס מאָל האָבן זיי מיך נישט אָפּגעלאָזט, זלאָטע מיט יעקב-שמעונען, סטייטש, אזוי און אזוי, אסתרקע האָט בפירוש אָנ-געזאָגט און טאקע היינט געקלונגן אויפן טעלעפאָן „זאָלסט קומען, א ניט וועט זי ברוגז זיין אויף דיר, זיי נישט איינגעשפּארט" — האָבן זיי געטענהט. הכלל, בין איך מסכים געווען און ארום א זעקס פארנאכט האָט מיך זלאָטע אָפּגעפירט אהין. נו, וואָס זאָל איך דיר דערציילן? אויפגעעפנט האָט אונדז א דינסט-מיידל. כ'בין אריינגעקומען, בין איך נבהל געוואָרן, אזא מין סאלאָן האָב איך נאָך נישט געזען, און די שטוב איז נישט קיין שטוב, נאָר א פּאלאץ. וואָס מיר ברידער שאָר, ווער מיר ברידער לעבטיג, א נעכטיקער טאָג, א פּאלאץ זאָג איך דיר. נו, האָב איך א טראכט געטאָן, באלד וועט זיך באווייזן מיין פּלימעניצע, אסתרקע — אסתר המלכה מיט איר מאן אחשוורוש דעם פאבריקאנט. דאָס מיידל האָט מיר געוויזן א שטול לעבן א טישעלע און איך האָב זיך אריינגעזעצט

אין דער טיפער, ווייכער שטול אז נאָר דער קאָפּ האָט זיך מיר ארויסגע-זען.. און דאָ האָט זיך געעפנט א קרישטאָלענע טיר...

— א קרישטאָלענע טיר?

— יאָ, ווי איך בין א ייד, א קרישטאָלענע טיר... די טיר האָט זיך געעפנט און אסתרקע האָט זיך באוויזן.

— אין וואָסזשע איז זי געווען אָנגעטאָן? האָט די מאמע איבערגע-שלאָגן.

— אין וואָס? אין א מין לאַנג קלייד, זי איז געווען מלכותדיק שיין אביסל פויגלבלעכער געוואָרן, אָבער ס'פּאסט איר. אויפן האלדז האָט זי געטראָגן א שנירל פּערל, אין די אויערן גרויסע גאָלדענע אויררינגען און כמעט אויף יעדן פינגער, א פינגערל. מיר האָבן זיך צעקושט און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן אז אין אירע אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן..

— וואָזשע ווילסטו, פאַרט אייגן בלוט און פלייש..

— יאָ, יאָ, דערנאָך האָט זי מיך גענומען אויספרעגן אביסל בלשון דייטש:

„וואָס מאכטסו, אָנקל, אונד די טאַנטע? וואָס מאכט די גראָס-מו-טער מאלי-רחל, אונד דער אָנקל מרדכי מיט דער טאַנטע דאָרא“. זי האָט אויסגעפרעגט אויף אלע קרובים און זיך געוווּנדערט: „וואָרום קאָמען זי ניכט צו בעזוך?“ דערנאָך האָט זי א קלונג געטאָן מיט א גלע-קעלע און ס'האָט זיך באוויזן דאָס דינסט מיידל. זי האָט זיך אביסל פאַר-גויגט און איינגעבויגן די רעכטע קני גלייך ווי זי האָט געוואָלט פאלן כורעים... „קאַפע!“ האָט באפוילן אונדזער פּלימעניצע, און איך האָב א טראכט געטאָן: „נו, אהרן, וועסטו באלד עסן א נגידישע וועטשערע, אז דו וועסט האָבן צו געדענקען, אָדער — האָב איך א קלער געטאָן — אפשר איז מען ביי זיי זיך נישט נוהג צו עסן קאַן וועטשערע — וועט מען מסתם אוועקשטעלן געבעקס פון געבעקסנלאַנד און משקה“. אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך דאָס דינסט-מיידל ארייגעשטעלט מיט א טעפּעלע פון וועלכן ס'געגאַן א פאַרע און עס אוועקגעשטעלט פאַר מיר אויפן טישל.

— טרינק אָנקל, טרינק, ס'איז שוואַרצע קאַווע—האָט מיך אסתרקע צוגערעדט, דאָס טרינקט מען ביי אונז יעדן טאָג צו יאַוזע..

— איך האָב א זופּ געטאָן די הייסע, ביטערע משקה און געטראכט: שווארצע קאווע, וואָס פאַר א טעם פילן אין דעם די נגידים? נאָר מסתּם ווייסן זיי בעסער. האָב איך פאַר בושה אויסגעטרונקן דאָס טעפּעלע און געדאנקט פאַר דער אונגאָשטשעניע. מיין שוועסטער זלאָטע, וואָס איז געזעסן אין דער צווייטער שטול, האָט א זאָג געטון ווי פאַר זיך: „נו, און בובי, ווו איז בובי''?

— בובי האָט קאָפּשמערצן, מוטער, ווייסט נישט ער איז נערוועז איבער די געשעפטן, ער רוט זיך אָפּ אין זיין צימער — האָט זיך פאַרענ־פערט אונדזער פלימעניצע.

— איך האָב פאַרשטאנען, אז כ'וועל דעם פאבריקאנט נישט זען, און כ'האָב זיך געוואָלט אויפהייבן פון דער שטול.

— ווארטע, ווארטע, אַנקל, ביטע אייל דיך נישט, וועסטו זען מיין מיידעלע, מיין לילי. זי האָט געעפנט די קרישטאָלענע טיר: „לילי, לילי, קאָם הער''..

לילי איז אריינגעקומען, זיך פאַרנויגט און נישט ווארטנדיק אויף קיין שום באפעל זיך אוועקגעזעצט ביי דער פיאנע און געגומען דרימפּלען.. אסתּרקע האָט ווידער א קלונג געטאָן און באפוילן דעם מיידל וואָס האָט זיך באוויזן אין דער טיר:

„די האָזן, די האָזן ביטע''.

דאָס מיידל איז ארויס און זיך תּיכף אומגעקערט מיט א פּאָר אָפּגעטעראָגענע הויזן מיט ברייטע מאנשעטן:

— ביטע, אַנקל, א געשענק פון בובין. די האָזן זענען אביסל ברייט־לעך — האָט זי מיר געגעבן צו פארשטיין — ווייסט, מיין בובי האָט קיין עין הרע א בייכל, שאַט ניט, די טאנטע אסתּר קען זיך אויס, זי וועט זיי אראנזשירן אויף דיין מאָס...

— איך האָב געפילט, אז דאָס גאנצע בלוט איז מיר אריין אין פּנים

— האָט פארענדיקט דער טאטע זיין מעשה — איך האָב געדאנקט אונד־זער פלימעניצע פאַר דער מתּנה און איר געזאָגט אז איך האָב אין דער־היים וויניקסטנס א טוץ הויזן און האָב נישט וואָס צו טאָן מיט זיי... און כ'האָב תּיכף פאַרלאָזט איר ווינונג. נו, אסתּר, איצט זאָג דו אליין, איך בין גערעכט צי ניין? בין איך א בעל-גאווה?...

*

אין די עטלעכע מאָל אין די קאַניקולן ווען איך בין געקומען צו גאַסט צו מיינע קרובים, בין איך געווען גליקלעך. איך פלעג זיך אַרומדרייען אין הויף פון דער פאַבריק און דער פעטער יעקב-שמעון פלעג מיר האַלטן אין איין ווייזן — „זעסט, דאָ איז די צינקערײַ".

אין דער צינקערײַ זענען געשטאַנען האַלב-נאַקעטע אַרבעטער ביי אַ ריזיקן אויוון וואָס האָט געברענט בייטאָג און ביינאַכט און האָבן געטובלט עמערס פון שוואַרצער בלעך אין אַ גרויסער וואַנע מיט זידנ-דיקן צינק. די געטובלטע עמערס פלעגן זיי אַרויסנעמען מיט אייזערנע צוואַנגען, ווייסע ווי זילבער. די הענט פלעגן זיי שיצן אין גרויסע גומי — הענטשקעס.

„זעסט דאָ איז די שטאַנצערײַ" — פלעגט ער מיר ווייזן אַ האַלב טונ-קעלע האַלע וווהין סע פלעג קיינמאָל נישט אַריינקוקן די זון. ביי פאַר-שידענע מאַשינען האָבן אַרבעטער געפּרעסט און געשטאַנצט מכשירים, ווי טאַוועלעך, האַקנס, פּידקאָוועס און שפּיצן פאַר מיליטערישע שיך, וועשערלעך פאַר געפּעס און שאַכטלען פאַר שיך-פּוץ וואָס מ'פלעג מאַכן אין פאַבריק. אויפן שטאָק האָבן מיידלעך איינגעפּאַקט די סחורות, זיי אויפגעלאָדן אויף לאַסט מאַשינען וואָס פלעגן צעפירן אין די שטאָטישע געשעפטן און אין דער פּראָווינץ.

„זעסט, דאָ איז די דרוקערײַ". דאָרט פלעג מען דרוקן די שאַכטלען פאַר שיך-פּוץ; מייסטער איז געווען אַ דייטש, פעטער האָט ער געהייסן. „און דאָרט איז דאָס שלאָסערײַ" האָט זיך אַלץ באַרימט דער פעטער יעקב-שמעון. אויפן דריטן שטאָק האָבן געאַרבעט נאָר מיידלעך, אַהין האָט מיך דער פעטער קיינמאָל נישט געפירט — מחמת ס'איז דאָרט זייער אַ שווערער ריח — פלעג ער זאָגן און די מיידן האָבן בייזע צונגער. „זיי זענען שטענדיק אין דער רציחה ווייל זיי האָבן די קלענסטע לוינען" — האָט מיר דער פעטער יעקב-שמעון געגעבן צו פאַרשטיין.

דער אַרבעטס-טאָג איז געווען אַ 10 שעהדיקער מיט אַן איבעררייס פון אַ שעה פאַר מיטאָג. די פאַבריק האָט געאַרבעט 5 טעג אין דער וואָך, שבת און זונטיק איז געווען פאַרמאַכט. שבת — ווייל די בעלי-בתים, בובי

מיט זיינע ברידער זענען געווען פרומע, סאדיגערער חסידים — און זונטיק איז געווען אן אלגעמיינער אפרו־טאג. נאר די צינקערייִ האט געארבעט אין ביידע טעג, מחמת דארט האט שטענדיק געברענט דער אויוון.

פרייטיק פארנאכט פלעג מען אויסצאלן די לוינען פאר א וואך. אן אנגעשטעלטער פון דער קאנטארע פלעג קומען מיט טארבעלעך קליין־געלט, אויסשרייען נאך א צעטל דעם נאמען פון יעדן ארבעטער און אים א ווארף טון דאס טארבעלע מיט קלעפּעטשעס .. דעם פעטערס איידעם האב איך קיינמאל נישט געזען אין פאבריק. כ'האב אמאל געפרעגט דעם פעטער יעקב־שמעון, האט ער מיר געענטפערט:

— ער האט צייט צו פארלירן אין פארבריק? ער איז אין דער קאנטארע, א קליייניקייט, אזא געשעפט צו פירן.

געוויינטלעך ווען איך פלעג קומען צו גאסט צו מיינע קרובים, פלעג איך ביי זיי בלייבן א וואך, מער האבן מיך מיינע עלטערן נישט געלאזט: „גענוג, גאנץ גענוג א וואך, מ'דארף מער נישט דערקוטשען".

נאר איין מאל אין די זומער קאניקולן, בין איך געבליבן גאנצע צוויי וואכן. אין האב ארומגעשפּאצירט איבער די גאסן פון דער צוויבער־שטאט, געפארן מיטן טראמוואי, שפּאצירט אין פאלקס־גארטן און זיך אריינגעכאפּט אין א קינא. דעמלט האב איך זיך באקענט מיט א יינגל אביסל אן עלטערן פון מיר, פון א יאר 18. מאקס האט ער געהייסן. ער האט מיר דערציילט אז זיין פאטער האט אויך געארבעט אין דער פאבריק. האט זיך געטראפן אז פון דער שטאנץ־מאשין איז אים געפלויגן א שפּליטער אין אויג אריין און ער איז בלינד געווארן אויפן רעכטן אויג. די באלעבאטים, דאס הייסט מיין געשוועסטער־קינד בובי און זיינע ברידער האבן אים פארגעלייגט עטלעכע טויזנט ליי אנטשיידיקונג, האט זיין פאטער געפאדערט א גרעסערע סומע, האבן זיי זיך אפּגעזאגט. האט ער זיי אנגעקלאגט אין געריכט, נאר ער האט פארשפּילט, ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלט צו דינגען אן אדוואקאט. דערנאך האט מען אים געקינדיקט — דאס הייסט ארויסגעווארפן פון דער פאבריק — האט מאקס ווייטער דערציילט. זינט צוויי יאר ארבעט ער דא אין דער זעלבער שטאנצערייִ. „אזוי איז מען זיך נוהג מיט אונדז, נישטא פאר וועמען זיך צו קלאגן, נאר ס'וועט קומען אונדזער צייט אויך" .. מאקס האט צו מיר גע־

רעדט און איך האָב פאַר מיר געזען מאַטלען. די זעלבע רייד, דער זעל־בער האַס.

מיר האָבן לאַנג שפּאַצירט איבער די גאַסן און פּאַרקן. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ גרויסע פיר־שטאָקיקע געביידע און ער האָט מיר געזאָגט:

— זעסט, דאָ איז דער „מאָרגנרויט", פאַרשטייסט „מאָרגן־רויט". אהער קומט אויך מיין פאָטער און זיינע חברים און אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן פון דער שטאָט און פון דער פּראָווינץ.

מאַקס האָט מיך אַראָפּגעפירט איבער די פאַרדרייטע ליקלעך פון דער יידישער גאַס ווו ער האָט געוווינט, און איך האָב דאָרטן געזען דאָס צווייטע פּנים פון דער „גרויסער שטאָט", מיט אירע נאַסע קעלער־וווינונ־גען און בלאַסע מאָגערע קינדערלעך. איך האָב זיך געזעגנט מיט מאַקסן און אים געזאָגט: „איך זע אַז איר האָט אויך אייער „ניינטע גובערניע", אפשר אביסעלע אַ „צוגעשמינקטע", „אַ גרויס־שטעטישע", אָבער אויך אַ „ניינטע גובערניע"...

איך וויים נישט צו מאַקס האָט מיך פאַרשטאַנען. ער האָט מיר געדריקט די האַנט און גוטמוטיק געשמייכלט: „אַף ווידערזען, אַף ווידערזען".

דעם צווייטן טאָג שבת האָט די פאַבריק נישט געאַרבעט. דער פעטער יעקב־שמעון האָט מיך מיטגענומען אין שיל אריין. ער האָט מיר דערציילט אַז בובי און זיינע ברידער דאַווענען אין כאָר־טעמפּל, אַז זיי זענען סאָ־דיגערער חסידים און אַז איין שלש־סעודות ביים רבין קאָסט זיי אָפּ וויפל מיין טאַטע פאַרדינט אין דריי חדשים.. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן און איך האָב אים געפרעגט:

— פעטער, הייסט עס אַז אייער בובי און זיינע ברידער גלויבן אין גאָט.

— וואָס הייסט גלויבן? זיי זענען גאָר פרומע יידן.

— אויב אַזוי, ווי אַזוי־זשע האָבן זיי געהאַט גאָט אין האַרץ אַרויס־צוּוואַרפן אַן אַרבעטער, וואָס האָט פאַרלוירן אַן אויג אין זייער פאַבריק?

דער פעטער יעקב־שמעון איז בלאַס געוואָרן און אַרויסגעבורטשעט מיט אַ הייזעריקלעך קול: „דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונעם ביימעלע, דיין זיידע יחיאל, מיינע רייד זאָלן אים ניט צו שווער זיין... אָבער דו

ביסט דאָך נאָך א סמארקאטש, נעם זשע קודם וויש דיר אָפּ די נאָז, דער־נאָך וועסטו רעדן'' ...

פון דעמלט אָן בין איך צו גאסט ביי מיינע קרובים נישט געווען..

*

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין צענטער שטאָט. די גאסן זענען געווען איבערפולט מיט עולם, אָבער די שטאָט האָט אויסגעזען וואָכעדיק, אָן דעם פריערדיקן בליאסק. דער עולם איז געווען באשיידענער געקליידט, דער לוקס איז פארשוווּנדן. א סך געשעפטן זענען געווען פארמאכט און ביי אייניקע אָפענע, זענען געשטאנען רייען מיט מענטשן.

איך האָב געשפאנט מיט שיינדעלען און מיר זענען ביידע געווען אין א גוטער שטימונג, עפּעס האָט זיך דאָך געענדערט צום גוטן. מיר האָבן געהאט דאָס געפיל פון א זיכערן מאָרגן, וואָס האָט אונדז אזוי געפעלט אין די לעצטע עטלעכע יאָר. מיר האָבן זיך געפרייט וואָס מיר הויבן אָן א ניי לעבן, מיט געוויסע שוועריקייטן זיכער, ווי יעדער אָנהויב, אָבער א ניי לעבן מיט א פערספּעקטיוו אין דער צוקונפט. איך האָב זי אָפּגעפירט צו איר וווינונג. מיר האָבן זיך געקושט און אויסגעדריקט איינער דעם צווייטן אונדזער גליק און נייגער אָנצוהויבן מאָרגן די קורסן וואָס וועלן פאר אונדז עפענען א נייעם וועג, אונדז מאכן זעלבסשטענדיקע מענטשן, אונדז שטעלן אויף אונדזערע אייגענע פיס.

די קורסן האָבן אָנגעהויבן. מיך האָט מען צוגעטיילט אינעם קלאס פון די קרעדיט-אינספּעקטאָרן און שיינדעלען אין קלאס פון בוכהאלטעריע. איך בין געווען צופרידן, זיך געגרויסט אפילו, סטייטש אן „אינספּעקטאָר''. וואָס וועט זאָגן דערצו מיין טאטע, האָב איך געקלערט? נו אין די באָבע מאלי־רחל? „אָ, א „ספּעקטער'', וועט געוויס דער פעטער אריה זאָגן, האָבן מיר שוין הייסט עס א „ספּעקטער'' אין דער משפחה'' ...

עטלעכע טעג נאָכן דערעפענען די קורסן בין איך געגאנגען צו גאסט צו מיינע קרובים, זיי האָבן איצט געוווינט ביי דער יינגסטער טאָכטער מיטן איידעם דעם דאָקטער. געעפנט האָט מיר דער פעטער יעקב־שמעון. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט: „אַ, א, ס'קאָצל קומט, א גאסט, זלאָטע, זע נאָר, א גאסט''. ער האָט אויסגעזען אביסל אָפּגעצערט, די אויגן טאָר־

בעלעך זענען ביי אים געווען אונטערגעשוואָלן, זיין שטענדיק גלאַט אויסגעראַזירט פּנים—פאַרוואַקסן. ער האָט געטראָגן דעם זעלבן געקעמטעלטן אָנצוג, נאָר אָן דעם גאָלדענעם זייגער ביי דער וועסטל-קעשענע. מיר האָבן זיך צעקושט און ער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „אַ גאַסט, אַ גאַסט, אַ גרויסער גאַסט".

— נו, זעץ זיך און דערצייל.

איך האָב זיך געזעצט, נאָר דערציילן האָט אָנגעהויבן ער:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, גוטער ברודער, ס'איז ניט גוט, באו מים עד נפש. מיר זענען געבליבן נקי, צוגענעמען ס'פאַרמעגן ביי די קינדער, צוגענעמען די פאַבריק ביי זיי, די חברים, אַזאַן אומגליק. צוגענעמען אין איין שמע-ישראל און פאַרפאַלן ווי אַ פּאַטש אין תחת .. ס'איז ביטער גאַל. צוגענעמען און גיי שריי חי-וקים. און אַ וועלט שטייט און שווייגט. ווו איז די גרויסע וועלט? ווו איז אַמעריקע פרעג איך? מענטשן זאָגן ס'וועט לאַנג נישט דויערן, נאָר דערווייל דאַרף מען צושטעלן אַ צימעס שטיינדלעך .. אחת-לאחת—נישטאָ קיין נחת. און דערווייל דאַרף מען פּרנסה, מ'איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, און דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ מאכלים מ'האָט ביי אונז געפּראַוועט. די גילדענע יויכן, די עסיק-פלייש, די ראָסלן, די פיש, נו, אין די געבעקסן און היינט די משקאות, איצט וועלן מיר עסן קרענק אויפן זייגער ...

פונעם שכנותדיקן צימער איז אַריינגעקומען די מומע זלאַטע. איר פּנים איז אויך געווען אָפּגעצערט. מיר האָבן זיך צעקושט.

— קוק אָן די מומע דיינע, וואָס עס איז פון איר געוואָרן, זי איז געל ווי אַ געלעכל.

— יעקב-שמעון — האָט זיך געבייזערט די מומע זלאַטע — האָסט אין דיר ניט קיין ניין, נאָר אכצן מאָס רייד, וויפל צווי יידענעם איניינעם. וואָס ווינסטו אַזוי? האָסט שוין נישט וואָס צו עסן? דער הימל איז שוין באַ דר'ערד, אָ? ביסט טאַקע אַ גרויסער מיוחס, נאָר אויב דו ווילסט נאָר, מעגסטו זיך פאַרשרייבן ערגעץ אויף אַרבעט, און אַז ניט, איז ניט. האָסט פון וואַנען צו זיצן אין דער היים, נאָר דאַרפסט זיך אַזויפיל נישט באַקלאָגן, מ'דאַרף דעם אייבערשטן נישט דערצערענען, זעסט נישט וואָס

ס׳איז פון אלעמען געוואָרן. א מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. און רעד ווייניקער — ווענט האָבן אויערן...

— קוק זי אָן די מומע דיינע, זי רעדט נאָך, זי איז נאָך גערעכט. איבער איר בין איך קריקגעקומען פון אמעריקע. איך האָב געשריבן: זלאַטע לעבן, קום ארויף צו מיר קיין אמעריקע, וועט זיין אָל-רייט. יעדע וואָך האָב איך געשריבן א לעטער: קום ארויף צו מיר מיט די קינדער. זאָג בובין, ער זאָל פאמעלעך איבערשיקן זיין פארמעגן, וועט זיין אָל-רייט, און זי—איין מאָל ניין! זי וויל נישט קיין אמעריקע, וויל זיך נישט צעטיילן מיט דער מאמען, ברידער און שוועסטער, איין מאָל ניין! און אונדזער בובי, דער פאבריקאנט — זאָל נישט אויסגערעדט זיין — איז א גרויסער קאקער... איז ער טאקע געבליבן ווי א בער אָן א ווידל... און דערצו נאָך א משומד אין דער משפחה, א בורזשוי...

אזוי איז אדורך מיין וויזיט אין דעם שטורמישן אָוונט ביי מיינע קרובים פון דער גרויסער שטאָט.

מיר האָבן געלערנט, פלייסיק געלערנט און די צייט איז געלאָפן. יעדע וואָך האָבן מיר געשריבן אהיים, און ווייניקסטנס איין מאָל אין דער וואָך פלעגן מיר באקומען פון דער היים פאָסט.

„ב׳ה, האָט געשריבן דער טאטע, ביי אונז איז אלעס כמקודם. מיר זענען אלע בקו החיים והשלום. מיר וואַרטן זאָלסט אי׳ה ענדיקן, אפשר וועסטו קומען ארבעטן דאָ אין דער היגער באנק“.

די נעפלדיקע, נאסע, הארבסטיקע טעג האָבן פארביטן שניי-זאווערוכעס וואָס האָבן געווירבלט איבער די גאסן געלאָפן צום פארפרוירענעם טייך און אים פארשיט מיט בערגלעך שניי. אין יענע טעג האָבן אין אונדזער שול אָנגעהויבן פאַרבאַרייטונגען צום ניי-יאָר באל וואָס די דירעקציע האָט אָרגאניזירט.

דאָס נייע יאָר האָבן מיר געפייערט אין א געהויבענער שטימונג. דעם באל האָט דערעפנט דער דירעקטאָר בכבודו ובעצמו. פונקט צוועלף ביינאכט האָט ער געהאלטן א טאָסט און ווען ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ליכט און זיך ווידער אָנגעצונדן, האָט אונטער די קלאנגען פון די קרעמל-גלעקער אָפגעהילכט אינעם גרויסן זאל, דער ווינטש „סנאָווים גאָדאָם“ „א גוט, ניי יאָר“.

אָבער אין יענער נאכט פון נייאָר 1941 האָט קיינער נישט גע־ ווּסט אז היטלערס „בארבאראָסא'' פּלאַן איז שוין גרייט, און אינעם בלוטיקן מבול וועלן פארשווינדן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, א דריטל פון אונדזער פאָלק, דאָס בעסטע און דאָס טייערסטע וואָס מיר האָבן פארמאָגט...

די צייט איז געלאָפן, דער קאַלטער ווינטער איז פאַרביי. מיר האָבן אים אפילו נישט געפילט. אונדז האָבן געוואַרעמט די ליבע, די האָפע־ נונגען, דער צוטרוי צו מענטשן, דער גלויבן אין מענטשלעכן גליק. דער שניי האָט צעטייעט, און ס'האָבן אָנגעהויבן בלאָזן ווארעמע ווינטן וואָס די ערד האָט זיי אויפגענומען מיט פרייד און זיי געטוליעט צו איר שויס. די גראָזן האָבן זיך אָנגעפילט מיט זאַפט און שמעקנדיקע רי־ חות האָבן זיך דערטראָגן פון די שכנותדיקע פעלדער. געקומען דער פרילינג וואָס האָט דערוועקט די נאטור און יעדעס נפש כל-חי, פון דעם לאַנגן ווינטערדיקן שלאָף. דער פרילינג איז איעדעס יאָר דער זעל־ בער, א צויבערנדער, אָבער דאָך א באַזונדערער.

די קורסן זענען געגאנגען צו ענד און מיר האָבן זיך געגרייט צו די שלוס-עקזאמענעס און אויך צו דעם מאָמענט ווען מע וועט אונדז געבן די „נאַזנאַטשעניעס'', דאָס הייסט אונדז נאָמינירן אויף אַן ארבעטס-פּלאַץ. מיינע עלטערן האָבן געוואָלט איך זאָל אהיימקומען, בלייבן ארבעטן ביי אונדז אין שטעטל און איך האָב אויך דאָס געוואָלט, אָבער נאָך מער האָב איך געוואָלט זיין אויף אַן ארבעטס-פּלאַץ אינאיינעם מיט שיינדעלען און זי האָט דאָס אויך געוואָלט.

אין די שיינע פרילינגס-אָוונטן האָבן מיר שפּאַצירט איבער די גאסן און פארקן פון דער שטאָט, געטראכט און גערעדט איבער אונדזער צוקונפט, ווי צוויי מענטשן וואָס שטעלן זיך נישט פאָר דאָס לעבן איינער אָן דעם צווייטן.

אין א זונטיק אינדערפרי האָב איך איר פאָרגעלייגט מיר זאָלן גיין אויפן היגן בית-עולם. „וואָס גאָר אויפן בית-עולם?'' האָט זי געפרעגט א פארוווּנדערטע.

— קום מיט מיר וועל איך דיר דערציילן.

אין האָב געקויפט א בוקעט בלומען און מיר זענען לאנגזאם אראָפּ־ געגאַנגען אויף דער רוסישער גאס.

— זעסט שיינדעלע, זעסט, אָט דאָ, אויף דער גאַס און לעבן די געביי־דעס, בין איך פּונקט מיט ניין יאָר צוריק געווען אויף אַ לוויה.

— אויף אַ לוויה?

— יאָ, אויף אַ לוויה, וואָס איך וועל נישט פאַרגעסן מיין גאַנץ לעבן. די לוויה פונעם בארימטן דיכטער און פאַבוליסט אליעזר שטיינבארג. כ'בין געווען נאָך אַ קינד, דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען צום באָיאַנער רבי און ווען מיר זענען ארויס פונעם רבים הויף, האָט מיר דער טאַטע געזאָגט אז ער האָט נישט קיין חשק צו גיין צו זיין שוועסטער, דאָס הייסט צו מיין מומע זלאַטען, „נאָר מירן גיין עסן אַ מילכיקן אָנבייסן ביי פרידמאַנען — זעסט דאָ נישט ווייט איז פרידמאַנס רעסטאָראַן — האָט ער געזאָגט, דערנאָך וועלן מיר אהיימפאָרן". און דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ ריזיקער לוויה פון טויזנטער מענטשן, אליעזר שטיינבארגס לוויה. מיר זענען איר נאָכגעגאַנגען ביז צום בית-עולם און איך בין געבליבן טיף באאיינדרוקט ווען כ'האָב געזען אַלטע מענטשן מיט טרערן אין די אויגן און דעם טרויער אויף טויזנטער פּנימער. איך געדענק עס ווי היינט ווי מיין טאַטע האָט מיר געזאָגט: „זעסט, נאָר אַן עם-הספר קען אַזוי קלאָגן נאָך זיינעם אַ שרייבער"... היינט וויל איך גיין מיט אַ בינטל בלומען צו אליעזר שטיינבארגס קבר, באערן זיין אָנדענק. און זיי ווייסן אז וויפל מאָל איך בין געווען דאָ צוגאַסט ביי מיינע קרובים בין איך געגאַנגען צום דיכטערס קבר, איך האָב אפילו דערפון קיינעם נישט דערציילט.

מיר האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט אין דער שטיל לענגאויס דער „רוסישער גאַס", אריבערגעגאַן אַ הילצערנע בריק און העכער אַביסל אויף לינקס איז געווען דער טויער פונעם בית-עולם. צווישן די אַלטע מיט קברים האָבן מיר דערזען דעם באַשיידענעם קבר אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעקריצט:

„טרויעריק קינדער, אַף דער וועלט דער ברייטער גראָמער, ביטער, מיט אַ משל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר".

איך האָב געמורמלט די ווערטער ווי אַ תּפילה און שיינדעלע האָט נאָך מיר איבערגעחזרט ווי אַ ווידערקול. אויפן קבר זענען געווען אַ סך

פרישע בלומען, איך האָב געלייגט מיין בוקעטל צווישן זיי און זיך אָנגעש-פאַרט אַ שווייגנדיקער ביים קאַלטן שטיין.

*

די קורסן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ באַל אין דעם זעלבן זאַל וווּ מע האָט געפייערט דאָס נייע יאָר. דעם צווייטן טאָג האָט מען באַדאַרפט פאַרטיילן די „נאַזנאַטשעניעס". דער דירעקטאָר האָט אונדז באַגריסט, פאַרטיילט די דיפּלאָמען און געוווּנטשן די קורסאַנטן דערפאָלג אין זייער ווייטערדיקער טעטיקייט. אויך ער האָט דערעפנט דעם באַל און איינגעלאַדן צום ערשטן טאַנץ שיינדעלען. ער האָט מיט איר געטאַנצט דעם גאַנצן אָוונט און מיך האָט גענאָגט דער וואָרעם פון אייפערזוכט... איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און אַרויס פונעם זאַל. שיינדעלע האָט באַ-מערקט, זי איז מיר נאָכגעלאָפן, מיר זיך אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז, געקושט און געוויינט: „נאַריש קינד, נאַריש יינגעלע מיינס, אַ כפּרה אים אינגאַנצן פאַר דיין מינדסטן פינגער... נאַריש יינגעלע, איך האָב ביי אים געפּועלט און מירן זיין איניינעם אויף דעם זעלבן אַרבעטס-פּלאַץ".

דעם צווייטן טאָג זענען מיר געפאָרן איבערנעמען אונדזערע פּאָסטנס, נישט ווייט אין אַ שטעטל, ביי דער גרענעץ. פאַרן אָפּפאָרן האָב איך זיך אַרייַנגעכאַפּט צום פעטער יעקב-שמעון און צו דער מומע זלאַטע מיט זיי זיך געזעגענען. דער פעטער האָט שוין געאַרבעט ערגעץ אין אַן אַר-טעל פון קירזשנעריי, ער האָט אויסגעלערנט דאָס פאַך אין אַמעריקע, געאַר-בעט אין אַ שאָפּ. צופרידן איז ער נישט געווען:

— ראשית, מעגסטו שוין זען ווער ס'פירט אָן מיט אַן אַרטעל פון קירזשנעריי, עפּעס אַ געוועזענער בעל-עגלה, און אַ שיכור דערצו אויך, ער האָט דאָך אָבער, ווי הייסט עס — אַ גוטע אויטאָביאָגראַפיע.. ווייסט ניט ווי ס'איז ביי זיי, „אַ קאַץ אַ הינדיק אבי אַן עוף אויף שבת".. והשנית, בובי געבעך, וווהין זאָל ער גיין מיט זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַן איבער-געקערטע וועלט און פאַרטיק. ערשט איז ער, מיין איידעם, געווען ס'איי-בערשטע פונעם שטייסל, און היינט... ווי זאָגט מען, „עולים ויורדים"...

אין דעם זעלבן טאָג זענען מיר אָנגעקומען אויף אונדזערע נייע אַר-בעטס-פּלעצער.

ס׳איז געווען ערב פסח. פון דער היים האָב איך באַקומען אַ בריוול, געוויינטלעך געשריבן פון מיין טאַטע:

„לבני היקר, מיר האָבן דיין בריוו באַקומען און האָבן זיך זייער געפרייט. מיר האָבן אוודאי געוואָלט זיין אינייניעם, נאָר מסתם איז אַזוי באַשערט, און אַזוי ווי גאָט פירט דאַרף מען אָננעמען צום גוטן. ביי אונדז איז ב׳ה אַלעם כמקודם, מיר זענען בקו החיים והשלום, דאָסזעלבע פון דיר צו הערן. איצט, ליבער זון, ווייסט, איך ווייס ניט ווי אַזוי אָנצו־הייבן, כ׳בין נישט קאַן גרויסער שראַבער, ווייסט, ס׳איז ערב פסח, די מאַמע האָט שוין אַראָפּגענומען פונעם בוידעם ס׳פּסחדיקע געפעס. מיט מצות וועט זיין שווערער, נאָר מירן זיך אַן עצה געבן. מיר האָבן זיך צע־נויפגענומען עטלעכע באַלעבאָטעם און מירן באַקן מצות.. ווילן מיר שיקן מצות אַף פּסח, פאַר דיר און פאַר שיינדעלען. מיר האָבן זיך צונויפ־גערעדט מיט יאָסל בעקער... איך ווייס, דו לעבסט שוין אין אַן אַנ־דערער וועלט, ווי זאָגט מען, מיט נייע אידייעס, אָבער ווייסט אונ־דזערע אבות אבותינו... און טאַקע אונדז... ערשט פאַראיאָרן האָבן מיר געפּראַוועט אינייניעם דעם סדר, דו האָסט מיך געפרעגט די פיר קשיאות און ס׳געווען אַזוי גוט.. איך ווייס מ׳טאָר ניט זינדיקן, מ׳איז דאָך אָבער נישט מער ווי אַ מענטש... בכן בעט איך דיך...

איך, די מאַמע און די באָבע קישן דיך פיל מאָל, אַ גרוס פון אַלע פריינט, אביך אהרן״.

*

דער זומער איז געווען אַ הייסער. אין די אַרומיקע פעלדער האָבן זיך געצייטיקט די לאַנעם מיט ווייץ און מיט קאָרן. אויף דיביימער האָבן די פּירות זיך אָנגעהויבן אָנגיסן מיט זאַפט און ווי רייפע בתולות וואַרטן אויף אַ צערטל פון זייערע באַשערטע, אַזוי האָבן זיי געוואַרט אַז מענטש־לעכע הענט זאָלן זיי אַראָפּנעמען. מיר האָבן געאַרבעט אין דער מלוכה — באַנק אינעם גרענעץ שטעטל ביים ברעג פונעם טייך וואָס איז איצט גע־ווען די גרענעץ נישט נאָר צווישן צוויי מלוכות, נאָר צווישן צוויי וועלטן, ווי אַמאָל דער טייך פון אונדזער שטעטל. נאָך די אַרבעטס־שעהן פלעג איך מיט שיינדעלען אַראָפּלויפן צום טייך, זיך אויסבאָדן און דערנאָך זיך אָפּטריקענען אויפן זאַמדיקן ברעג.

דער זומער איז געווען א הייסער און די צייט איז געווען א גליענדיק הייסע. דער שאָטן פונעם האקנקרייץ האָט געהאָנגען איבער אייראָפּע, פונעם אטלאנטישן אָקעאן ביז צום ים התיכון. די פאשיסטישע חיילות האָבן שטילערהייט ארייננמארשירט קיין רומעניע. דער קיסר וועמען מ'פלעג מאכן א מי-שברך אין שיל, איז שוין לאנג אנטלאָפן. מיט פייער און שווערד האָבן די דייטשן אָקופּירט יוגאָסלאוויע, אלבאניע, גריכנלאנד און די אינדזלען פונעם מיטלענדישן ים. פון יענער זייט וועלט, אויפן וויטן מזרח האָבן די יאפּאנער פארכאפּט א שטיק פון כינע און אויסגעשפּרייט זייער דאָמינאציע איבערן דרום מזרח פון אזיע.

מיר האָבן אריבערגעקוקט פון יענער זייט טייך, נאָר די באוועלדערטע בערגלעך זענען געשטאנען שטומע, סודוספולע.

איך האָב באקומען אָפטע בריוו פון דער היים און די עלטערן האָבן מיך געבעטן איך זאָל אָפּשפּאָרן כאָטש א טאָג און קומען זיך זען. „שוין צייט זיך צו זען, שוין איבער אכט חדשים אז ביסט אוועקגעפאָרן" — האָבן זיי געשריבן. שיינדעלע איז אויך נישט געווען אין דער היים, נאָר אירע עלטערן זענען געקומען תיכף נאָך פּסח זיך זען מיט איר דאָ. איך האָב זייער געוואָלט פאָרן זיך זען מיט די עלטערן, מיט אייגענע, נאָר יעדעס מאָל אָפּגעלייגט.

נאָר אין א שבת פארנאכט האָב איך באקומען א בריוול פון דער היים און איך האָב זיך באלד געגרייט אין וועג אריין. דאָס בריוול האָט געבראכט שמחה דער זייגערמאכער, אָן א קאָנווערט. איך האָב תיכף דערקענט דער מאמעס כתב, ווייל דער טאטע האָט נישט געשריבן אום שבת און געפילט אז עפּעס האָט פּאסירט. די מאמע האָט געשריבן איך זאָל אומבאדינגט קומען, די באָבע מאלי-רחל איז שלאָף און זי וויל מיך נאָך זען בײם לעבן. א באאומרואיקטער בין איך געלאָפן צו שיינדעלען. איך האָב זי באגעגנט, זי האָט מיך אויך געזוכט און נאָך איידער איך האָב איר דערציילט פונעם בריוול האָט זי מיר געזאָגט: „ווייסט, איך וויל מאָרגן קאיאָר אריינפאָרן אהיים, עפּעס בענקט זיך מיר שטארק, עפּעס איז מיר שווער אויפן הארצן". „דו רעדסט ווי אן אלטע יידענע — האָב איך זי געפּרוווט בארואיקן — שווער אויפן הארצן באדארף זיין מיר, ניט דיר", און איר גע-

זויזן מיין מאמעס ברייוול. מיר האָבן אָפּגעשמועסט אז מאָרגן, זונטיק פאַיאָר זאָלן מיר נעמען דעם ערשטן אויטאָבוס.

דער וועג האָט געדויערט קנאַפּע דריי שעה. מיר זענען געפאָרן פאַר־טיפטע אין אונדזערע מחשבות: „קוק ס'שטעטל!'' האָט מיר שיינדעלע געוויזן די פּאַנאָראמע פון אונדזער שטאָט, וועמענס ווייסע שטיבלעך האָבן ארויסגעקוקט צווישן די גערטנער און סעדער. פון דער ווייטנס האָבן זיך געפּראַלט צום הימל די צלמים פונעם קלויסטער וואָס איז געש־טאַנען אין מיטן בולוואַר און נעבנטער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די ווייסע געביידע פון דער אמאָליקער סעמינאַריע, היינט א מלוכה קאָנ־טאָרע. מיר האָבן ביידע געקוקט ווי באַצויבערטע אויף דער פּאַנאָראמע פון אונדזער שטעטל, אונדזער טייער שטעטל, דאָס וויגל פון אונדזערע קינדער־יאָרן. מיר זענען פאַרביינגעפאָרן די ווינט־מילן, די אַזיערע דעם „פוילן טייך''. פון ביידע זייטן שליאך האָבן זיך געשפרייט די גרינע קילי־מעס גראָז באַשיטע מיט געלע בלימעלעך.

דאָס שטעטל איז געווען פוסט, ווייניק מענטשן אויף די גאַסן, אסך פאַרקלאַפּטע לאָדנס. ס'איז נאָך פרי, ס'איז זונטיק האָב איך געטראַכט; כ'האָב אָבער געהאַט א מאָדנע פאַרגעפיל אז עפּעס איז נישט בסדר. מיר האָבן געשפּאַנט איבער די האַלב־פוסטע געסלעך. איך האָב געוואָלט קודם אָפּפירן שיינדעלען אהיים, נאָר אָט איז זייער שטוב, פאַרנט די קלייט און הינטן די שטוב מיט דער פּעקאַרניע, וואָס איז אמאָל געווען יאָסל בעקערס אייגנטום. אויפן טויער אָבער האָט געהאַנגען א שווערער שלאָס ארומגעבונדן מיט שטריקלעך און פאַרזיגלט מיט א גרויסן, אָפּגעשטעמ־פּעלטן זיגל מיט טריפּאַקס. שיינדעלע איז בלאַס געוואָרן און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פויסטן אין טויער. קיינער האָט נישט געענפערט. „טאַטע''! „מאמע''! האָט זי אָנגעהויבן יעכצן... א שכנותדיק טירל האָט א סקריפּע געטאָן און דער אלטער שעפּסל, יאָסלס שכן, דער לערער, איז ארויסגעקומען אין הוילן העמד און אין הוילן קאָפּ, ווייזט אויס דאָס קלאַפּן האָט אים אויפגעוועקט פונעם שלאָף:

— אוי, ווי איז מיר שיינדעלע, אוי, רבונו של־עולם — האָט שעפּסל געשטאַמלט — פאַרוואָס דאַרף איך זיין דער שלעכטער שליח און דיר אָנזאָגן אזא בשורה. דיינע עלטערן האָט מען די נאַכט פאַרנומען, זיי

פארשיקט, דאָס פארמעגן האָט מען איבערגעשריבן און פארזיגלט. אוי, אז ווײ איז צו אונדז.

שײנדעלע איז נאָך בלאַסער געוואָרן, אירע אויגן האָבן געברענט ווי פון פיבער, זי האָט זיך געוואָרפן מיט די פויסטן און מיטן קאָפּ אין טויער אַרײַן און אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין. איך האָב זי אוועקגעשלעפט מיט כוח, פארגעסן אין זיך, און זי אָפּגעפירט צו איר מומע צייטל, איר מאַמעס שוועסטער, וואָס האָט געוווינט הינטערן בול־וואר. מיר זענען געגאַנגען מיט דער הינטער־גאַס כדי אויסצומיידן מענטשן, ווײַל שײנדעלע האָט געדראָזשעט אַ פארחלשטע. מיר האָבן דערזען אַ שלאָס מיט אַ זינגל בײַ לייקען דער צוקערגעטשקע, בײַ סיאָמע דעם ביתריסט און בײַ אַנדערע יידישע און נישט יידישע הײַזער. בײַ כרים־טאקע דעם בולגאַר האָבן די הינט געוואָיעט נאָך זייער באַלעבאָס...

איך האָב איבערגעלאָזט שײנדעלען אַ האַלב פארחלשטע בײַ איר מומע און אַלײן בין איך אַרויס זוכן מײַנע עלטערן, געווייס זענען זיי בײַ דער באָ־בען, בײַם פעטער מרדכי. מיט האַסטיקע טריט האָב איך דורכגעשפּרײַזט דעם בולוואַר און געשפּאַנט צו דער „אַלטער שטאָט". בײַם „זיינער" איז מיר אַנטקעגנגעקומען צאַלעק, ברכל דעם רבס מיזיניק, אויף זײַן תמוואַטע פּנים האָט געשײַנט אַ מין חסר דעהדיקער שמייכל: „לויף גיכער, דײַן באָבע מאַלי־רחל האָט זיך געפּעלט, ברוך דיין אמת".

איך בין געלאָפן, געלאָפן איבער די פּוסטע געסלעך און כ'בין אַרײַנגעפאַלן אַ פארסאָפּעטער צום פעטער מרדכי'ן אין שטוב אַרײַן, ווו די באָבע מאַלי־רחל איז געלעגן מיט די פיס צו דער טיר. כ'בין צו איר צו געפאַלן: „באָבעניו, באָבעניו, זײַ מיר מוחל"...

ווײנען האָב איך נישט געקאָנט נישט בײַ דער לוויה, נישט בײַ דער קבורה, דאָס האַרץ איז מיר געוועזן פארקלעמט און איך האָב פאַר זיך געזען די באָבע מאַלי־רחל אַ לעבעדיקע. אָט זע איך זי אין דאָרף ווען זי איז געזעסן בײַ אונדז, און אָט זע איך זי אין שטעטל אויך בײַ אונדז, איידער זי איז געגאַנגען וויינען צום פעטער מרדכי. אָט זע איך זי ליכט־בענטשן, און אָט זע איך זי לייענען די יידישע צייטונג „אונזער צייט". ס'אַ ווינטער אָוונט, אונדזער שטיבל איז פול מיט יינגערע, און עלטערע ווייבער, מע זיצט אויסגעזעצט און מ'שטייט אויף די פיס. שאַ, ששט. די באָבע מאַלי־רחל לייענט פאַר דעם ראָמאַן „יידישע טעכטער". און אָט זע

איך זי אין שיל. די ווייבער קוקן איר אין מויל אריין, דער פירזאָגערן: „שאַט, ווייבער! — הער איך איר קול — מ׳זאָגט למנצח!“ איך זע זי א לעבעדיקע און הער איר קול, איר געזאַנג, אירע וויצן, אירע מעשיות מיט גוטע יידן און למדוואָוניקעס, מיט פּריצים און גזלנים. אָט זע איך זי אין טעאַטער ביי סידי טאַלס ספּעקטאַקל און איך הער ווידער איר קול: „זיי אויסגעזאָרגט, ער וועט קומען דער מלמד דייגער, ער וועט קו־מען דער אַלטער צאַפּ“.

פאַר די אויגן שוועבן מיר פראַגמענטן פון איר לעבן און איך דערמאָן זיך אין איר פּילאָזאָפישן אויספיר איבערן מענטשלעכן לעבן: „עט, הונדערט און איינס איז אַלץ איינס“.

ניין, מיין באָבעניו איז נישט געשטאָרבן, ס׳א טעות, א שרעקלעכער טעות, סע קאָן נישט זיין. נאָר ווען מע האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין קבר, די לאָפּעטעס שוואַרצע ערד האָבן פאַרשיט דעם גרוב און ס׳האָט אויסגע־בראָכן דער יאָמער פון אירע זין און טעכטער, פריינד און שכנים, האָב איך פאַרשטאַנען אז זי איז מער נישטאָ, אז זי איז פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש פון יענער זייט פון יעדן פאַרשטאַנד און מענטשלעכן באַגריף.

מיר האָבן זיך אומגעקערט פונעם בית־עולם און דאָס האַרץ קלעמע־ניש איז אין מיר געשטיגן, כ׳האָב געפילט א טאָפּלטען ווייטיק, סיי פון דער באָבעס טויט, סיי פון די געשעענישן פון דער פאַריקער נאַכט. פאַר די אויגן האָב איך געזען די פאַרזיגלטע טויערן מיט די שווערע שלע־סער וואָס האָבן געהאָנגען אויף זיי. „פאַרוואָס?“ פאַרוואָס?“ האָב איך גערעדט צו זיך אַליין און זיך געשלאָגן מיטן פויסט אין דער ברוסט ווי מע שלאָגט זיך על חטא. „פאַרוואָס?“ ...

מיינע עלטערן און אַלע אַרום האָבן זיך געזעצט שבעה און איך בין אַרום אין גאַס, ס׳האָט מיך עפּעס געשטיקט אין האַלדז, ס׳האָט מיר געפעלט לופט צום אָטעמען. איך האָב געפילט אז כ׳מוז פאַר עמעצן אויס־גיסן מיין שווער האַרץ.. אפילו זיך אויסוויינען.. די פיס האָבן מיך געטראָגן צו שיינדעלען. נאָר תיכף הינטערן בולוואַר, נישט ווייט פון די פייערלעשער, האָב איך באַגעגנט מאָטלען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב אויף אים אָנגעשטעלט מיין בייזן בליק און ער האָט אַראָפּגע־

לאזט די אויגן. „מאטל! — האט זיך ביי מיר ארויסגעריסן א געשריי — מאטל, זאג מיר, פארוואס? פארוואס?“ איך האב זיך צוגערוקט נאענט צו אים און האב באמערקט א נערוועזן ציטער אויף זיין בלאס פנים: „פארוואס? פארוואס הרגענען זיי אפ א טרוים? פארוואס, מאטל? וועמען האט מען פארשיקט? די שונאים פון פאלק? מאטל, פארוואס שוויי- גסטו?“..

מאטל האט געשוויגן. ער איז געשטאנען מיט אן אראפגעלאזטן קאפ און באטראכט די שפיצן פון זיינע גלאנצנדיקע כראמעווע שטיוול.

„פארוואס, מאטל? פארוואס שעכטן זיי מיט זייערע אייגענע הענט אן אויסגעטרוימטן משיח, פארוואס?“..

מאטל האט זיך ווי אויפגעכאפט פונעם שלאף, ער האט האסטיק א שאר געטאן די טשופרינע האר וואס איז אים געפאלן איבערן שטערן און זיך צעשריגן ווי ניט מיט זיין קול: „איך פארשטיי צי איך פארשטיי נישט, אבער איך גלויב, פארשטייסט, איך גלויב, איך מוז גלויבן, דאס איז מיין אני מאמין“...

אזוי איז געבליבן מאטלס געשטאלט פארקריצט אין מיין זכרון, ווייל מער האב איך אים נישט געזען. אין א וואך ארום האט אנגעהויבן די מלחמה, און אירע פלאמען האבן אים פארשלונגען אויף די אוקראי- נישע אדער רוסישע סטעפעס.

אין יענעם נאכמיטאג האב איך זיך געזעגנט מיט שיינדעלען, זי האט אויף דער ארבעט זיך נישט געוואלט צוריקקערן. איך האב מיט- גענומען דעם בויגן פאפיר מיט איר אנגעשריבענער דעמיסיע.

*

איך האב געארבעט ווייטער אין באנק, נאר ס׳האט זיך מיר גע- בענקט נאך די עלטערן, נאך שיינדעלען, נאכן שטעטל. סע זענען פאר- ביי עטלעכע טעג און איך האב נישט געשריבן אהיים, נישט געהאט וואס צו שרייבן. כ׳האב געוווסט אז דער טאטע זיצט נאך שבעה און שיינדעלע איז ווי א יתומה מיט לעבעדיקע עלטערן; האב איך נישט געהאט קיין נעדולד צום שרייבן, כ׳האב געפילט אז ס׳איז איבעריק; כ׳בין געווען

אין א געדריקטער שטימונג. און ווען דער דירעקטאָר האָט מיך גערופֿן און געהייסן אַרויספֿאָרן אויף דריי טעג אין א פּאָר וויטערע קאָלכאָזן, בין איך שטילערהייט אים געווען דאַנקבאַר דערפֿאַר. איך בין אוועק־געפֿאָרן דאַנערשטיק אינדערפֿרי, אָפּגעטאָן מיין ארבעט און שבת ביי־טאָג האָב איך זיך אומגעקערט מיט א מאַשין פֿונעם קאָלכאָז. ס'איז געווען שבת דעם 21סטן יוני 1941.

דער שאָפֿער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין ביים ראַנד פֿון א דאָרף ביים גרענעץ־טייך. ס'איז געווען א וואַרעמער טאָג מיט א בלויען הימל אָן א וואָלקנדל. ס'איז געווען אזא שטילקייט אַרום, אז מ'האָט געהערט דאָס זשומזשען פֿון די פֿליגן אין דער לופֿט. מיר האָבן זיך אויסגעטאָן באָרוועס און אַראָפּגענאַנגען צום זאַמדיקן ברעג. דער טייך האָט געשי־מערט און זיך געפֿאָלדעוועט אונטער די שטראַלן פֿון דער זון. כ'האָב אַריבערגעקוקט פֿון יענער זייט. די וועלדער זענען געשטאַנען אומבאַ־וועגטע, ווי פֿאַרגליווערטע, קיין בלעטל האָט זיך נישט גערירט אויף זייערע צווייגן און אַרום האָט געהערשט א מחיהדיקע רו וואָס איז צומאָל איבערגעריסן געוואָרן דורכן קראַקען פֿון די זשאַבעס.

איך בין אָנגעקומען אין שטעטל אַריין פֿאַרנאַכט. כ'האָב אַרומגעש־פּאַנט איבער די גאַסן, זיך קיין אָרט נישט געפֿונען. „עפּעס איז מיר שווער אויפֿן האַרצן" — האָב איך זיך דערמאָנט אין שיינדעלעס רייד פֿון קריק מיט א וואָך. ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט און איך האָב אַרומשפּאַ־צירט איבער די געסלעך. פֿון ערגעץ האָבן זיך געטראָגן מוזיק־אַקאָרדן, געוויס פֿונעם קלוב. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעקוקט דורך דער אָפֿענער טיר אינעם באַלויכטענעם זאַל. די מוזיק האָט געשפּילט און יונגע פּאָרלעך האָבן געטאַנצט. ס'איז געווען דער באַל פֿון די אַבסאָל־ווענטן פֿון די מיטל־שולן, דער באַל פֿון דער יוגנט וואָס וועט מאָרגן אַריינטרעטן אין זיין אַקטיוון, זעלבשטענדיקן לעבן. כ'וואָלט גערן זיך געוועזן אויסגעמישט מיט דער עקספּאַנסיווער, רוישיקער, זאָרגלאָ־זער יוגנט, נאָר עפּעס האָט מיך צוריקגעהאַלטן. מייניקע זענען ערשט נעכטן אויפֿגעשטאַנען שבעה און שיינדעלע איז דאָרטן אַליין...

איך האָב נאָך לאַנג געבלאָנדזשעט איבער די שטילע, טונקעלע געס־לעך. אַנגעשלאָפֿן בין איך שפּעט אין א שווערן זינקענדיקן שלאָף אין

דער נאכט פונעם 21סטן אויפן 22סטן יוני 1941. און באלד האָט מיך אויפגעוועקט דאָס קנאַלן פון די שווערע הארמאטן וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם שווערן בלוטיקן וועג פון פיר יאָר געראנגל מיטן טויט, מיטן גירוש, מיט טרעאָר, מיט הונגער און קעלט, מיט איבערמענטשלעכע נסיונות און קרבנות, אָבער אויך מיט קאמף און האָפענונג אין א בעסערן מאָרגן.

כ'בין ארויס אין דרויסן, ס'איז געווען נאָך האלב—טונקל. די הארמאטן האָבן געקנאַלט און שטיקער פייער זענען געפלויגן אויף מזרח. די הארמאטן האָבן געדונערט אז די ערד האָט אזש געציטערט. איך האָב זיך דערמאָנט אין יענעם ווייטן דונער וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אונדזער שטעטל אונטער א בלויען הימל, אין מיטן העלן טאָג און כ'האָב נישט פארשטאַנען אויפן מאָמענט אז דאָס איז א פאָרזעצונג פון יענעם דונער, נאָר איך האָב פארשטאַנען אז דאָס פייער איז שוין אריבער דעם שוועל פון אונדזער הויז, אז אונדזער היים ברענט.

ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג. איך בין ארויס אין גאס און אינסטינקטיוו בין איך אוועק צו דער באַנק, מיין ארבעטס-פּלאַץ, כאָטש ס'איז געווען זונטיק. דאָרטן האָבן איך קיינעם נישט געטראָפן. רעדלעך מענטשן האָבן זיך געזאמלט און איינער האָט געפרעגט דעם צווייטן: „וואָס איז נעשען? וואָס קומט פאָר?"

די הארמאטן האָבן פאָרגעזעצט קנאַלן און צענדליקער שטאָלענע פייגל — די היטלעריסטישע אוויאציע — האָט זיך א לאָז געטאָן אויף מזרח, אויסלאָדן זייערע באָמבעס. שפּעטער האָט גערעדט מאָלאָטאָוו און די ערשטע לאַסט-אויטאָס מיט ציווילע סאָוועטישע מענטשן זענען געלאָפן אויף מזרח. מלחמה! מלחמה! דאָס שוידער וואָרט איז געווען אויף די ליפּן פון אלע מענטשן. מלחמה וועגן וועלכער מיר האָבן יאָרנלאַנג געלייענט אין די צייטונגען און געהערט אין ראַדיאָ און וואָס איז פאָרגעקומען אין ווייטערע אָדער נענטערע מקומות, האָט זיך ברוטאַל אריינגעריסן אין אונדזערע היימען אין אונדזערע לעבנס.

אין עטלעכע טעג ארום, ווען דער אָוונט האָט איינגעהילט מיט זיינע שאָטנס דעם סטעפּ, די וועגן אויף וועלכע ס'האָבן זיך צוריקגעצויגן הונדערטער מיליטער מאשינען מיט אויסגעלאָשענע ליכט און פארמאס-

קירטע מיט צווייגן, און הונדערטער מענטשן מיט רענצלעך, פעקלעך און זעקלעך אויף די פּלייצעס האָבן זיך געדרענגט אויפן שאָסיי. האָב איך זיך געלאָזט מיט זיי אין וועג אריין איבער סטעזשקעס און דאָרפישע וועגן, איבער טאָלן און לאַנעס מיט תבואה, אהיים.

אין מיין שטעטל בין איך אָנגעקומען קאַיאָר. ס׳איז געווען שטיל, עפּעס א מוראדיקע שטילקייט. נאָר באַלד האָט זיך דערהערט א גערויש פון אַוויאָנען און איבער דער געבײדע פון דער אמאָליקער סעמינאַריע האָט זיך אָנגעהויבן א לופט-קאַמף וואָס האָט געדויערט אן ערך א האַלבע שעה. איך האָב זיך געלייגט צו דער ערד מיטן פּנים אין פּוכיקן שמעקנדיקן קאָברעץ פונעם גראָז. די אַוויאָנען זענען זיך צעפלויגן. איך בין אויפגעשטאַנען. דאָס שטעטל איז געווען פּוסט, טויט. כ׳האָב זיך פאַרנומען אויף לינקס און דערזען די ערשטע חורבות פון די לופט-באָמבאַרדירונגען. איך בין געלאָפן צו אונדזער שטיבל און געזען א שטיק אָפּגעברענטן דאַך, די טיר איז געווען פאַרשלאָסן. די געסלעך האָבן געשטינקען נאָכן רויך פון די שריפות. אינסטינקטיוו האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי יאָסל בעקערס הויז. ס׳האָט א סקריפּע געטאָן א טיר, דער אַלטער שעפּסל האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געשריגן: „דיינע עלטערן זענען ביים פעטער מרדכי, ביים פעטער מרדכי, אוי, אז וויי איז צו אונדז, מ׳האָט געוואָרפן באָמבעס, אומגעקומען מענטשן, אוי, א ביטערע מלחמה“.

איך בין געלאָפן איבער די פּוסטע געסלעך, געלאָפן צו שיינדעלען און זי געטראָפן א גרייטע אין וועג אריין: „איך האָב אויף דיר געוואַרט, כ׳האָב געוווסט ווּעסט קומען, לאָמיר לויפן, זיך ראַטעווען, אפשר וועל איך געפינען מיינע עלטערן“...

מיר זענען ביידע אראָפּגעלאָפן אין דער אַלטער שטאָט צו מיינע עלטערן. איך האָב זיי געטראָפן אינעם גרויסן קעלער ביים פעטער מרדכי און דער מומע דבורה, דאָרט זענען אויך געווען די מומע פערעלע מיטן פעטער יואל מיט רייזעלען און נאָך עטלעכע משפּחות. זיי האָבן געטראָפן א מקום מקלט פון די באָמבעס אין דעם גרויסן קעלער, א געוועזענער ווײַן-קעלער וואָס האָט אמאָל געהערט דעם פעטער מרדכיס שווער. דער טאַטע איז געזעסן א פאַרלוירענער אין א ווינקל. די מאַמע האָט באַלד פאַרשטאַנען אז איך וועל אוועק, זי האָט מיר שוין געהאַט

צוגענרייט א פעקל. איך האָב זיך געזעגנט מיט די עלטערן און מיט אייגענע בחיפזון, נישט געווען קיין צייט אפילו פאר קיין טרערן. איך האָב נאָר געזען ווי די מאמע האָט פארקלעמט די ציין און צוגעשפארט דעם קאָפּ צו דער שטיינערדיקער וואנט. כ'בין ארויס פונעם קעלער און אינאיינעם מיט שיינדעלען זיך געאיילט צום גרויסן טייך. פון דערווייטנס האָבן געדונערט הארמאטן, ערגעץ האָט אויסגעבראָכן א שרפה און סטאָל־בעם רויך מיט פונקען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. איינצעלנע סאָוועטישע זעלנער מיט גראנאטן אין די הענט זענען געלאָפן אין אן אומבאקאנטער ריכטונג...

די בריק איבערן טייך איז געווען אויפגעריסן. גרופעס מענטשן האָבן געפרווט זיך אריבערשיפן אויף יענער זייט מיט וואָס זיי האָבן געקאָנט און אנדערע האָבן געפרווט זיך אריבערשיפן פון יענעם ברעג צוריק. אן עסקאדרילע דייטשישע אוויאָנען זענען געפלויגן גאנץ נידעריק, אונדז פארטויבט מיטן וואָיען פון זייערע סירענעס און באשאָסן מיט מאשין־געווער דעם צווייטן ברעג. ס'האָבן זיך דערטראָגן קרעכצן און יללות פון די פארוווּנדעטע. מיר זענען געשטאנען פארלוירענע אויפן ברעג, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן וווהין לויפן, אהין אָדער צוריק. אין מיטן טייך אין א לאָדקע האָב איך אויף אמאָל דערזען שייקע בעל־עגלה.

ער האָט זיך אומגעקערט פון יענער זייט מיט בתיהן און מיט די צוויי יינגעלעך זיינע. די לאָדקע האָט זיך דערנענטערט צום ברעג און מיר האָבן אָנגעהויבן שרייען: „שייקע! שייקע!" ער איז דערשווימען צום זאמדיקן ברעג, אָפּגעווישט מיט דער דלאָניע דעם שווייס פון זיין פנים און ארויסגעשטאמלט א פארביטערטער: „פארפאָלן קינדער, פארפאָלן, מיר האָבן זיך צוויי מעת־לעת ארומגעבלאָנקעט איבער וועלדער און פעלדער, כ'האָב געמיינט מירן זיך באגעגענען מיט אונדזער רחלה'ן מיט בערטשיקן; אים האָטן מאָביליזירט און זי איז אים נאָכגעפאָרן. פארפאָלן קינדער, די דייטשן זענען אין קאמענעץ".

— ווי אזוי אין קאמענעץ, פון וואנען זענען זיי געקומען?

— פונעם הימל, מיט די פאראשוטן, מיר זענען שיער נישט אריינ־געפאלן אין זייערע הענט. איצטער, קינדער, מוזן מיר זיך אומקערן אהיים, און וואָס ס'וועט זיין מיט אלע יידן, וועט זיין מיט אונדז אויך.

איך האָב אָפּגעפירט שיינדעלען צו איר מומע צייטל און אליין האָב איך זיך אומגעקערט צום פעטער מרדכי אין קעלער. די מאמע האָט מיך גע־האלדזט און געקושט: „גוט וואָס מיר זענען אינאיינעם, דאנקען גאָט." דער טאטע האָט געמורמלט עפּעס א תפילה און נאָכגעזאָגט דער מאמע: „דאנקען גאָט, אבי אינאיינעם". איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם מנין יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין קעלער, און קיינער פון זיי האָט אויף מיר נישט געמאכט אזא שטארקן איינדרוק און ארויסגערופן אזא מיטגע־פיל ווי דער פעטער יואל. ער האָט זיך ארומגעדרייט ווי א לייב אין דער שטייג, געריבן זיינע גרויסע פּויערישע הענט מיט די גראָבע פינגער; די הענט וואָס האָבן געגראָבן בוראקעס, געפּראשעוועט קוקורוז, געשניטן ווייץ; די הענט וואָס האָבן געמאָלקן א קו, אָנגעטאָן ציימלעך אויף מאָר־דעס פון פערד, געצערטלט ניי געבוירענע קעלבלעך. הענט פון א פּויער וואָס ער האָט איצט נישט געהאט מיט זיי וואָס צו טאָן. איך האָב זיך צו אים דערנענטערט און ער האָט מיר געזאָגט אין דער שטיל:

— ס'טוט מיר נאָך גאָרנישט באנג, בנאמנות, נאָך גאָרנישט. נאָר ווי אזוי זאָל איך לעבן אָן מיין ערד? די סאָוועטן האָבן ביי מיר צוגענע־מען די ערד, איז מיר געבליבן דער גאָרטן, האָב איך געארבעט אין קאָל־כאָז און די ערד איז אלץ געווען מיינע. איצט האָט מען מיך עוקר מין השורש געווען, פארשטייסט? מע האָט מיך אויסגעריסן מיט די וואָרצ־לען. אנטלאָפן פונעם דאָרף און כ'טרוקן אויס, פארשטייסט? איך טרוקן אויס... פארוואָס? אלע פּויערים זענען געבליבן אף זייער ערד, נאָר איך דער איינציקער יידישער פּויער אין דאָרף האָב געמוזט אנטלויפן. ביים פריערדיקן בורזשואזן רעזשים זענען זיי די פּויערים געזעסן אף זייער ערד, אף דער ערד פון זייערע אבות, געקומען די באָלשעוויקעס זענען זיי געבליבן אף זייער ערד, איצט קומען די פאשיסטן און זיי וועלן ווייטער בלייבן אָף זייער ערד... אָדער אפשר דאָרף מען עפּעס אָפּלערנען דערפון, אז יידן דאַרפן ווי אלע פעלקער האָבן זייער באָדן, האָ? יאָ, זייער איינענעם באָדן, און אפילו אנטוויקלען דעם סאָציאליזם — דאָס ארט מיך גיט — אָבער אויף זייער באָדן.

... ס'איז צוגעפאלן די נאכט און אויף אמאָל איז שטיל געוואָרן. די קאנאָנאדע האָט אויפגעהערט. אויפן שווארצן הימל האָבן זיך פון דער־ווייטנס פּראָיעקטירט די פייער־צונגען פון די שרפות, אָבער ס'איז געווען שטיל, שטיל. איעדער האָט געהערט דאָס האסטיקע קלאַפּן פון זיין אייגן הארץ.

דעם צווייטן טאָג קאיאָר האָבן זיך די פאשיסטישע חיילות ארייגע־ריסן אין שטעטל ...

## 14 סעפטעמבער

די לעצטע צוויי טעג האָט גערעגנט, בין איך נישט געגאנגען צו מיין באליבט ווינקעלע, צום קליינעם באגרינטן אינדזל ביים טייך אָלט. איך בין ארויסגעגאנגען נאָר צום קוואל מיט מינעראל־וואסער און נעמען א סירקע־באָד. האָב איך געלייענט, דאָס הייסט געפּרווּט לייענען, ווייל די זכרונות האָבן זיך פון מיר ניט געוואָלט אָפּטשעפּען ווי פליגן פונעם האָניג. איך האָב אוועקגעלייגט דאָס ביכל און ארויסגענומען דעם העפט מיט די פארצייכענונגען וואָס איך האָב געמאכט אין געטאָ צוריק מיט 40 יאָר, און פון וועלכע ס'זענען פארבליבן נאָר עטלעכע. פון דעם העפט פעלן בלעטלעך און די אותיות געשריבענע מיט א בלייער זענען אָפּ־געריבן, אָבער איך לייען זיי לייכט, ווייל אונטער יעדער אות, אונטער יעדער שורה זע איך א שאָטן פון א מענטש און איך הער זיין קול. איך זע שטעטלעך ארומגעצוימטע מיט שטעכל־דראָט און סטעפּעס פולע מיט מתים. איך הער דאָס קרעכצן פון זקנים אין זייערע לעצטע תפילות גע־ווענדעטע צו א גאָט וואָס האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט, און דאָס געוויין פון איבערגעשראָקענע, הונגעריקע קינדער וואָס טוליען זיך צו די שויסן פון זייערע אומגליקלעכע מאמעס; איך זע די קאָנוואָיען מיט יידן געטרי־בענע דורך די פאשיסטן אונטער דער ברענענדיקער זון אין זומער פונעם 41סטן יאָר, און ווי געיאָגטע, זיי טאָפּטשען די בלאָטעס פון די אוקראַי־נישע סטעפּעס אינעם הארבסט פון דעם זעלבן יאָר. סע גרילצט מיר אין די אויערן דאָס ווילדע געשריי פון די פאשיסטישע וועכטערס און איך זע

דאָס געטאָ אין וועלכן איך האָב איבערגעלעבט 900 שוידער־טעג, און מיין טאַטנס גסיסה אין א קאַלטן פאַרטאָג ווען זאוועראָכעס האָבן געוואָ־יעט ווי ווילדע חיות איבערן פאַרגליווערטן געטאָ...

... דעם העפט האָט מיר געגעבן אין געטאָ, טאַניע, טאַניע דעם שוחטס פּלימעניצע. זי האָט מיר דעמלט געגעבן דעם העפט מיט א בלייער און מיר געזאָגט:

„שרייב, פאַרצייכן, עמעצער פון אונדז וועט דאָך לעבן בלייבן, אויב ניט, וועט עס פאַרבלייבן פאַר דער געשיכטע".

טאַניע איז אַלט געווען 20 יאָר ווען איך האָב זיך מיט איר באַקענט אין געטאָ...

מיש איך אויף דעם העפט און לייען אויפסניי איבער מיין ערשטע פּאַר־צייכענונג „דער רב".

יעדעס מאָל ווען איך מיש אויף די פאַרגעלטע בלעטלעך, פיל איך א קלעמעניש ביים האַרץ, איבערהויפּט ווען איך לייען די פאַרציי־כענונג „דער רב". און טראָץ דעם מוז איך צייטנווייז איבערלייענען די פאַרצייכענונגען, זיי ציען מיך צו ווי א מאַגנעט; איך פיל דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון מיין האַרץ, דאָס בלוט שלאָגט מיר אין די שלייפן, אָבער איך לייען:

אויגוסט 1941

די זון האָט אומרחמנותדיק געסמאַליעט דעם וויסטן סטעפּ. די פּויע־רישע פורלעך וואָס האָבן זיך געטרעסעט איבער די דאָרפישע וועגן און די קאַפּיטעס פון די פאַרשוויסיקטע פערד אויף וועלכע ס'זענען געריטן די פאַשיסטישע וועכטער, האָבן אויפגעהויבן וואָלקנס מיט שטויב. פאַראויס! פאַראויס! האָבן געיעכצט די פאַשיסטן און געשמיסן די לופט מיט זייערע נאַגייקעס. דער לאַנגער קאָנוואָי מיט אויסגעמאַטערטע, אויסגעהונגערטע און דערשראָקענע יידן האָט זיך געשלעפּט א מידער ווי א ריזיקע פאַרדרייטע שלאַנג איבער די פאַרשטויביקטע וועגן. הע, עהע, העי! פאַראויס!...

אונדזער שטעטל איז געבליבן אַרונטער. ס'איז געווען דער דריטער טאָג נאָך אונדזער גירוש. די זקנים און די קראַנקע זענען געפאָרן אויף

די פורלעך, די אנדערע זענען געגאנגען צופוס. יעדן אויפדערנאכט, ווען מיר פלעגן זיך אפשטעלן ביים ראנד פון א דארף איבערצונעכטיקן, פלעג מען איבערבייטן די פורלעך מיט אנדערע, אבער זיי זענען געווארן אלץ שיטערער, ווייל די אלטע לייט און די קראנקע פלעג מען אוועקפירן ערגעץ אויף זייטיקע וועגן און ביינאכט פלעגן אפהילכן עכאס פון שי־סערייען...

מיין שטעטל איז שוין לאנג געבליבן ווייט ערגעץ אויף צפון־זייט. מיין שטעטל, דאס שענסטע און טייערסטע אויף דער וועלט. מיין שטעטל ביים ברעג פון „דער זייט" וואסער, באוואכט פון אן אוראלטער פעסטונג, מיט די עטלעכע טויזנט יידן זיינע, מיט זיינע שילן, בתי־מדרשים, מיט זיינע עטלעכע נגידים און אסך הארעפאשניקעס און ארעמעלייט, מיט זיינע פאעטן און באלעגאלעס און געוויינטלעך מיט זיין רב. אבער וואס איז שוין פון דעם געבליבן? געבליבן דער קאנוואי מיט אומגליקלעכע אויסגעשעפטע מענטשן, וואס שלעפן זיך שווער איבערן פארברענטן סטעפ, ווארטנדיק ס'זאל צופאלן די נאכט ,איבערנעכטיקן ביים ראנד פון א דארף, ווייל מארגן קאיאר, וועלן די ווילדע קולות פון די וועכ־טער זיי ווידער אויפוועקן: „הע, הע, הע, העי, געגאנגען!"... און ווי צו די וואס זענען געבליבן ארונטער...

מיט א חודש צוריק איז אונדזער שטעטל אריינגעפאלן אין די הענט פון די פאשיסטן. צווישן דם, ואש, ותמרות עשן האבן די ערשטע טאנקן מיט די שווארצע צלמים זיך באוויזן אויף די שמאלע געסלעך פונעם שטעטל. א קליינע טייל יידן האט באוויזן צו אנטלויפן אויף „יענער זייט וואסער". א טייל האט מען מאביליזירט אין דער ארמיי און די איבעריקע, די גרעסטע טייל — האט געטיילט דעם ביטערן גורל פון די הונדערטער שטעט און שטעטלעך וואס זענען פארבליבן אונטער דער פאשיסטישער הערשאפט.

ס'זענען געקומען גרויזאמע טעג. מע האט אונדז אלע פארשפארט אין דער געביידע פון דער גימנאזיע, וו מע האט אונדז געפארשט, נע־פייניקט, דערנידעריקט, געזוכט „יודעא־קאמוניסטן" און זיי געטראפן צווישן די שוחטים, מלמדים, סוחרים און אינטעלעקטואלן... און דער־

נאָך דער פּאָגראָם, ווו הונדערטער יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אוי־סערן שטעטל, ביי די ווינט־מילן, ביים „פּוילן טייך".

דעם 1שטן אויגוסט 1941 האָט מען אונדז עוואַקואירט. אין מיטן דער נאַכט א גערודער אין שטעטל. אויפן מאַרק האָבן זיך באַוויזן צענדלי־קער פורלעך און די שטילקייט פון דער וואַרעמער זומער נאַכט איז איבערגעריסן געוואָרן פונעם הירזשען פון די פערד, פון די זידלערייען פון די זשאַנדאַרן און פון די יללות פון די ווייבער און קינדער.

קאַיאָר האָבן מיר באַקומען דעם באַפעל צו פאַרלאָזן אונזערע היימען. יעדער איינער מיט וואָס ער האָט באַוויזן מיטנומען: א פּאָרל גרייט, א קישן, א האַנטוך, אן אָלטגעבאַקן שטיקל ברויט, ווער עס האָט עס פאַר־מאָגט. ס׳האָט אָנגעהויבן א נייער גלות, א גירוש מאַרש אין אן אומבאַקאַנ־טער ריכטונג, א מאַרש וואָס האָט פאַרזייעט מיט די ביינער פון אונדזערע ברידער, דעם לאַנגן מאַרטירער וועג. פאַרן גרעסטן טייל, א וועג אָן א צו־ריקקער.

די קאָלאָנע האָט גערירט און מיר האָבן מיט פאַרקלעמטע הערצער זיך געזעגנט מיט אונדזער שטעטל, מיטן פאַרלוירענעם שטעטל...

דער רב האָט געשפּאַנט אין דער ערשטער ריי, ער האָט נישט געוואָלט פאָרן מיטן וואָגן. מיט זיין שטאָלצן גאַנג, מיט זיין בלאַס פּנים און שניי ווייסער באָרד, האָט ער אויסגעזען ווי מתתיהו החשמונאי׳ס בילד אויף מיין פעטער טעוול׳ס געשיכטע־ביכל „קורות העברים". ער האָט געשפּאַנט און זיין בלאַס פּנים איז געווען אומבאַוועגלעך, נאָר זיינע ציטערנדיקע ליפּן האָבן געשעפּטשעט א תפילה און מיט זיין רעכטער פויסט האָט ער געקלאַפּט אין דער לינקער זייט פון זיין ברוסט, על חטא.

דער דריטער טאָג פון אונדזער גירוש איז געווען א גאָר שווערער. די היץ איז געווען אן אומדערטרעגלעכע. די צאָל קרבנות איז געוואַקסן. נעכטן איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד דער דאָקטער זיידמאַן (טאַקע א זיידע־נער מאַן). היינט האָט א יונג מיידל, אוי! א יונגע שיינע בלום, זיך אריינ־געוואָרפן אין א קערנעצע ביים ראַנד פונעם וועלדל... און די וואָס פלעגן בלייבן אָרונטער, זענען דערשאָסן געוואָרן. די צאָל פורלעך איז אַלץ קלענער געוואָרן, זיי האָבן שוין באַלד קיינעם נישט געניצט. דער קאָנוואָי האָט זיך אָפּגעשטעלט, ס׳איז געווען בין־השמשות. דער רב איז גע־

וועןפֿארמאטערט, זיינע כוחות אויסגעשעפּט. מע האָט אים געלייגט אויפֿן קילן גראָז און באַנעצט זיינע פֿארברענטע ליפּן מיט קאלט וואסער. די זון האָט מיט אירע לעצטע שטראלן געצערטלט דעם סטעפּ, די לאַנעס מיטן ניט־געשניטענעם ווייץ, וועמענס זאנגען האָבן אויסגעזען ווי פֿארשעמטע בתולות וואָס דער חתן האָט זיי פֿארלאָזט אונטער דער חופּה. און ווייט, ווייט, ווו דער הימל באהעפֿט זיך מיט דער ערד, איז די זון געווען איינגעטונקען אין א פֿייערדיק — רויטן טייך מיט בלוט. און אפֿשר איז דאָס טאקע געווען דאָס בלוט פֿון אונדזער פֿארוווּנדעטער פּלאנעטע? דער רב האָט געבעטן מע זאָל אים אָנטאָן דעם טלית. זיינע ליפּן האָבן געמורמעלט א תּפֿילה, זיין אויסגעמאטערטער גוף איז געלעגן אומבא־וועגלעך, נאָר זיינע אויגן האָבן געהאט דעם זעלבן שארפֿן, דורכדרינ־גלכן בליק.

מיר זענען געשטאנען ארום אים, געזען זיין נסיסה. אויפֿאמאָל האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. איך בין געשטאנען נאָענט צו אים און גע־הערט זיין שוואך קול, זיין שעפּטשען: „קינדער, פֿארלירט נישט דעם בטחון, די אמונה... קעמפּט, לאָזט אייך ניט פֿירן כצאן לטבח, וועט איר דערגרענטערן די ישועה"...

ער האָט א כאָרכל געטאָן. זיין קאָפּ האָט זיך א קער געטאָן און זיך אָנגעלענט אין קילן שמעקנדיקן גראָז. זיין פּנים איז געווען ווי א פֿאר־געלטער פּארמעט פֿון אן אלט ספֿר־תּורה, זיין ווייסע באָרד איז געלעגן א פֿארשטארצטע איבערן ווייסן טלית און זיינע אָפֿענע אויגן האָבן ארויפֿ־געקוקט צו די ערשטע שטערן וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן אויפֿן טונ־קעלן הימל...

*

איך האָב אוועקגעלייגט דעם העפֿט. די זילבערנע שפּיזן פֿון דער זון האָבן צעטריבן די כמארעס וואָס האָבן געהאנגען ווי טונקעלע שטיקער צעקעמטע וואָל איבער די שפּיצן פֿון די בערג און געשטאָכן דאָס הארץ. געשטאָכן דאָס הארץ ווי מיט שפּיזן, ווייל אין דער פֿארצייכענונג האָב איך באשריבן מיין פֿארלוירן שטעטל און מיין פֿארלוירענע ליבע, ווייל דאָס

יונגע שיינע מיידל, די יונגע שיינע פארשניטענע בלום, איז געווען שיינ־דעלע ... פאשיסטן האָבן זי פארגוואלדיקט און זי האָט זיך אריינגעוואָרפן אין דער קערנעצע ביים ראנד פונעם וואלד...

15 סעפטעמבער

ווידער א שיינער,ווארעמער טאָג, א פרי־הארבסטיקער, מיט שארפע ריחות וואָס טראָגן זיך פון ארומיקע וועלדער און מיט שפינוועבס, ווי זילבערנע פעדעמלעך וואָס פלאטערן אין דער לופט און זאָגן אָן א לאנגן ווארעמען הארבסט.

זיץ איך אויף „מיין באנק“ ביים ברעג פונעם טייך און די געדאנקען טראָגן מיך צו יענעם ווייטן סעפטעמבער 1941.

א בעסאראבער שטעטל ארומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט. א שטעטל אָן יידן, מע האָט זיי ארויסגעטריבן ווער ווייסט וווהין און אונדז האָט מען אריינגעטריבן אין איין גאס אריין, אריינגעשטופט צו 10—15 אין די ליידיקע שטיבלעך.

עסן קען מען קויפן, ווער ס׳האָט פארוואָס, אָדער טוישן, א פאָר הויזן פאר א ברויט, למשל, אָבער נאָר איין שעה אין טאָג, דורכן שטעכלדראָט ...

מיר האָבן אראָפּגעלייגט די קלומיקעס און מידע אויסגעשעפטע זיך געלייגט אויפן דיל.

בין־השמשות. דער טאטע האָט זיך געשטעלט דאווענען מנחה־מעריב. די מאמע האָט גענומען זוכן אין קלימעק א רעשטל רעטשענע גרויפן וואָס זי האָט מיטגענומען פון דער היים. דער פעטער מרדכי מיט דער מומע דבורה, דער פעטער טעוול און די מומע מינגע, דער פע־טער יואל און די מומע פערעלע זענען געשלאָפן ווי הרוגים, נאָר די קליינע רייזעלע האָט געוויינט פונעם שלאָף: „עסן, עסן, ברויט“. ...

איך האָב באטראכט דאָס ליידיקע שטיבל. דאָס מעבל און די שטוב־זאכן האָט מען פון לאנג אָפּגעראבעוועט ביי די מאָשקעס און די איציקס, וואָס זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען. אויף דער טיר —

א מזוזה. אין א ווינקל האָבן זיך געוואַלגערט א יאַרמלקע און א מחזור. איך האָב זיי אויפגעהויבן און אויסגעטרעסעט פונעם פאָרעך. כ'האָב אויפגעעפנט דאָס מחזור, אייניקע בלעטלעך זענען געווען אויסגעפלעקט מיט חלב פון ליכט. כ'האָב אָנגעטראָפן אויפן „ונתנה תוקף": „מי במים ומי באש, מי ברעש, ומי במגיפה, מי בחיה"... אין וואָס פאר א פאראַ-גראף פאסט זיך צו אונדזער ביטערער ונתנה-תוקף — האָב איך א טראכט געטאָן: „ברעש, במגפה, בחרב", געווים, אָבער קודם כל „בחיה," ווייל מיר זענען קרבנות פון א חייהשער אידעאָלאָגיע, פון חייהש — אויס-געשולטע וואנדאלן, מיט מענטשנפרעסערישע באגריפן, וואָס האָבן דערהויבן זייער אידעאָלאָגיע צו א מלוכה פּאָליטיק, האָבן אונטערגעצונדן די וועלט, נאָר אָנגעהויבן האָט מען מיט אונדז יידן.

אויף דער וואנט האָט געהאנגען א בילד פון א יונג, שיין פּאָרפאָלק. זי מיט א קליין קינד אויף די הענט, ווי אונדזער רייזעלע. וו זענען זיי איצט? וו איז זייער קליין „רייזעלע?" ער איז מסתם אויפן פראָנט, אָדער זענען זיי אריבער דעם דניעסטער און ראנגלען זיך צווישן לעבן און טויט איבער וועלדער און פעלדער. אָדער זענען זיי גאָר אין אן אנדער שטעטל, אן ארומגעצוימטס מיטן שטעכלדראָט, ווי מיר דאָ אין זייער שטעטל? און זייער קינד? איך האָב א קוק געטאָן אויף דער קליינער רייזעלע, אויף איר קליין בלאס פנימל, איר פארשפיצט נעזל און אירע פארשמאכטע ליפעלעך. זי האָט זיך אויפגעכאפּט און זיך צעכליפּעט: „עסן, מאמע, עסן"..

די נאכט האָט זיך אראָפּגעלאָזט איבערן געטאָ. פון דערוויטנס האָבן זיך דערטראָגן עכאָס פון שיסערייען און דאָס הוכטיען פון שיכו-רע זעלנער.

„יאָ, האָב איך געטראכט, דער שווערסטער עונש איז אומצוקומען א פארצוקטער פון א חיה, איבערהויפּט פון א חיה בצורת אדם".

דעם צווייטן טאָג קאַיאָר בין איך ארויס אויף דער ארומגעצוימטער געטאָ-גאס. ביי די מויערן האָבן זיך געשלייכט שאָטנס פון מענטשן, פון יידן, זיי זענען געלאָפן אראָפּ און ארויף, אָן א ציל זענען זיי געלאָפן. איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אין א שאָטן און אין אים דערקענט דעם אלטן פלטיאל.

— ווהין אזוי פרי ר' פלטיאל?

— וווהין? אין בית-מדרש אריין.

— וואָס פאר א בית-מדרש, ר׳ פלטיאל?

— ס׳איז דאָ א בית-מדרש ווייטער אביסל אין עק גאס. איך בין שוין נעכטן געווען מיט מנשה מלמד און פרויקע קירזשנער, א פארלאָזט בית-מדרש. איין ספר תורה געטראָפן, א צעריסנס. ווי אזוי האָט דער רבונו של-עולם געקענט אזוינס דערלאָזן? זאָג מ׳טאטן, מ׳פעטער מרדכי, מ׳פעטער יואל, לאָמיר ריין מאכן, ס׳דאָך א מקום-קדוש און ס׳איז ערב ימים-נוראים. א פארלאָזט בית-מדרש, ווי אונדזער בלעכע-רישע שיל, די יידן פארטריבן, אָבער די שכינה, די שכינה האָט דאָס מקום-קדוש דאָך נישט פארלאָזט. מ׳ברענט אונדז, מ׳בראָט אונדז, אָבער די אמונה פארלירן מיר ניט. דאָס הארץ איז מיר צעבראָכן, איך גיי זיך טאקע אויסטענהן מיטן רבונו של-עולם, כ׳גיי זאָגן קדיש נאָך מיין טאָכטער, זי איז אומגעקומען אין יענער נאכט דאָרטן ביים וועלדל. אוי, וועל איך זיך מיט אים אויסטענהן! און ווו קען מען דאָס בעסער טון ווי אין זיין הויז, אין בית-מדרש?

דעם אלטן פלטיאלס שאָטן איז פארשוווּנדן און איך בין געבליבן אליין אין מיטן דער פוסטער גאס, אָנגעשפארט ביי א וואנט פון אן אלטער געביידע. און אויף אמאָל האָבן אָנגעהויבן לויפן שאָטנס פון אלע זייטן. זיי זענען ארוים ווי שטשורעס פון לעכער און געלאָפן אראָפּ איבערן ברוקירטן שטראָז. דער שטראָם האָט מיך מיטגעריסן און איך בין מיט-געלאָפן מיט דער מחנה מענער, פרויען און קינדער, אראָפּ ביזן עק פון דער גאס, ביז צום פלויט פון שטעכל-דראָט ווו די מחנה האָט זיך אָפּגע-שטעלט א מידע, אן אויסגעשעפטע. פון יענער זייט שטעכל-דראָט זענען געשטאנען פויערטעס און פויערים מיט ברויט, פוטער, קעז, מאלאי און סלויעס מיט סמעטענע. פון דער זייט, די מחנה יידן וואָס האָבן געשלונ-גען די סלינע. עטלעכע זשאנדארן האָבן געמאכט אָרדענונג, דערנאָך האָט איינער פון זיי א גרילץ געטאָן פון א פייפעלע און הונדערטער הענט האָבן זיך איבערגעקרייצט צווישן דעם שטעכל-דראָט, ציטערנדיקע הענט וואָס האָבן געשטופט צווישן די דראָטן, געלט, אָדער א פאָר הויזן, א טיכל, א העמד, א חופה-קידושין פינגערל, און באקומען פון „יענער זייט“ א ברויט, א שטיק מאלאי, אָדער א שטיקל קעז. הונדערטער הענט ווי

דארע צווייגן אָפּגעריסענע פון ביימער דורך א קאַלטן הארבסטיקן ווינט, האָבן זיך געשטופּט און געשלעפּט פארביטערטע, פארקלאמערטע און אייניקע מאָל פונעם שטעכל־דראָט פארבלוטיקטע, אונטערן געלעכטער פון די זעלנער. און די פּויערים ציילנדיק דאָס געלט, אָדער אָפּשאצנדיק א ווייל די „סחורה" האָבן אריינגעשטופּט אין די אויסגעשרעקטע הענט א ברויט, א שטיקל קעז אָדער א סלויעקל סמעטענע. א מיש־מאש פון קולות, יעכצערייען און קללות, פון יללות און ווילדן געלעכטער האָבן געגרילצט אין די אויערן, זיך געטראָגן איבערן פעלד ביז אונטערן בערגל צום אלטן יידישן בית־עולם פונעם שטעטל, דער איינציקער שטומער עדות פון איינעם פון די פארלוירענע יידישע שטעטלעך אין די בעסאראבער סטעפּעס.

א קורצער גרילץ פון א פייפעלע און דער „מארש" האָט זיך געשלאָסן. עטלעכע צענדליקער אויסגעשטרעקטע הענט זענען געבליבן הענגען פארגליווערטע צווישן די דראָטן. א יידענע מיט א קליין קינד אויף די הענט, וואָס אויסגעטאָן די פּאטשיילע פונעם קאָפּ און זי אריינגעשטופּט צווישן די דראָטן און אין דער זעלבער רגע האָט א ווייבל אויך מיט א קינד אויף די הענט אריינגעשטופּט עטלעכע באנקנאָטן, אוןביידע אויסגעשטרעקטע הענט האָבן באַקומען איין סלויעקל סמעטענע... דאָס סלויעקל סמעטענע איז געווען ביים ווייבל און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געשלעג. דאָס סלויעקל האָט זיך ארויסגעגליטשט פונעם ווייבלס האנט און ד'י סעמעטענע האָט זיך צערונען איבערן שטויב ... די יידענע מיטן ווייבל האָבן זיך געריסן ביי די האָר, די קינדער האָבן געיעכצט און די זשאנדארן האָבן געמאכט די פּשרה: זיי ביידע דערלאנגט מ'ט די קאָלבעס פון די ביקסן: „נאט אייך, פארשטינקענע יידישקעס! עסט, נאסיטעט* אייך אָן!"

די מחנה שאָטנס האָט זיך צוריקגעצויגן, אייניקע מיט א ברויט, א שטיקל מאלאי, א שטיקל קעז, אָדער א טיגל סמעטענע, אייניקע מיט גאָרנישט. זיי האָבן נאָכגעשלעפּט די פיס, מידע, פארביטערטע און אנטוישטע, זיך אומגעקערט צוריק אין זייערע לעכער וווּ זיי וועלן ליגן ביז מאָרגן אינערפרי, ווען זיי וועלן זיך ווידער אמאָל א לאָז טון צום

---

* זעטיקט אייך אָן

שטעכל-דראָט מיטן לעצטן העמד פונעם לייב, מיטן לעצטן גראָשן ביי דער נשמה, מיט די לעצטע כוחות פון אויסגעשעפּטע, דערשלאָגענע, פאַרצווייפלטע מענטשן.

איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט דער מאַסע מענטשן-שאָטנס מיט א פאַר-קלעמט האַרץ פון הונגער און פון בושה. א בושה, א חרפה האָט מיר גע-ברענט דאָס פנים, דאָס האַרץ און די געדערעם. א בושה פאַר וועמען? פאַר זיך אַליין, פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט. „איז טאַקע אַלץ פאַר-לוירן? האָב איך געטראַכט, און אויב יאָ, צו וואָס־זשע דאָס פאַרשאָלטענע לעבן? אפשר ענדיקן מיטן לעבן? אייניקע האָבן דאָס געטאָן.. ענדיקן מיטן לעבן, איז דאָס א זשעסט פון מוט אָדער פון שוואַכקייט? ווען די נעשיכטע נישט באַטראַכטן די וואָס האָבן זיך גענומען דאָס לעבן אין דער עת-צרה, אלס דעזערטירן? אָבער איך אלס יחיד, וואָס גייט מיך דאָס אָן, וואָס האָב איך מיט דער געשיכטע? איך וויל נישט ליידן, איך קאָן נישט ליידן, איך וועל נישט אויסהאַלטן‘‘...

אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען דעם אַלטן פּלטיאל, דעם אַלטן בלעכער, דעם אומבויגזאַמען זקן, אויף זיין פּנים איז געלעגן א שמייכל:

— געווען אין בית-מדרש, געזאָגט קדיש און זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של-עולם, איז מיר טאַקע גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ; שפּעטער וועל איך גיין מיט עטלעכע יידן ריין מאַכן ס'מקום קדוש, און היטלערן אויף צו להכעיס וועלן מיר אי'ה דאַווענען ימים-נוראים ווי אין דער אַל-טער היים. נו, און וואָס שטייסטו עפּעס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָ? פע, ניט שיין, אַזא יונגער בחור ווי דו, מ'טאָר זיך ניט אַראָפּלאָזן, דערויף וואַרטן דאָך די שונאים...

איך האָב א פאַרשעמטער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט פעסטע טריט זיך דערנענטערט צו אונדזער געטאָ-שטיבל.

אַרום איז געווען שטיל, נאָר פון אייניקע ערטער האָט זיך געהערט דאָס געוויין פון הונגעריקע קינדער. פון אונדזער שטיבל האָט זיך געהערט רייזעלעס געוויין: „עסן, מאַמע, עסן‘‘. איך בין שוין געווען ביים אַריינ-גאַנג ווען כ'האָב דערהערט א געשריי: „סטאַי‘‘! איך בין שטיין געבליבן.

פאַר מיר איז געשטאַנען א זשאַנדאַר, א מיטלוווקסיקער, א ברייט-פּלייצעדיקער, מיט א פּוּעריש געזיכט. אויפן רעכטן אַקסל האָט ביי אים

געהאָנגען אַ ביקס און אויפֿן לינקן, אַ שווערער ראַנעץ. איך האָב פֿאַר־קלעמט די פויסטן און די ציין און ס'האָט מיר אַ בליץ געטאָן אין מח: „איך וועל אים אַ שפּיי טון אין פּרצוף, ווי מאיר־וואָלף דעם דייטש, און וועל שטאַרבן מיט ווירדע אַזוי ווי מאיר־וואָלף און דער פֿעטער אריה".
דער זשאַנדאַר האָט אַראָפּגענומען די ביקס פֿונעם אַקסל, זיך אָנגעש־פּאַרט אין איר און אַ שמייכל געטאָן. „ער שמייכלט האָב איך געטראַכט, כ'האָב שוין געזען אַזעלכע רוצחים וואָס האָבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן געהרגעט יידן".
— ווווינסט דאָ? האָט ער אַ פֿרעג געטאָן און אַראָפּגעלאָזט דעם שווערן ראַנעץ.
— יאָ, יאָ, דאָ.
— ווער וווינט דאָרט ביי אייך?
— אַ קינד, אַ מיידעלע.
— איך וויל אַריינגיין זי אָנהאָדעווען...
דער זשאַנדאַר איז אַריין אין שטיבל, זיך אַרומגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז עמעצער שפּירט אים נאָך, זיך איבערגעצלמט, אַרויסגענומען פֿונעם ראַנעץ אַ גרויס ברויט מיט אַ שאַכטל קאָנסערוון און אַ זאָג געטון: „נאַט, אַמעני בוני (גוטע מענטשן רומ.) שטילט אייך דעם הונגער, נאָר קודם האָדעוועט אָן דאָס קינד, אָט האָב איך עטלעכע שטיקלעך צוקער פֿאַר איר... הע! איך האָב איבערגעלאָזט דריי קינ־דער אין דער היים, און גאָט ווייסט צי איך וועל זיי נאָך זען. ביטערע צייטן, ביטערע... אין מיין דאָרף האָבן געלעבט פֿיר יידישע משפּחות, לייטישע מענטשן, מיר האָבן זיך גוט איינפֿאַרשטאַנען מיט זיי, האָט זיך אַריינגעמישט דער טייוול, דער היטלער.. מיר זענען אַלע מענטשן, פֿון איין גאָט באַשאַפֿן, פֿאַרוואָסזשע אַזויפֿיל שנאה. איך בין אַ פּשו־טער פּויער, איך ווייס נישט קיין חכמות, נאָר מיט מיין פּשוטן שכל פֿאַר־שטיי איך אַז מענטשן קענען לעבן בשלום, פֿרעג איך אַ שאלה: די גע־לערנטע, די גדולים, די גענעראַלן וואָס שיקן אונדז אין פֿייער אַריין פֿאַר־שטייען דאָס ניט? אָדער סע לוינט זיך זיי אַזוי? נו, אַצינד זייט מיר געזונט און גאָט זאָל אייך העלפֿן. איך וויל ווייטער גיין אין אַנדערע הייזער צעטיילן עטלעכע ברויט. איך וועל נאָך צו אייך אַריינקומען".

ער האָט זיך ווידער איבערגעצלמט און אוועק.

מיר זענען אַלע געבליבן אָן לשון. ווען מיר זענען צו זיך געקומען פונעם דערשרעק און פון דער שטוינונג האָט דער טאַטע געזאָגט:

— דער רבונו של־עולם האָט זיך זיינע שליחים, דאָס מאָל איז דער שליח געווען אָנגעטאָן אין אַ זעלנערישן מונדיר.

דער פעטער יואל: טוט אים אויס דעם מונדיר איז ער אַ געוויינטלע־בער פויער וואָס אַקערט, פאַרזייט און שניידט תבואה...

דער פעטער טעוול: אַ גוי דערלעבגערט דעם גלות...

דער פעטער מרדכי: לאָמיר צעשניידן דאָס ברויט, ס'חלשט מיר ס'־הארץ און ס'איז מיר טונקל אין די אויגן.

רייזעלע האָט אויפגעהערט וויינען זי האָט געגריזשעט דאָס שטיקל צוקער און איך האָב אַ טראַכט געטאָן:

„אפשר איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן? כל זמן ס'געפינט זיך נאָך אַזאַ זשאַנדאַר — און אפשר איז זייער צאָל נישט קליין — קען מען נאָך האָפן אַז מענטשלעכקייט וועט סוף־כל סוף זיגן, אַז די בלוטיקע כמארעס וועלן ענדלעך פאַרטריבן ווערן פון די שלום זונען־שטראַלן, וויפל סע זאָל נישט דויערן און וויפל קרבנות דאָס זאָל נישט פאָדערן. דערצו אָבער דאַרף מען לעבן, לעבן און קעמפן, ווייל יעדער איבערגעלעבטער טאָג איז אַ קלאַפּ פאַרן שונא, און דער פאַרביסענער קאַמף פאַרן לעבן איז גלייכצייטיק אַ קאַמף קעגן מענטשנפרעסערישן פאַשיזם. מע דאַרף לעבן“!

*

דער וועג האָט זיך געשלענגלט צווישן לאַנגעם מיט קוקורוז, ס'איז געווען שטיל. דער פראָנט איז געווען ווייט אויף מזרח, ערגעץ אויפן דניעפּער, האָט מען געזאָגט. דאָס געטאָ איז געבליבן אַרונטער. ביינאַכט איז געווען אַן אָבלאַווע, פּאָליציי און זשאַנדאַרן האָבן זיך אַריינגעריסן אין יעדן הייזל און אַרויסגעטריבן די מענער וואָס זיי האָבן געמיינט אַז זיי טויגן צו דער אַרבעט. אויפן זאַמל־פּונקט, אין עק גאַס, לעבן בית־מדרש האָב איך געזען שייקע־בעל־עגלה, שלמה „קראַסאַוועץ“, יאָקל דעם קליינעם און אַנדערע. דעם פעטער יואל האָט מען אויך גענומען.

ס'האָט געשאַריעט אויף טאָג און דער קאָנוואָי האָט זיך גערירט אין וועג אַריין. מיר האָבן איבערגענעכטיקט ביים ראַנד פון א דאָרף. דעם צווייטן טאָג אינדערפרי זענען מיר אָנגעקומען אין א גרויס דאָרף וואָס האָט געהייסן מאַמעליגע. דאָרטן האָבן מיר געאַרבעט ביים שאָסיי. געשלאָפן זענען מיר אין פאַרלאָזטע באַראַקן אין עק דאָרף און עסן האָט מען אונדז געבראַכט איין מאָל צו מיטאָג. מיר האָבן געגראָבן קאַנאַוועס און געשלעפט טאַטשקעס* מיט שטיינער און זאַמד. מיט אונדז האָבן געאַרבעט אויך עטלעכע פויערים וואָס זענען געווען פונעם פאַך. עטלעכע זעלנער האָבן אונדז באַוואַכט און דער בריגאַדיר וואָס האָט געהייסן רוסו — און מיר האָבן אים א נאָמען געגעבן „רשע" — האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען א שיכורער, מיר א רויט אָנגעשוואָלן פנים. א גאַנצן טאָג פלעג ער אַרומלויפן ווי א פאַרסמטע מויז און פאָכען אין דערלופטן מיט א לאַנגן שטעקן: „הייט, פאַרשאָלטענע! גראָבט, גראָבט! איר האָט געוואָלט געוועלטיקן איבער דער ערד, אצינד וועט איר געוועלטיקן אונטער דר'ערד".

די נעכט זענען געווען אויסגעשטערנטע. מיר זענען געלעגן אין שטרוי, מידע, צעבראָכענע, נאָר דער שלאָף האָט זיך צו אונדז נישט גענומען. די געדאַנקען זענען געפלויגן ווייט צו אייגענע פאַרבליבענע אין געטאָ הינטערן שטעכל-דראָט. מיר האָבן זיך געטוליעט איינער אין צווייטן און אין די קורצע שעהן וואָס מיר פלעגן אַנדרימלט ווערן פלעג איך הערן צווישן דעם קרעכצן און דעם כראָפען פון די מענטשן, ווי דער פעטער יואל קרעכצט פונעם שלאָף: „רייזעלע, רייזעלע".

יעדן פרייטיק צונאַכטס פלעגן מיר אַרויס פון די באַראַקן און פרוון פאַרטרייבן די מרה-שחורה. שלמה „קראַסאָוועץ" פלעג זינגען העברעיִשע לידער און פאַרענדיקן מיט „תחזקנה ידינו", אַנדערע פלעגן זינגען יידישע לידער, סידי טאַלס שלאַגערס פון די דרייסיקער יאָרן. מוצאי שבת האָט מען געזאָגט סליחות. מיר זענען אַרויס פון די באַראַקן, זיך אויסגעדרייט צו מזרח זייט און שואל „למד-וואָווניק" האָט געזאָגט סליחות. שואל „למד-וואָווניק" איז געווען א ייד אין די זעכציקער, די זשאַנ-

---

* האַנטוועגעלעך

דאָרן האָבן פון אים אָפּגעחוזקט, געשלעפּט ביי דער באָרד ווען זיי האָבן אים גענומען פון געטאָ: „הייט! צו דער ארבעט אלטיטשקער, וועסט דאָרט זיין זייער „ראבין״... שואל איז געווען דער איינציקער וואָס האָט מיטגענומען דעם טלית און ביידע פּאָר תפילין—ווייל ער פלעג דאַווענען אין צוויי פּאָר תפילין — און דערפאַר האָט מען אים טאַקע א נאָמען גע־געבן „למד-וואָווניק״.

די נאכט איז געווען א פינצטערע, פון די שווערע וואָלקנס האָט גע־טריפט א דריבנע רעגנדל און מיר זענען אריין צוריק אין דער ענגער באראקע.

דעם צווייטן טאָג זונטיק, זענען מיר ארוים צו דער ארבעט. מיר האָבן געארבעט אָן אָפּרו, ווייל דער שאָסיי האָט געדאַרפט גיך פארטיק ווערן איבער סטראטעגישע סיבות. ס׳איז געווען א לויטערער הארבסטיקער פרימאָרגן וואָס האָט אזוי קאָנטראסטירט מיט אונדזער שטימונג... ס׳איז געווען אזוי שטיל און רואיק ארום, אז מ׳האָט געהערט דאָס פּישטשען פון די שוועלבעלעך וואָס זענען שטיפעריש געפלויגן נידעריק, אָנריר־נדיק כמעט דעם שטראָז; און ווען נישט די שווערע עשאלאָנען מיט טאנקן און הארמאטן וואָס זענען געלאָפן אויף מזרח, וואָלט זיך נישט געגלויבט אז ארום ברענט א בלוטיקע מלחמה. איך האָב געגראָבן דעם שאנץ און זיך פארטראכט איבער די איבערלעבענישן פון דעם שרעקלעכן זומער. נאָר אויף אמאָל האָט א געוויש פון פורלעך מיר איבערגעשלאָגן די געדאנקען. יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט אז איין מאָל אין יאָר מאכט זיך דאָ אין דעם דאָרף מאמעליגע א יאריד, א גרויסער יאריד פון בהמות, און ס׳קומען צופאָרן פויערים פון די ארומיקע און פון ווייטערע דערפער. איך האָב זיך אָנגעשפּארט אין דער לאָפּעטע און געקוקט אויף די אויס־געפּוצטע פויערים, טייל מיט די ווייבער און די קינדער, און נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק פון זיי. זיי האָבן אראָפּגעקוקט צו אונדז פון זייערע „שאראבאנעס״, און וואָס זיי האָבן געטראכט איבער די יידן האָב איך נישט געוווסט. איך בין געשטאנען ווי א פארכישופטער און געקוקט צום קאראוואן מיט די פויערעשע פורן. אויף אמאָל האָט מיר א טיאָכקע גע־טאָן אין הארץ. אויף א נייעם אויסגעפּוצטן וואָגן איז געזעסן זינע, איך האָב זי באלד דערקענט. זי איז געווען רייצנדיק שיין, מיט איר

שלאנקן קערפער ווי אן אויסגעצויגענע סטרונע, מיט די לאנגע געפלאָכ־טענע צעפּ און איר חוצפּהדיק פאררים נעזל. צו איר ברוסט האָט זיך גע־טוליעט א קינד, לעבן איר איז געזעסן איר מאן. איך בין א רגע געבליבן א פארגליווערטער, דערנאָך האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט דער דלאָניע פארשטעלט זיך די אויגן... זי האָט מיך נישט געזען. דער וואָגן איז פארשוווּנדן אין א וואָלקנדל שטויב און איך בין אלץ געשטאנען אָנגעשפּארט אין דער לאָפּעטע. ס'האָט מיך באשלאָגן דער שווייס, כאָטש דער אינדערפרי איז געווען א קילער און איך האָב זיך דערמאָנט אין פעטער יואלס ווערטער דעמלט ביים פעטער מרדכי אין קעלער:

„אלע פּויערים זענען געבליבן אויף זייער ערד, נאָר איך דער איינציקער יידישער פּויער אין דאָרף האָב געמוזט אנטלויפן. ביים פריערדיקן בורזשואזן רעזשים זענען די פּויערים געזעסן אויף זייער ערד, געקומען די באָלשעוויקעס זענען זיי געבליבן אויף זייער ערד, איצט קומען די פאשיסטן און זיי וועלן ווייטער בלייבן אויף זייער ערד".

מיינע מחשבות האָט איבערגעריסן דאָס בייזע געשריי פונעם שיכורן בריגאדיר, פונעם „רשע", און דער פייערדיקער ברי אין דער פלייצע פו־נעם שמיים פון זיין שטעקן:

„וואָס טראכטסו פארשטונקענער ייד, אויף וואָס די וועלט שטייט? הא? אנו, צו דער ארבעט!"

*

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ ערב יום־כּפּור. די וועכטער האָבן אונדז אויפגענומען מיט זידל־ווערטער און מיט קלעפּ. ביים צווייטן טויער, ביים ארויסגאנג האָבן מיר געזען עטלעכע לוויות. שפּעטער זענען מיר געוווירע געוואָרן אז אין געטאָ האָט אויסגעבראָכן אן עפּידעמיע פון דעזינטעריע. די מתים פלעג מען ארויסטראָגן יעדן אינדערפרי פון יענער זייט שטעכל־דראָט צום אלטן בית־עולם אונטערן בערגל.

ס'איז געווען א כמארנע טאָג און שטיקער וואָלקנס האָבן געהאָנגען איבערן געטאָ, באלד ,באלד וועלן זיי אויסגיסן זייערע שווערע הער־צער איבער די וויסטע געסלעך. דער טאטע איז געזעסן א בלאסער אין

א ווינקל, ער האָט זיך פאַרלאָזט א באַרד. די מאַמע א בלייכע מיט איינ-נעפאלענע באַקן מיט פייכטע אויגן האָט געשטאַמלט: „דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט, אבי אינאיינעם". דער פעטער טעוול האָט אויסגעטאָן די ברילן, און געגלעט זיין שיטער בערדל: „טאַקע א נס, א גרויסער נס, אייך אָפּגעלאָזט אַף יום-כיפור". די מומע פערעלע איז די ערשטע צו-געלאָפן, מיך געקושט און באַנעצט מיין פּנים מיט אירע טרערן. די קליינע רייזעלע האָט צו מיר אויסגעשטרעקט די הענטלעך, זי האָט געלעקט פון א שטיקל צוקער און איך האָב פאַרשטאַנען אז דער גוטער זשאַנדאַר איז ווידער געווען. דער פעטער מרדכי האָט מיר לאַנג געדריקט די האַנט און זיך אפילו געוויצלט: „שלום-עליכם, דאַנקען גאָט וואָס מע זעט זיך. נו, ערב יום-כיפור, וואָס זאָגסטו? קאָן שווערן תענית וועלן מיר נישט האָבן, הא?" ...

ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט און צענדליקער שאָטנס האָבן זיך געשלייכט איבערן פינצטערן געסל אַראָפּ צום בית-מדרש.

אין בית-מדרש איז געווען טונקל, איין ליכטעלע האָט געברענט ביים עמוד. מנשה מלמד האָט אַרויסגענומען פונעם ארון-קודש דאָס איינ-ציקע ספר, און פרויקע קירזשנער האָט אָנגעהויבן זאָגן כל-נדרי. די קלאַנגען פון דער תפילה האָבן זיך געטראָגן אין דער שטילקייט פון דער שיל, האָבן זיך געריסן — האָט זיך מיר געדאַכט צום שטעכל-דראָט — און געטריבענע פונעם ווינט, געפלויגן זיך באַהעפטן מיט אַנדערע תפילות און געשרייען פון געפייניקטע, וואָס האָבן אומזיסט געפּרוווט אין יענער האַרבסטיקער נאַכט פון יאָר 1941, לעבערן די שווערע וואָלקנס פון האַס און גלייכגילטיקייט וואָס האָבן געהאַנגען איבער זייערע קעפּ.

*

דער קאָנוואָי האָט זיך געשלעפּט א פוילער איבער די בלאָטיקע פעל-דער. ס'האָט געשיט א קאַלטער רעגנדל און די פיס האָבן געקנאָטן די שוואַרצע, קלעפּיקע בלאָטע. יידן האָבן געשפּאַנט איינגעהויקערטע, מיט די קלומעקלעך אויף די פּלייצעס. שמחת-תורה ... יידן האָבן געשפּאַנט דערשלאָגענע מיט פּחד אין די הערצער, מיט יאוש אין די נשמות. שמחת-

תורה... נעכטן — שמיני-עצרת — האָט מען ארויסגעטריבן פונעם געטאָ. דער רעגן האָט דורכגענעצט די מלבושים און די אויסגעדארטע פנימער פארנעצטע פון די רעגן-טראָפּנס אויסגעמישטע מיט זייערע אייגענע טרערן. איבערן קאָנוואָי האָט זיך געטראָגן ווי אן עכאָ: אָ, אָ, אָ, אויייי...

דער קאָנוואָי שטעלט זיך אָפּ ביים ראנד פון א דאָרף. מענטשן זעצן זיך אראָפּ אין דער בלאָטע. א סך האָבן שוין נישט קיין קרישקע ברויט, קינדער יעכצן: „עסן! עסן! א שטיקעלע ברויט!“ נאגייקעס שמייסן געהויקערטע פּלייצעס: „אויפשטיין!“ „הייט! פאָראויס“! געגאנגען! הע, היי, פארשאָלטענע! ביים עק פון א דאָרף לויפן ארויס פויערטעס, צלמן זיך איבער און ווארפן שטיקער ברויט, געקאָכטע קארטאָפל, און קוקורוזן. הונדערטער הענט שטרעקן זיך אין דער לופט... היי, היי, היי.

— ווהין פירט איר אונדז הער-זשאנדאר, האָט רחמנות, ווהין פירט איר אונדז ?

— קיין אטאקי, קיין אטאקי. פירן מיר אייך.

נאָך א זיבעציק קילאָמעטער און מיר וועלן פטור ווערן פון אייך.

— אטאקי?

— יאָ, אטאקי.

— וואָסזשע מיינט דאָס, אָטיק-מאָהילעוו?

— יאָ, אָטיק-מאָהילעוו.

ס'פאלט צו די נאכט. פון דערווייטנס פינקלען ליכטעלעך פון פויערישע כאטעס. איך טראָג רייזעלען אויף די הענט, זי טוליעט זיך צו מיר, לייגט צו איר נאס פנימל צו מיין פנים, זי האָט שוין לאנג אויפגעהערט וויינען, זי פארשטייט שוין אז ס'העלפט נישט. איך רעד צו איר און איך ווייס אז זי פארשטייט מיך: „רייזעלע, טייערינקע, נאָך אביסעלע, אביסעלע, זעסט דאָרט די ליכטעלעך, באלד וועלן מיר אָנקומען, מירן זיך לעגן אין טרוקענעם שטרוי און אפשר וועלן מיר קריגן פאר דיר א ווארעמען קארטאָפל“.

האָ, האָ, האָ, האָ,. דער קאָנוואָי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ראנד פון א דאָרף.

דעם צווייטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין אטאקי. נאָך א פארלוירן שטעטל. קיין יידן זענען דאָרט נישט געווען, האָבן מיר איבערגענעכטיקט

אין די פאַרלאַטזע יידישע שטיבער. מיינע עלטערן, דער פעטער מרדכי און די מומע דבורה, דער פעטער יואל די מומע פערעלע מיט רייזעלען האָבן זיך באַלד געלייגט אויפן דיל מיט די קלומעקעס צוקאָפּנס, אלע זענען געווען טויט-מיד און פאַרפרוירן, נאָר איך בין געבליבן וואַך און באַטראַכט דאָס שטיבל. א געוויינטלעך שטיבל פון אן אָרעמער יידי-שער משפחה.

פונעם גאַנצן פאַרמעגן איז פאַרבליבן א צעבראָכן בענקל. אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט שמאַטעס און שטיקלעך גלאָז פון די אויסגעזעצטע שויבן, אויסגעמישטע מיט פעדערן. איך האָב זיך ארומגעקוקט און מיט א פאַרקלעמט הארץ געקלערט אז אזוי זעט מסתם אויס אונדזער שטיבל, דאָרט אין אונדזער פאַרלוירן שטעטל. איך בין אריינגעגאַן אין קיך: א גרויסער אויוון מיט א פריפעטשיק, אן אלטער פאַרזשאַווערטער טשייניק איז געשטאַנען אויף דער פּליטע. איך האָב געוואָלט ארויסגיין פון דער קיך, נאָר איך האָב זיך אָפּגעשטעלט; אונטערן טשייניק איז געלעגן א האַלב פערטל פאַפּיר באַשריבן מיט א געדרייט יידיש כתב. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטערל און ביי דער שוואַכער בין-השמשותדיקער שיין, געלייענט:

„העיר אָטיק, כ׳ז בתשרי תש״א.

איך בן-ציון בן יהודה-אריה הלוי, א תושב פון דער שטאָט אָטיק, שרייב די עטלעכע שורות מיט מיינע לעצטע כוחות. איך זע דעם טויט פאַר די אויגן. תשעה באב זענען די משחיתים אריין אין שטעטל, זיי האָבן פאַרנעמען א סך יידן, זייער צאָל ווייס איך ניט, אראָפּגעפירט צום דניעסטער און זיי אויסגעשאָסן. בתוכם איז אויך געווען מיין זון בעריש. די שיל האָבן זיי פאַרברענט. כ׳ד תשרי האָט מען די איבערגעבליבענע יידן אריבערגעשיפט איבערן דניעסטער, בתוכם אויך מיין שנור מיט אירע צוויי קינדער, מיינע אייניקלעך. איך בין אן עלטערער מענטש, א שיברי-כלי, האָב איך נישט געוואָלט פאַרלאָזן מיין היים און שטאַרבן ערגעץ אויפן וועג. אויב שטאַרבן, איז דאָ אין מיין היים. האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם בא א שכן א גוי, אָבער א ליטישער גוי. ער ברענגט מיר אריין עסן ביינאַכט. דער שכן, דער גוי וועט מיך ברענגען צו קבר ישראל. ער האָט מיר צוגעזאָגט... איך פיל אז ס׳איז מיין סוף. און

אפשר בין איך דער לעצטער יידישער עדות פון חורבן אָטיק, לאָז איך איבער די עטלעכע שורות. איך האָב נישט פארלוירן די אמונה איך גלויב אז דער רבונו של-עולם וואָס איז אן אל קנא ונוקם, וועט נקמה נעמען פאר די אומשולדיקע קרבנות".

איך האָב דאָס האלבע ביינעלע פאפיר ארייַנגעלייגט אין קעשענע און א צעבראָכענער זיך געלייגט אויפן דיל, נאָר איינשלאָפן האָב איך נישט געקאָנט.

15 סעפטעמבער

ביינאכט האָט גערעגנט. דער הימל — א בלייענער. נישט קיין גינסטי־קער טאָג צו גיין צום גרינעם אינדזל, איך גיי אָבער יאָ. איך גיי אראָפ, שפאן אין פייכטן גראָז צווישן די נאסע געזשאווערטע, אראפגעפאלענע בלעטלעך. די באנק איז נאס, שטיי איך און באטראכט דעם טייך אָלט וואָס איז פארהילט אין נעפל. זיינע מוטנע כוואליעס לויפן אָנגעבלאָ־זענע, ברוגזע. אפשר זענען זיי ברוגז אויפן בלייענעם הימל וואָס שפי־גלט זיך ניט אין זיי אָפ. די באנק איז נאס, קאָן איך זיך נישט זעצן שרייבן, שטיי איך ווי א פארכישופטער און קאָן זיך נישט אָפרייסן פון דעם פלאץ, ווייל איך זע פאר זיך דעם דניעסטער מיט זיינע מוטנע כוואליעס און בלייענעם הימל פון יענעם אינדערפרי ווען מע האָט אונדז אריבערגעשיפט פון אטאקי קיין מאָהילעוו, אין דער טעריטאָריע צווישן דניסעטער און בוג, וואָס האָט דעמלט געהייסן טראנסניסטריע.

*

קאיאָר האָט מען אונדז ארויסגעטריבן פון די פוסטע שטיבלעך און אראָפגעטריבן צום דניעסטער. אין דרויסן איז געווען קאלט און טריב, די פנימער פארבלויטע, דערשראָקענע. לאסט מאשינען מיט זעלנער האָבן זיך געטרעסעט איבערן שלעכט ברוקירטן שאָסיי און פון זייערע רעדער האָט געשפריצט מיט לויזער בלאָטע.

דער קאַנוואָי האָט זיך געשלעפּט לענגאויס דעם ברעג. האָ, האָ, נאָ! מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעלאָזט די קלומיקעס. ביים סאמע ברעג זענען געשטאַנען א צוויי צענדליק דייטשן, זיי האָבן הילכיק געלאַכט: „יודן! יודן!" צום ברעג איז געווען צוגעשטעפּעט א גרויסער פּאַראָם. מע האָט אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן אין דער ריי און עפּענען די קלומיקעס. זעלנער האָבן אין זיי גענישטערט, ארויס־גענומען וואָס זיי האָט זיך געגלוסט, אפילו בילדער, וואָס אייניקע האָבן מיטגענומען, האָבן זיי צוגענומען. דערנאָך אונדז באַטאַפּט די קעשענעס, צוגענומען דאָקומענטן, (צו וואָס טויגן זיי אייך? האָבן זיי געזאָגט), זיי אריינגעוואָרפן אין זעק און אונדז געטריבן אויפן פּאַראָם. די דייטשן האָבן נישט אויפגעהערט לאכן, זיי האָבן אונדז פילמירט און געפּאַכעט אין דער לופט מיטן אפּאראט: „יודן, יודן, וויר ווערדען אויך אין בערלין צייגען, אין דער וואָכענשאו." ..

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין עק שטאָט, אוועקגעלייגט די קלומע־קעס אין זיך אויסגעזעצט ביי א שטיינערדיקן פּאַרקן. מיר זענען געזעסן און געשוויגן. געשוויגן יעדער מיט זיינע מחשבות, געשוויגן און אריבער־געקוקט פון יענער זייט, ווי ביים האָריזאָנט האָט זיך פּראָפילירט דער פּיי־סאַזש פון דער היימישער לאַנדשאַפט. ווייזט אויס אז איעדער פון אונדז האָט געטראַכט צו דעם זעלבן: צו דער אלטער היים, צו דעם פאַרלוי־רענעם שטעטל וואָס איז געבליבן וויט, ווייט אויף צפון זייט ביים רעכטן ברעג פון דעם זעלבן טייך...

ס'איז געווען שטיל אין דעם כמאַרנעם פאַרנעפּלדיקטן טאָג, מ'האָט נאָר געהערט דאָס קרעכצן פון די זקנים און דאָס כליפּען פון די קינדער.

קיין מאָהילעוו האָט מען אונדז נישט אריינגעלאָזט, געווען פול מיט יידן פון טשערנאָוויץ, פון אנדערע בוקאָווינער שטעטלעך און פון צפון מאָלדאָווע און אין דעם זעלבן טאָג האָט אונדזער קאָנוואָי — וואָס איז אין צווישן אסך קלענער געוואָרן—נעריט.

מיר זענען פאַרביי־געגאַנגען א ריי דערפלעך. אוקראַינישע פּויערים און פּויערטעס האָבן אונדז לאַנג נאָכגעקוקט, אָפּגעשאָקלט מיט די קעפּ, טייל פון די פּויערטעס האָבן מיטן עק פון דער פאַטשיילע אָפּגע־ווישט א טרער, אייניקע האָבן ארויסגעטראָגן און אונדז געטיילט שטיקער

קאָרן-ברויט, געבראָטענע קארטאָפל און טעפּלעך מיט זויער-מילך. זיי פּלעגן צעטיילן דאָס ביסל שפּייז וואָס מיר פּלעגן עס אוועקגעבן די קינדער — און זיך דערוויטערן. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זייער אוקראַינישער פּאָליציי. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרפרי איבערנעכטיקן אין אַ שטאַל פון אַ קאָלכאָז, ווייל ס'האָט אָנגעהויבן רעגנען און די זשאַנדאַרן האָבן נישט געוואָלט אויסמוטשען די פערד ...

מיר האָבן אויסגעטאָן די קלומעקעס און זיך געלאָזט אַריינגיין אין שטאַל אויסגלייכן אַביסל אונדזערע צעקרישעטע אברים, און אַ גרופּע 10—12 יעריקע קינדער האָבן אָנגעהויבן שרייען: „יודאַ! יודאַ! יודאַ קאַפּוט!" עטלעכע פון זיי האָבן געוואָרפן אין אונדז שטיינער. מיר זענען אַריין אין דער שטאַל און איך בין צו צו שלמה „קראַסאַוועץ" דעם געוועזענעם מנהל פון „השומר הצעיר". ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעמאָסטעט אין אַ קופּקעלע שטרוי:

— שלמה, קינדער האָבן געוואָרפן שטיינער און געשריגן „יודאַ"... ווי איז דאָס מעגלעך, שלמה? קינדער, אַ פּאָר חדשים נאָך דער אָקופּאַציע? ווען האָט מען זיי אויסגעלערנט צו פאַרגיפטן, שלמה?

שלמה האָט זיך אונטערגעהויבן זיך אָנגעשפּאַרט אין אַן עלנבויגן און אויף מיר געקוקט מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן איצט אויסגעזען נאָך גרעסער און שוואַרצער אין קאָנטראַסט מיט זיין אויסגעמאָגערט, בלאַס פּנים:

— ביסט טאַקע גערעכט, איך האָב דערצו נישט געטראַכט. איך בין אַזוי מיד, הונגעריק און דערשלאָגן, אַז איך קען נישט טראַכטן, גלויב מיר, אַז איך קען נישט. נאָר איין זאַך וויל איך דיר זאָגן, אַז פאַרגיפטן נשמות איז נישט שווער, איבערהויפּט יונגע נשמות ... און די שנאה צו יידן וואָס איז געפּלאַנצט געוואָרן צענדליקער יאָר הונדערט קאָן מען נישט אויסקאָרטשעווען אין עטלעכע יאָר-צענדליק, און אפשר וועט מען זי גאָר קיינמאָל נישט אויסוואָרצלען... זעסט, איבער דעם פּונקט, איז מיין מיינונג זיך שטענדיק צעגאַנגען מיט מאָטל דער באָבעס מיינונג. נו, די צייט וועט באַווייזן ווער ס'איז געווען גערעכט. ווער ס'וועט לעבן בלייבן, וועט זען.

*

העז, הע, הע, העי!. געגאנגען! מיר האָבן פאַרלאָזט די שטאַל, איבער־געלאָזט דאָרטן עטלעכע מתים, שוין א געוויינטלעכע זאך. די זעלנער וועקן אונדז אויף פאַרטאָג, מיר קריכן ארויס שווער פון די שטרויענע נאָרעס. פון דעם אנדערן עק שטאַל הערט מען א געוויין און נאָך א גע־וויין. לאָזט מען איבער די מתים אין דער שטאַל פונעם פאַרוואָרפענעם דערפל אינעם אוקראַינישן סטעפּ, און דער קאָנוואָי שלעפּט זיך ווייטער אין אן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

מיר שפּאַנען, קנעטן די שוואַרצע בלאָטע איבער די דאָרפישע וועגן אונטערן געדיכטן רעגנדל אין אויסגעמישטעם מיט שניי.. הע, הע, העי!

איך טראָג די קליינע רייזעלע, זי איבערגענומען ביים פעטער יואל, וואָס שלעפּט קוים די פיס אין דער קלעפּיקער בלאָטע. הינטער מיר דער טאַטע. זיין באָרד עפּעס אויף אמאָל גרוי געוואָרן, די נאָז ביי אים פאַרש־פּיצט, ער שפּאַנט און קוקט אראָפּ צום בלאָטיקן וועג. די מאַמע שפּאַנט לעבן אים, זי שטעלט זיך אָפּ יעדעס מאָל אביסל אָפּדעכען. די מומע פערעלע האָט אוועקגעוואָרפן דעם קלומעק, זי האָט אים מער נישט גע־קאָנט טראָגן, אוועקגעוואָרפן אין א קאַנאַווע ביים ראַנד פונעם וועג. דער פעטער מרדכי גייט שווער און סאָפּעט, די מומע דבורה האלט אים אונטער, און דער פעטער טעוול שלעפּט די מומע מינגע וואָס גליטשעט זיך יעדעס מאָל אוים אין א קאַלוזשע. דער אַלטער פלטיאל איז געבליבן ארונטער, ער קוקט ארויף צום הימל און שאָקלט אָפּ מיטן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געטראַכט: „איז דער הימל טאַקע פוסטע?" הע, הע, הע, העי! ...

איך טראָג די קליינע רייזעלע, רעד צו איר, איך וויים אז זי פאַרשטייט מיך: „רייזעלע, ליבינקע, נאָך אביסעלע, באלד וועלן מיר אָנקומען אויף אן אָרט, גוטע מענטשן וועלן דיר געבן דאָרטן צוקער, רייזעלע, טייע־רינקע" ...

אין סאַמע עק פונעם קאָנוואָי שפּאַנט שואל למד־וואָוונים. ער האָט אוועקגעוואָרפן דעם קלומעק, אָנגעטון דעם טלית איבערן קאָפּ מיטן

של־ראש אויפן שטערן. ער איז געבליבן אליין שואל, דאָס ווייב איז געשטאָרבן אויף דיזענטעריע אין געטאָ־שטעטל, זיינע צוויי זין זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין די פריע דרייסיקער יאָרן אלס טוריסטן און אויסגעבליבן, טראָץ דעם פארבאָט פון דער מאנדאטן־מאכט. די טאָכטער מיטן איידעם זענען אוועק אין די ערשטע מלחמה טעג, און גאָט ווייסט..

ער איז שטיין געבליבן אין א קאלוזשע מיטן טלית איבערן קאָפּ, מיטן של־ראש אויפן שטערן און געמורמלט עפּעס א תפילה, דערנאָך האָט ער זיך צעלאכט. אין דער לינקער האנט האָט ער געהאלטן דאָס תפילין־זעקל מיטן של־יד אינאיינעם מיט די צווייטע פּאָר תפילין און מיט דער רעכטער זיך געשלאָגן על־חטא. ער האָט עפּעס געמורמלט און אויף אמאָל זיך צעלייגט אין דער קאלוזשע מיטן פּנים ארויף. דער קאָנוואָי שטעלט זיך אָפּ; א זעלנער שפּרינגט אראָפּ פונעם פערד און זידלט: „הייב דיך אויף, א רוח אין דיין גאָטס מאמען אריין, הערסט נישט, הייב דיך אויף"! שואל איז געלעגן און זיך נישט גערירט, זיינע אויגן האָבן חסרדעה'דיק געגלאנצט און דאָס מויל פארדרייט אין א קרומען שמייכל האָט ווייטער געמורמלט די תפילה.

„הייסט עס ווילסטו נישט?"—האָט געיעכצט צו אים דער זשאנדאר..

דעם שאָס האָט פארשלונגען דער טריבער סטעפּ, און אין דער מוט־נער קאלוזשע אן אויסגעמישטע מיט בלוט איז געשווומען דאָס תפילין־זעקל לעבן שואלס פארשטארצטן גוף, אן איינגעוויקלטער אין טלית, מיטן של־ראש אויפן שטערן..

*

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אזארינעץ. א קליין שטעטעלע מיט קרומע שטיבלעך און אן אלטן מארק, א מין קאסרילעווקע פון שלום — עליכמס דערציילונגען. די געסלעך זענען געווען פוסט, נאָר אויפן מארק זענען פויערטעס געשטאנען מיט זויערמילך און פירעשקעס מיט קרויט; עטלעכע פויערים האָבן זיך ארומגעדרייט און גערייכערט מאכאָרקע. דער רעגן האָט אויפגעהערט און די לופט איז געוואָרן א לויטערע, א פראָסטיקע.

מיר האָבן אראָפּגעלאָזט די קלומעקעס און פּויערטעס האָבן זיך א לאָז געטאָן צוערשט צו די קינדער, מיט ברויט, פּירעשקעס און זויערמילך.

„אָרעמע מענטשן נעבעך, אומגליקליכע קינדער נעבעך, אוי, האָס־פּאָדי באָזשע, האָבן זיי זיך געצלמט, היינט איר, מאָרגן מיר, אסך בי־טערניש אויסגעפאלן אויף אונזער דאָליע*, האָספּאָדי באָזשע**".

מיר זענען צוגעפאלן ווי די הייסעריקן צו די שטיקלעך ברויט און יעדער האָט באהאלטן עטלעכע קרישקעס אין וועג אריין פאר די קינדער זוגן.

אן עלטערער פּויער מיט א גרויען קאָפּ, מיט א פּאָר גראָבע געדרייטע וואָנצעס און א בייזן בליק האָט אָנגעהויבן זידלען די פּויערטעס:

„נו, גענוג ווייבער, א רוח אין אייערע לייבער אריין, האָדי, גענוג קאָרמענען די זשידעס; א קליין רחמנות אויף זיי די באָלשעוויקעס, די קאָמיסארן, די שפּעקולאנטן, די הינטישע זין. א כאָלעריע אויף זיי, מיט סם וואָלט איך זיי געהאָדעוועט, גענוג! גערעכט געווען דאָס פּאָטערל פּעטליורא, ער האָט אָבער נישט אוספּייעט, וועט שוין היטלער דערענדיקן וואָס ער האָט אָנגעהויבן"...

הע, העי,.. דער קאָנוואָי האָט גערירט. שלמה „קראסאוועץ" האָט מיך דעריאָגט. איך האָב באטראכט זיין בלאָס פּנים און זיינע גרויסע שווארצע אומעטיקע אויגן און מיט שטוינונג באמערקט אז אין זיינע שלייפן זילבערן זיך עטלעכע ווייסע האָר. ער האָט געריבן זיינע רויטע פארפרוירענע הענט: „ווינטער, ווינטער, — האָט ער געשטאמלט — ס'פארכאפּט אונדז דער ווינטער אונטערוועגס". ער האָט א ווייל געשוויגן, דערנאָך אָנגעהויבן טענהן מיט א הייזעריק קול: — „מיר זענען אויפן דאנד פון אומקום, אָבער מע מוז א טראכט טון אין דער צוקונפט. א טייל פון אונדז וועט דאָך איבערלעבן, דארף מען לערנען, ציען מסקנות פון די געשעענישן, אנדערש וועט אונדז די געשיכטע פאראורטיילן, פארשטייסט? ווייל ווער קען גאראנטירן, אז דאָס וועט זיך נישט איבער־חזרן? האָסט געזען אויפן מארק אין אזארינעץ, פּויערטעס האָבן אויף

---

* שיקזאל

** רבונו של־עולם (אוקראַיִניש)

אונדז רחמנות געהאט, אָבער דער פּעטליוראָווער? ביז ווען־זשע וועלן מיר זיין אין רשות פון „גוטע" אָדער „שלעכטע" אוקראַינער? און בכלל פון גוטע אָדער שלעכטע קריסטן? ביז ווען וועלן מיר אָפּהענגען פון זייער חסד? מיר מוזן א טראַכט טון אין דער צוקונפט, כאָטש מיר גע־פינען זיך אין דער גרויזאמער לאגע, און טאקע ווייל מיר געפינען זיך אין אזא לאגע. מיר מוזן א טראַכט טון אין דער צוקונפט, און זיין דער לעצטער דור וואָס ווערט געפירט כצאן לטבח..."

*

פונעם הימל האָבן זיך געשיט פליטערלעך שניי, זיי האָבן זיך געש־פילט אין דער לופטן אין זיך אָפּגעלייגט אין א דינעם שיכט איבער די קעפּ, איבער די מלבושים און די קלומעקעס, און דער קאָנוואָי האָט אויסגעזען ווי א גרויסע לוויה פון לעבעדיקע מתים אנגעטאָענע אין תכריכים.

ס'איז צונעפאלן די נאכט און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט איבערנעכ־טיקן אין א קאָלכאָז. ביינאכט איז געשטאָרבן דער אלטער פלטיאל... ער האָט זיך געהאַלטן פעסט ביז אין דער לעצטער מינוט, נישט פאר־לוירן דעם חוש פון הומאָר אפילו אין די לעצטע רגעס. ער איז געלעגן אינעם קופּקעלע שטרוי און געקרעכצט: „יידן מע רופט מיך, מע רופט מיך אהין... נו, און אז מע רופט, מוז מען גיין. געגוג זיך אָנגעליטן, נאָר א שאָד, איך וועל נישט געבראַכט ווערן צו קבר ישראל... נאָר וואָס נעם איך זיך עפּעס איבער, אונדזער רב האָט דען געהאט א בעסערן גורל?"

איך האָב זיך צוגערוקט צו זיין קופּקעלע שטרוי. ער האָט שווער געדעכעט, זיינע אויגן זענען געווען פייכטע און פארנעפּלטע.

— ר' פלטיאל, איר וועט זיך אויסשלאָפן, אויסרוען איבערנאכט און מאָרגן ווייטער מיט אונדז גיין. איר מוזט לעבן, דערלעבן דעם שונאס מפּלה, שטאַרקט זיך, ר' פלטיאל.

— ניין, מיין קינד, ניין — האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט — איך בין א זקן. איר יונגע קינדער, איר וועט דערלעבן .. איך גיי צו מיינע חברים, צו דיין זיידע יחיאל, צום פעטער אריה, צו מיין... נאָר א שאָד... קבר ישראל ...

הע, הע, הע, העי ... הונדערטער פיס טאָפּטשען דעם גליטשיקן שניי, שלעפּן זיך מידע אונטער דער משא פון די אָנגעוויקטע מלבושים און קלומעקעס. ביים ראנד פונעם וועג פאלט יעדעס מאָל א שאָטן, א צווייטער בויגט זיך איבער אים אָן, ברעכט זיך די פינגער, טוט א כליפּע און לויפט נאָכיאָגן דעם קאָנוואָי. דער שאָטן בלייבט ליגן, פליטערלעך שניי גלעטן דאָס וואקסענע פּנים, פארשיטן די אָפענע אויגן וואָס גלאָצן צום בלייענעם הימל, און סטייעס הונגעריקע וואָראָנעס דרייען זיך מיט אויסגעשפּרייטע פליגל איבערן פארשנייעטן סטעפּ.

קיין לוטשינעץ זענען מיר אָנגעקומען ארום צוויי א זייגער בייטאָג. א קליין שטעטעלע א קאַפּיע פון אזארינעץ. די זעלבע קרומע שטיבלעך, די זעלבע שמאָלע געסלעך, דער זעלבער אלטער מארק. אויך דאָ האָבן אונדז עטלעכע פויערטעס געפּרוווט שטילן מיט עפּעס דעם הונגער, נאָר די אוקראאינישע פּאָליציי מיט ווייסע באנדעראָלן אויף די ארבל, האָבן זיי פארטריבן. די פויערטעס האָבן אונדז דערציילט אז אין לוטשינעץ זענען נאָך פארבליבן אביסל יידן, נאָר זיי האָבן זיך ניט ארויסגעוויזן, מורא געהאט ווייזט אוים ארויסצושטעקן דעם קאָפּ. ווען מיר האָבן זיך שוין געגרייט אין וועג אריין, האָב איך געזען א פארשוין, אן אינוואליד, שארט זיך צו צו אונדזער קאָנוואָי. דער ארבל פון זיין גרויען שינעל האָט אים נאָכגעהאָנגען, ס'האָט אים געפעלט די רעכטע האנט און ער האָט נאָכגעשלעפּט א פוס, דאָס אראָפּגעשלעפּטע היטל איבערן שטערן האָט אים פארשטעלט די אויגן; ער האָט געשווינד אראָפּגענומען פונעם לינקן אקסל א זעקל און ארויסגעשלעפּט עטלעכע ברויט.:

„נעמט, צעטיילט די קינדער, און זייט ניט ביי זיך געפאלן. מאָסקווע איז אונדזערע, ער וועט קראפירן הינטער מאָסקווע דער דייטש. ער האָט שוין געכאפּט דעם ערשטן באגראָב, פארלירט נישט דעם מוט. איר ווייסט וואָס פאר טאָג ס'איז היינט? ס'איז דער 7טער נאָוועמבער, מיר וועלן זיגן!“

א פּאַטרול אוקראַינישע פּאָליציי-לייט האָט זיך באַוויזן. דער אינ-זואַליד האָט זיך פֿאָרזיכטיק אַרויסגערוקט און איז אַנטרונען געוואָרן הינטער אַ צעבראָכענעם פּלויט.

איבערגענעכטיקט האָבן מיר אין אַ קאָלכאָז פֿון אַ גרויס דאָרף, קאָפּאַסטערנע האָט עס געהייסן. ס'איז געווען אַ קריסטליך-אָרטאָדאָק-סישע חגא „פּאָקראָווע", דאָס גאַנצע דאָרף האָט געשיכורט. די וועכטער פֿונעם קאָלכאָז זענען געווען שיכור לוט, אויך די זשאַנדאַרן; זיי זענען געגאַנגען זיך אָנפּרעסן און אָנזשליאָקען מיטן שטאַרקן סאַמאָהאָן. איך האָב זיך איינגענאָרעט אין שטרוי און געפּרוווט שלאָפֿן, אָבער ווי אַזוי שלאָפֿן אַז קינדער וויינען, סע נאָגט זיי דער הונגער. בין איך גע-לעגן אַ ווייל און געזען אַז די מאַמע שלאָפֿט, דער טאַטע, ווייזט אויס, אויך, דער פֿעטער יואל ליגט ווי אַ הורג מיטן פּנים אַראָפּ, און רייזעלעס כליפּען שטעכט מיך ווי מיט נאָדלען. איך האָב זיך אויפֿגעהויבן, זיך אַרויסגעשמוגלט פֿון דער שטאַל און אַרויס אין דרויסן.

פֿון דערווייטנס האָבן געפֿינקלט ליכטעלעך פֿון פּויערעשע כאַטעס. שיכורע געזאַנגען האָבן זיך אויסגעמישט מיטן בילן פֿון הינט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער כאַטע אין עק דאָרף און דאָס האַרץ האָט מיר געטיאָכקעט פֿאַר שרעק און פֿון נייגער. „און אויב איך טרעף אָן אויף אַ זשאַנדאַר אָדער אויף אַן אוקראַינישן פּאָליציי?" — האָט מיר אַן עגבער געטון אין מח. „און אפשר וועט מען מיך נישט אַריינלאָזן?"

איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, קיינער האָט נישט געענפֿערט; איך בין געשטאַנען אַ ווייל, דערנאָך אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער. די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן:

— ווער איז דאָרט?

— אַ פֿרעמדער וואָס בעט הילף.

ביי דער שוואַכער שיין פֿון אַ לאַמטערן האָב איך געזען אַן אוקראַינער יינגל. ער האָט מיך אַ ווייל באַטראַכט און אַ ברום געטאָן: „נו, קום אַריין". איך בין אַריין, און שאַרפֿע ריחות פֿון געקעכץ וואָס האָבן מיר אַ זעץ געטאָן אין די נאָזלעכער האָבן מיך פֿאַרטומלט. איך בין שטיין געבליבן אין מיטן שטיבל אַ צעמישטער. ביים געגרייטן טיש איז געזעסן אַ מיטליעריקער אוקראַינער, ווייזט אויס

דער באַלעבאָס פון דער שטוב, און ביים אויוון האָט זיך געפּאָרעט זיין ווייב. לעבן אים איז געזעסן א יונגע שיינע פרוי מיט בלויע אויגן און מיט א לאַנגן צעפלאָכטענעם צאָפּ האָר. דער באַלעבאָס איז געזעסן און מיך באַטראַכט. איך האָב זיך פאַרקוקט אויף די שיסלען מיטן הייסן באָרשט פון וועלכע ס'איז געגאַנגען א פּאַרע און ס'איז מיך באַפאַלן א חלשות.

— באַלעבאָסטע, נעם גיס אָן א שיסל באָרשט דעם גאַסט און שטעל צום טיש דעם פּאַלימעסיק מיט וואַרעניקעס.

איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און געכאַפּט א רייפּט קאָרן ברויט.

— נו, אין אביסל סאַמאָהאָן*— האָט א ווונק געטאָן דער באַלעבאָס.

די געלבלעכע משקה האָט מיר א ברי געטאָן די ליידיקע געדערעם און איך האָב זיך פאַרקרומט.

— נעם א שטיקל זויערס, האָט ער געוויזן צום פּאַלימעסיק מיט זויערע אוגערקעס.

איך האָב געזופּט, זיך געבריט מיטן הייסן באָרשט און געהאַט אין זיך שוין אריינגעשטופּט א האַלב ברויט.

— נעם זשאַרקאָי מיט קאַרטאָפליעס, האָט מיר אונטערגעזאָגט דער באַלעבאָס.

איך האָב געגעסן, געשוויצט און בשעת-מעשה אינסטינקטיוו געשטופּט שטיקלעך ברויט אין די קעשענעס. דער באַלעבאָס האָט א שמייכל געטאָן: „מיר וועלן דיר מיטגעבן עסן אין וועג אריין״, און האָט צוגעגעבן: „איך פרעג דיך נישט ווער דו ביסט, פון וואַנען די קומסט און וווהין דו גייסט; איך ווייס אז דו ביזט א ייד, איך ווייס וואָס מע טוט מיט אייך; אין אונדזער דאָרף זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע עשאַלאָנען מיט יידן. נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: איך האָב נאָרגישט מיט די יידן, כ'האָב זיי נישט ליב און כ'האָב זיי נישט פיינט, איך ווייס נאָר אז יעדער מענטש האָט א נשמה, איטעדער וויל לעבן, און נאָך ווייס איך, אז אין אזוינע צייטן היט זיך יעדער זיין פעל...

איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזען ווי די יונגע שיינע פרוי קוקט אויף איר פאָטער מיט פאַרוויינטע אויגן:

---

* בראָנפן געמאַכט אין שטוב.

— טאטע, פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, ווייסט דאָך אַז ס'טוט מיך ווי, דערמאָנסט מיר אין מיינע ליידן, אין מיין יאשען... און צו מיר: מיין מאַן איז אַ ייד, איך האָב אים ליב מער ווי מיין אייגן לעבן. מיר האָבן ביידע געלערנט אין קיעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, ביידע געוועזן לערערס אין אַ שטעטל, גליקלעכע זענען מיר געווען, טראָץ דעם זיינע עלטערן האָבן מיך נישט געוואָלט, און מיינע עלטערן האָבן אים נישט געוואָלט. מיין מאַן איז אַ ייד, ער איז דער בעסטער מענטש וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן... איצט איז ער אויפן פראָנט, ער איז אַ העלד, ער איז אַ פּרייוויליקער אוועק אין דער שלאַכט, ער איז אַ העלד; נישט ווי אַנדערע; זיי האָבן געזען אַז ס'איז שטומפּיק, האָבן זיי אויסגעוויילט דעם לייכטסטן וועג און אַהיימגעקומען... נו, קומט אויס אַז מיין יאשע שלאָגט זיך פאַר זיי אויך, ניין? און די אויסוואָרפן זאָגן אַז מיין יאשע געהער צו אַ מינדערווערטיקער ראַסע...

„נו, האָדי, האָדי, נאַסטיע, גענוג!"—האָט זיך דער באַלעבאָס געבייזערט, און צו דער באַלעבאָסטע: „נעם, מאַריא, לייג אַריין אין אַ טאָרבע עסן פאַר דעם יונגנמאַן, לייג אַריין, זשאַלעווע נישט".

נאַסטיע האָט מיך באַגלייט צום טירל, אַרומגעכאַפּט און מיך געקושט. אַ האַלבע לבנה האָט אַרויסגעקוקט צווישן די כמאַרעס און עטלעכע ווייטע שטערן האָבן געפינטלט אויפן טונקעלן הימל. פון דערווייטנס האָבן זיך געטראָגן שיכורע געזאַנגען און דאָס בילן פון הינט. איך האָב זיך געאיילט מיט דער טאָרבע עסן, איך וועל אויפוועקן די קליינע רייזעלע און די מומע פּערעלע וועט זי אָנהאָדעווען.

אין יענער נאַכט איז געשטאָרבן דער פעטער טעוול, ער איז געשטאָרבן פאַר הונגער.

*

מיר האָבן געשפּאַנט אין ווייסן שניי, באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף. די טעלעפאָן דראָטן האָבן געדרונדשעט אויף די סטאָלבעס ביים ראַנד פונעם וועג.

— הע, הע, העי, רירט זיך, אביסל גיכער! צענעמט די פיס! געגאנ־
גען!... מיר דארפן היינט אנקומען קיין קראסנע! הע, הע, העי...

דער טאטע האט זיך אפגעשטעלט א רגע, איבערגעכאפט דעם אטעם, זיך אנגעריבן די דלאניעס מיט שניי און עפעס געמורמלט, ער האט געדאוונט איך האב אים געהערט זאגן די ברכות: „הנותן ליעף כח"... די מאמע האט זיך פארבונדן מיט צווי פאטשיילעס, אין אירע אויגן־טרערן. זי האט געוויינט נאכן פעטער טעוול, די ליפן פארבלויטע פון דער קעלט. זי האט מיך געטארעט: „נעם א שטיקל ברויט אין מויל אריין, אז האסט נעכטן געגעסן בארשט מיט ווארעניקעס, דארפסטו היינט פאסטן? שוין באלד א מעת־לעת".

דער פעטער מרדכי פלעג זיך יעדן טאג אפרעדן פונעם הארץ: „אז גאט וועט העלפן און כ׳וועל אסקאפען פון דעם אומגליק, וועל איך שוין נישט זיין קיין יאלד און וועל נישט פאלגן מיין פלונתטע. שטיקער מעגן פון מיר שניידן און וארפן פאר די הינט... פארזוכט קאלומבוסעס פוטער, און צוריקגעקומען"...

דער פעטער יואל האט געשפאנט אן איינגעהויקערטער און א שוויגנ־דיקער, ער האט געדרייכערט א מאכארקע ציגאר וואס דער קאלכאז־וועכ־טער האט אים געגעבן. די מומע פערעלע האט געטראגן רייזעלען, זי איז געשלאפן אויף אירע הענט, ווייל זי איז געווען זאט. דער פעטער טעוול איז נישט געווען צווישן אונדז, ער איז געבליבן אין שטאל; די פויערים וועלן אים באגראבן ערגעץ דארט אין וועלדל פון יענער זייט געביידע. מנשה מלמד איז געגאנגען אנגעשפארט אין שטעקן, זיין ציגן בערדל איז נאך שיטערער געווארן. פראים פעלדשער איז אויסגעוואקסן א גרויסע בארד, ער איז שווער געגאנגען און שווער געדעכעט, זיין ווייב ברכה האט אים געשלעפט: „נו, פראים, נו, הערסט ניט? זיי הייסן גיין גיכער, מיר דארפן היינט זיין אין קראסנע". שייקע בעל־עגלה האט גע־טראגן אויף איין אקסל דעם קלומעק און אויפן צווייטן דאס קלענערע יינגעלע, זיין בתיה האט קוים געשלעפט אירע גראבע פיס ווי צווי דעמ־בעס. זלמן דער שדכן איר געגאנגען איינגעהויקערט, ער איז עפעס ווי צוריקגעוואקסן, דאס פנים וויים ווי קאלעך, די בארד א גרייז־גרויע. ער האט איצט אויסגעזען ווי זיין פאטער, דער קירזשנער, וואס פלעג גיין

אויף די דערפֿער. הערשל פּראָצענטניק האָט געטראָגן א שווערן קלומעק אויף די פּלייצעס, ער פֿלעג אים אַלע מאָל אַראָפּלייגן אויפֿן שניי.

— וואָס האָט ער אין דעם קלומעק, הא?

— מסתם רענדלעך האָט ער.

— וואָסזשע, רענדלעך קען מען עסן? ..

אברהם אהרן „קראַטש" איז געגאַנגען אַרומגעוויקלט מיט א ווייבע־רישן שאַל, די פּאָדאָשוועס פֿון די שטיוול האָבן זיך ביי אים אויפֿגעריסן, האָט ער זיי אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך; דאָס פּנים איינגעפֿאַלן און געקאָרטשעט, אונטערגעשוואָלענע אויגן־טאָרבעלעך. ער האָט געש־פּאַנט און געקרעכצט: „אוי, רבונו של־עולם..."

איך באַטראַכט אברהם־אהרנען, דעם אַמאָליקן קמצן, דעם מענטשן וואָס האָט א גאַנץ לעבן געשפּאָרט, זיך ניט פֿאַרגינען, געציילט דעם ווייב די גרויפּן אין טאָפּ אריין, צענויפֿגעלייגט א פּרוטה צו א פּרוטה. אפשר זיך געוואָלט פֿאַרזיכערן לעת זקנה, ווער ווייסט? איצט ליגט זיין גאַנץ האָב און גוטס אין א קלומעק, אין איין קלומעק, ווייל דער צווייטער איז געבליבן ליגן אין א שאַנץ אינאיינעם מיט זיין ווייב צירל הינטער לוטשינעץ. איך האָב באַטראַכט איצט דעם „קמצן" מיט אַנדערע אויגן ווי צוריק מיט יאָרן אין דער היים אין אונדזער שטעטל און ס'האָט מיך פֿאַרכאַפּט א געפֿיל פֿון רחמנות און פֿון שולד... איך בין צוגעגאַנגען און אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

— ר' אברהם־אהרן, זייט מיר מוחל...

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע אויסגעפּוליעטע אויגן:

— מוחל זיין, פֿאַרוואָס?

— איר ווייסט, ר' אברהם־אהרן, איך האָב אייך צוריק מיט יאָרן, אין דער היים באַשריבן אַלס קמצן, איצט טוט מיר באַנג, איר ווייסט...

ער איז א ווייל שטיין געבליבן, מיך באַטראַכט מיט זיינע גרויע אומעטיקע אויגן, ער האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען און אָפּגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, ביסט טאַקע גערעכט, אין אזא צייט דאַרף מען איינעם דעם צווייטן מוחל זיין... זאָג נאָר, ווייסט ניט וויפֿל ווערסט ס'איז ביז קראַסנע, הא?

*

קיין קראסנע זענען מיר אָנגעקומען פארנאכט. אביסל א גרעסער שטעטל, א ראיאָן, האָט מען געזאָגט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און באלד דערזען יידן, היגע יידן אָנגעטאָן ווי די אוקראאינער אין וואטניקעס און פּוישטן*, אויף די קעפּ היטלען מיט אויערן. מיר האָבן אָבער באלד דערקענט אז זיי זענען יידן. עטלעכע האָבן זיך דערנענטערט אונדז אויסגעפּרעגט, און מיר זיי. זיי האָבן אָפּגעקרעכצט אויף אונדזער און זייער גורל, דערציילט אז אין שטעטל געפֿונען זיך אן ערך הונדערט יידישע משפּחות, מערסטנס עלטערע מענטשן, אז נישט ווייט פון יענער זייט בוג האָבן די דייטשן אויסגעהרגעט אלע יידן, און זיי אליין לעבן דאָ אין פּחד, אָבער זיי לעבן. זיי וועלן זיך סטארען מיר זאָלן ביי זיי איבערנעכטיקן און דערוואַרעמען אונדזערע ביינער אין זייערע שטיבלעך, ווייל דער היגער נאטשאלניק פון דער אוקראאינישער פּאָליציי איז נישט קיין שלעכטער גוי, חוץ דעם נעמט ער אין דער „יד“ אריין, און מיט די זשאנדארן וועט מען זיך אויך אן עצה געבן. מיט אייניקע רומענער גיט מען זיך אן עצה, מיט די דייטשן ניט.

צום ערשטן מאָל נאָך א סך טעג האָבן מיר זיך אָנגעוואַרעמט, זיך אויסגערוט און אָנגעגעסן אין א יידישער שטוב אין קראסנע. די באלעבאָטים — עלטערע מענטשן, די קינדער אויפֿן פראָנט, נאָר א יינגעלע פון א יאָר צען, איז געזעסן בא דער הרובע, ער איז געזעסן און געציטערט, נישט פאר קעלט, נאָר פאר שרעק.

— ער איז שוין צוויי וואָכן ביי אונדז, און קען צו זיך נישט קומען, האָט דערציילט דער באלעבאָס. זיין גאנצע משפּחה האָט מען אויסגעהרגעט אויף יענער זייט בוג; א פּויער האָט אים אויסבאהאלטן, און דערנאָך אים אריבערגעשטעלט אויף דער זייט. מיר האָבן אים גענומען צו זיך, סיי ווי זענען מיר עלנט.

---

* געוואטעטע שטיוול

מיר האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע, זיך אויסגעצויגן אויפֿן דיל מיט די קלומיקעס צוקאָפּנס, פֿונעם אויוון האָט געשלאָגן א מחיהדיקע ווארעם, און מיר האָבן געוווינטשן די באַלעבאָטים דאָס אייביקע לעבן.

ביינאכט האָב איך געחלומט מאָטלען, אזוי ווי איך האָב אים געזען דאָס לעצטע מאָל. ער איז געשטאנען א בייזער, געשוויגן און מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ באטראכט די גלאנצנדיקע שפּיצן פֿון זיינע כראָמעווע שטיוול. דערנאָך האָב איך געזען שיינדעלען. זי איז געשטאנען אין איר פּאָטערס קלייט און מיר אויסגעשטרעקט א ברויט; איך האָב עס געוואָלט נעמען, אָבער דאָס ברויט איז פארשווונדן אינאיינעם מיט איר און אויפֿן אָרט פֿון דער קלייט איז געשטאנען א קערנעצע; איך האָב אריינגעקוקט אין קערנעצע און געזען אינעם שפּיגל פֿונעם וואסער שיינדעלעס צורה...

*

הע, עהע, הע, העי, ... מיר זענען ארויס פֿון די ווארעמע שטיבלעך, און האָבן דערזען נייע זשאנדארן רייטנדיק אויף פֿערד. די קאָלאָנע האָט זיך אויסגעשטעלט. א קורצער באפֿעל און אונדזער קאָנוואָי איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויייען. א טייל האָט מען געטריבן אויף לינקס — אויף צפֿון-זייט און די צווייטע אויף רעכטס — אויף דרום-זייט. מיר זענען געווען אין דער צווייטער קאָלאָנע.

הע, הע, הע, העי... ביידע קאָלאָנעס האָבן גערירט. פֿון דער ווייטנס האָב איך געזען שלמה „קראסאוועץ". איך האָב צו אים געפּאָכעט מיט דער האנט, ער האָט מיר געענפֿערט און עפּעס געשריגן. איך האָב פֿארשטאנען נאָר עטלעכע ווערטער: „קאָפּאיגאָראָד, מיר גייען קיין קאָפּאיגאָראָד".

ס'איז געווען א לויטערער, פֿראָסטיקער טאָג, דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פֿיס.

אין לאָפּאטינעץ איז געשטאָרבן די מומע דבורה. דער פֿעטער מרדכי האָט געפּועלט ביי די זשאנדארן און ער האָט זי באגלייט ארויס דעם קאָלכאָז, דאָרט האָט ער זי מקבר געווען. דער פֿעטער מרדכי האָט נישט געוויינט, קיינער האָט נישט געוויינט—אויסגעטרוקנט די טרערן. אין יאראָשענקע איז געשטאָרבן שעפּסל, יאָסל בעקערס שכן; שעפּסל „דער

פוילישער" האָט מען אים גערופן, א ייד א למדן, א לערער פון עברית אין „תרבות". קיינער האָט נישט געוויינט — אויסגעטרוקנט די טרערן. אויפן וועג קיין מיכאילאָווקע איז געבליבן אין א שאנץ זלמן שדכן, ער איז אומגעפאלן מיטן קאָפּ אראָפּ, געביסן דעם געפרוירענעם שניי. זיין ווייב מלכה, שלמה-ליפּעס האָט נישט געוויינט, קיינער האָט נישט געוויינט — אויסגעטרוקנט די טרערן...

ס'האָט זיך צעשפּילט א זאווערוכע. מיר האָבן צוגעאיילט דעם שפּאן. די זשאנדארן האָבן אונדז געמאָלדן אז צען קילאָמעטער טיילן אונדז אָפּ ביז צום סוף פון אונדזער גרויזאמען מארש, ביז צום אָרט וווּ מיר וועלן פארבלייבן אין א פערמאנענטן געטאָ.

*

האָ, האָ, האָ, האָ, ... מיר זענען אָנגעקומען אין א קליינעם ישוב-נישט קיין דאָרף און נישט קיין שטעטל; קליינע צעוואָרפענע שטיבלעך לענגאויס א טייכל באוואקסן מיט אָטשערעט. א לענגער געסל האָט זיך געשלענגלט בארג-אראָפּ, ביז צו א הילצערנער בריק וואָס האָט אָפּגע-טיילט די „יידישע זייט" פון דער נישט-יידישער. די איבעריקע געסלעך-שמאָלע, פארדרייטע ווי אונדזער „נייעטע גובערניע". די זשאנדארן האָבן אונדז ארויסגעלאָזט אין מיטן מארק און ס'האָט אונדז איבערגענומען דער „סטאראָסטע" פונעם געטאָ, א הויכער אוקראינעץ, א גבר, אין די מיטעלע יאָרן, מיט גראָבע וואָנצעס. ער האָט אויסגעזען ווי טאראס בולבא, מי-קיטע האָט ער געהייסן.

פון א זייטיק געסל זענען ארויסגעקומען עטלעכע יידן, מיר האָבן זיי באלד דערקענט. מיקיטע האָט א פאָך געטאָן מיטן גראָבן שטעקן און צוגערופן צוויי פון זיי:

— נו, נעמט אייך אייערע יידן — האָט ער א דונער געטאָן מיט זיין באס — און איינקווארטירן זיי צווישן אייעריקע, באפעל פונעם פרעטאָר. און זאָגט זיי אָן — האָט ער געפאָכעט מיטן שטעקן — אז ס'איז פארבאָטן ארויסצוגיין פונעם געטאָ, באפעל פון דער זשאנדארמעריע; און נאָך עפּעס ,אלע זאָלט איר זיך אָנטשעפּען אין די לאָצן געלע שטערן, איי-ערע מגן-דודים, פארשטאנען? האיט! געגאנגען!

דער סטאראָסטע איז אוועק און יידן האָבן זיך אָנגעהויבן ארויסיאווען פון די קרומע, פארדרייטע געסלעך. מיר האָבן זיך געהאלדזט און געקושט... אין דעם שטעטל — זענען מיר געווירע געוואָרן, געפינען זיך אַן ערך הונדערט יידישע נפשות, זיי זענען על פּי-נס לעבן געבליבן. קיין דייטשן זענען דאָ נישט געווען, א זייטיק פארוואָרפן ווינקל. די רומענער האָבן זיי נישט געטשעפּעט. די צוויי יידן וואָס האָבן גערעדט מיטן סטאראָסטע, האָבן געהאָלפן אונדז איינקווארטירן צווישן די יידישע שטיבער. מיר — דאָס הייסט מיינע עלטערן, איך, דער פעטער יואל, די מומע פערעלע מיט רייזעלען — האָבן אָנגעטראָפן צו ניסן שוחט. זיין שטיבל איז געשטאנען אין עק שטעטל, ניט ווייט פונעם טייכל; ניסל האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען א קליינוואוקסיקער. ער און זיין ווייב באָבקע די שוחטקע, האָבן געהאַט דריי יינגעלעך; זיי זענען געווען זייער אָרעם, נאָר אויפגענומען האָבן זיי אונדז מיט ווארעמקייט. מיר זענען אריין מידע און פארפרוירענע אין א קליין שטיבל מיט פאררייכערטע ווענט, אראָפּגעלייגט די קלומעקעס און זיך באלד אויסגעצויגן אויפן ערדענעם דיל. די שוחטקע האָט אריינגעבראכט א טאָפּ הייסן קארטאָפל-זופּ, און יעדן איינעם א פלאָם-פלעצל פון גערשטן-מעל: „נאט, עסט געזונטערהייט און דערווארעמט אייך אביסל די נשמות“. מיר האָבן געזופּט דעם הייסן זופּ און דער טאטע האָט זיך געקוויקט: „א, טעם גן-עדן, כ'לעבן-טעם גן-עדן“.

דער פעטער יואל האָט אונטערגעבאָמקעט:

— יאָ, יאָ, טעם-גן-עדן, לאנג לעבן זאָלט איר, איר האָט אונדז דער-האלטן דאָס חיות. מ'דאַרף בענטשן, בענטשן מזומן נאָך אזא וועטשערע.

— איר האָט אונדז פשוט מחיה געווען — האָט די מאמע ארומגענומען די שוחטקע — ס'זאָל אייך אקעגן קומען וואָס איר האָט אין אונז געטאָן. זייטשעט מוחל, שוחטקע, אפשר געפינט זיך ביי אייך אביסל געלע פאָדעם, כ'זאָל אויפנייען מישטיינסגזאָגט די מגן-דודם פאר מייניקע...

איך האָב ארויסגעקוקט דורכן קליינעם פענצטערל. אנטקעגן — א טייכל באוואקסן מיט אָטשערעט*, ווייטער א וועלדל מיט ווייס אָנגעטאָענע

---

* נעוויקס אויף ברעגן פון טייכן

באשנייטע ביימלעך, לענגאויס דעם טייכל, א סטעזשקע וואָס פירט צו א וואסער מיל. די זון האָט זיך געזעצט א רויטע, אָנזאָגנדיק א לויטערע, פראָסטיקע נאכט. פון דערוווייטנס האָט אָפּגעהילכט א שיסעריי און דער עכאָ האָט זיך צעטראָגן ווייט איבערן סטעפּ. די מאמע האָט אָנגעצונדן א קאנעצל וואָס די שוחטקע האָט איר געגעבן און צונויפגערוקט די קלו־מעקלעך איידן צוקאָפּנס.

*

קאלטע, הונגעריקע, האָפענונגסלאָזע טעג. מיר זענען געזעסן אין שוחטס שטיבל אויפן ליימענעם דיל אויסגעשפּרייט מיט אָטשערעט, אָנגעשפּאַרטע אין די קלומעקעס.

„מע האָט אונז ווייזט אויס איבערגעלאָזט דאָ שטארבן" — האָט גע־טענהט דער פעטער יואל — „מי בחרב ומי ברעב".

די שוחטקע פלעג אריינברענגען יעדן אינדערפרי א טשייניק מיט אָקרעפּ און יעדן א רעפטל גערשטן-ברויט, א קארטאָפל פאר רייזעלען. זיי האָבן אליין געליטן פון הונגער, דריי יינגעלעך האָבן זיי געהאט, און צוריק מיט עטלעכע טעג איז געקומען פון א שטעטל פון יענער זייט בוג דעם שוחטס א פלימעניצע, א יונג מיידל, וואָס האָט זיך געראטעוועט פון די דייטשן. איר גאנצע משפּחה האָט מען אויסגעהרגעט אינאיינעם מיט אלע יידן פונעם שטעטל.

איך בין יעדן טאָג ארויסגעגאנגען פונעם שוחטס שטיבל, דורכגע־גאנגען דעם אלטן מארק, דערנאָך אראָפּ מיטן געסל ביז צום הילצער־נעם בריקל, דאָרט איז געשטאנען אן אוקראַינער פּאָליציי, דאָרט איז געווען די גרענעץ פון דעם געטאָ. איבערן בריקל האָט מען אריבער־געלאָזט נאָר די טויטע, די געשטאָרבענע פון הונגער און פון קעלט אויף זייער לעצטן וועג צום היגן בית-עולם. איך פלעג זיך אומקערן א פאר־פרוירענער און זיך לאנג ארומדרייען איבער די געסלעך ארום דער אלטער פאַרלאָזטער שיל. כ'האָב נישט געקאָנט צוזען די ליידן פון מייניקע, אי־בערהויפּט, פון דער קליינער רייזעלע. פאר איר וואָלט איך געווען גרייט אלץ צו טאָן, אפילו בעטלען, זשעברעווען א שטיקל ברויט, אָבער ווי

אזוי? איין מיטל געבליבן: ארויסגיין פונעם געטא, איינשטעלן, ריזיקירן און ארויסגיין פונעם געטא, אבער ווי אזוי?

אין א קאיאר בין איך ארויס פונעם שטיבל, גערעשעט עפעס טאן, נישט אויסגיין פון הונגער. דער פראסט האט מיר נעציפט די אויערן. איך בין אראפגעגאנגען צום טייכל, וואס איז געשטאנען א געפרוירנס אונטערן אטשערעט. כ'בין געשטאנען א ווייל, זיך ארומגעקוקט און מיט זיכערע טריט זיך פארנומען אויף לינקס, אויף דער סטעזשקע וואס פירט צו דער וואסער-מיל. „א מיל — הייסט מעל, האב איך געטראכט, און מעל — הייסט ברויט". דער שניי האט געסקריפעט אונטער די פיס. איך האב אראפגערוקט דאס היטל איבער די אויגן און מיט א געפיל פון שרעק און האפענונג בין איך אריין אין מיל. אינעווייניק איז געווען פול מיט פויערים. אויבן האט דער אלטער מילנער זיך געפארעט ביי א מיל-שטיין. א פויער האט געשיט אין קאסטן אריין א זאק ווייץ, און אונטן האט א פויער געזאמלט מיט א לאפעטקעלע דאס ווארעמע ווייצן-ראזעווע מעל. דער ריח פונעם פרישן מעל האט מיר געקיצלט די נאזלעכער און כ'האב זיך קוים איינגעהאלטן נעמען איינשלינגען א זשמעניע מעל און פארשטופן די הונגעריקע געדערעם. אין מיטן מיל זענען פויערים געש-טאנען, עפעס געשמועסט, גערויכערט מאכארקע און געשפיגן צווישן די ציין. כ'האב זיך ארומגעקוקט. אין א ווינקל האט א לייטער געפירט אויפן שטאק, א מין בוידעם, דארט א מין ביורא מיט א שילדל „דירעק-טאר". איך האב אנגעקלאפט און אריין אין ביורא. ביי א טיש איז גע-זעסן א פעסט-געבויעטער מאן מיט געדרייטע וואנצעס. ער האט אראפ-גענומען די ברילן און מיך באטראכט פון קאפ ביז פיס. איך האב אוים-געהאלטן זיין שארפן בליק און מיט א פעסטער שטים פון א פארצווייפלטן האב איך אויסגעשריגן:

„איך בין הונגעריק! מיר שטארבן פאר הונגער!"

ער האט אויף מיר געקוקט און געשוויגן, דערנאך מיט א זשעסט פון דער האנט מיר געהייסן זיך זעצן. ער האט זיך אויפגעהויבן, אראפגע-קוקט דורכן פענצטערל אין מיל אריין אין געזאגט: „מיין נאמען איז קא-פיטקא, סטעפאן קאפיטקא. איך באוווּנדער דיין מוט, ביסט ארויס פון גע-טא, נאר אויב דו טרעפסט אן אויף א זשאנדאר, אדער אויף און-

דזערן א פּאָליציי, בין איך דיך נישט מקנא און אפילו מיך אליין אויך נישט, אויב זיי טרעפן דיך דאָ. גיי אראָפּ צום מילנער, צו טערענטין, און זאָג אים אז איך האָב געהייסן דיר געבן דאָס האַלבע זעקל מעל, ער ווייסט שוין. גיי געזונטערהייט."

איך האָב זיך אונטערגעריסן אונטער דער שווערער משא, עטלעכע מאָל געפאַלן אויפן גליטשיקן שניי און אריינגעפאַלן אין שוחטס שטיבל מיטן אוצר אין זאק. די מאמע האָט זיך געבראָכן די הענט, די מומע פערעלע האָט געוויינט. דער טאטע און דער פעטער יואל האָבן מיך ארומגעזוכט אין געטאָ. כ'האָב נישט אוספּייעט אראָפּצולאָזן דעם זאק מעל פון די פּלייצעס און די מאמע האָט שוין גערופן די שוחטקע: "קומט אריין באָבקע, מיט א שיסל, מירן אייך געבן מעל"! און צו דער מומע פערעלע: "זוך אוים א טאָרבעלע, וועל איך צוטראָגן אביסל מעל אונדזער מרדכין, מנשה מלמד און מלכהלה שלמה-ליפּעס".

דעם צווייטן טאָג אינדערפרי זענען פאָרגעקומען צוויי נייע געשעענישן. מע האָט אונדז געגומען אויף ארבעט אין א פערמע פון יענער זייט טייך, און שפּעטער זענען אָנגעקומען צוויי קאָלאָנעס מיט טשערנאָוויצער און דרום-בוקאָווינער יידן. אין אונדזער שטיבל האָט מען אריינגעשטעלט א טשערנאָוויצער משפחה פון דריי נפשות, רב נחמיה מיט זיין ווייב און שוועגערין.

די פרעסט האָבן זיך געשטאַרקט, מיר זענען געגאַנגען צו דער ארבעט אין דער פערמע פון יענער זייט טייך. געווען דאָרט אַן אמאָליקער סאָוועטישער "סאָווכאָז". אדמיניסטרירט האָט א פּאָליאַק, פּאַן קאזימיר. די אָרטיקע עלטערע יידן האָבן דערציילט, אז דער פּאַן קאזימיר וואָס איז אמאָל געווען דער אייגנטימער פון דער פערמע, איז אנטלאָפן נאָך דער רעוואָלוציע קיין פּוילן און זיך צוריקגעקערט דעם זומער מיט די דייטשן. מיר האָבן געארבעט פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט, קיין עסן האָט מען נישט געגעבן, נאָר פאַרן אהיימגיין פלעגן אונדז פאַרטיילן עטלעכע זשמעניעס גערשטן-מעל אָדער ארבעס. אין די ריזיקע שייערן האָבן זיך געפונען טויזנטער טאָן תבואה וואָס האָט זיך "דערווארעמט" און מיר פלעגן זי איבערמישן מיט לאָפּעטעס "איבערלאָפּאַטשעווען", און דערנאָך אריבערטראָגן מיט זעק פון איין שייער אין

צווייטן. חוץ דעם זענען אויף דער פֿערמע געווען בהמות און חזירים, האָט מען זיי באַדאַרפֿט קאָרמענען און באַרייניקן. מיר פֿלעגן אהיים קומען אויסגעמוטשעטע, פֿאַרפֿרוירענע, אָבער גליקלעכע וואָס אונדזערע משפּחות קאָנען אויף וועטשערע פֿאַרקלויצען א זופּ מיט אביסל גערשטן־מעל. דאָרט אויף דער ארבעט האָב איך זיך באקאַנט מיט דריי היגע בחורים, זיך מיט זיי פֿאַרחבֿרט, מיט שיקען מיט מוסיען און מיט יאשען.

מיר פֿלעגן אָפּעסן דאָס ביסל זופּ, זיך לייגן אויפֿן אויסגעבעטן דיל מיט אָטשערעט, מיט די קלומעקעס צוקאָפּנס און לאַנג נישט געקאָנט אנט־שלאָפֿן ווערן איבער די לייז וואָס האָבן געפּייניקט אונדזערע לייבער.

אין א נאכט האָבן מיר דערהערט א שטיל געוויין, די מאמע האָט אָנגעצונדן דעם קאַנעץ. רבקה, נחמיהס ווייב, דעם טשערנאָוויצערס יידן, וואָס האָבן געוווינט אינאיינעם מיט אונדז, איז געלעגן אויפֿן דיל מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן, דאָס פּנים געל, די נאָז פֿאַרשפּיצט, זי האָט שטילערהייט געוויינט: „גיט מיר א שטיקעלע ברויט, איך וועל אייך מאָרגן אינדערפֿרי אָפּגעבן". די מאמע האָט איר דערלאַנגט אַן ארבעס פּלעצל און זי איז אנטשוויגן געוואָרן. אין יענער נאכט איז זי געשטאָרבן. אינ־דערפֿרי האָט מען איר פֿאַרשטאַרצטן גוף ארויפֿגעלייגט אויף א וואָגן צווישן אנדערע מתים, און דער וואָגן מיט נאָכגעהאָנגענע פֿאַרשטאַרצטע הענט און פֿיס פֿון די טויטע האָט זיך א פּוילער געשלעפּט איבער דער געטאָ־גרענעץ, איבער דער הילצערנער בריק, צום אַלטן בית־עולם פֿון יענער זייט באָרג.

*

דער אָוונט איז געווען א פֿינצטערער. די זאַווערוכע האָט געשמיסן מיט כוואַליעס שניי די ווענט פֿון די כאַטעס, דער ווינט האָט געריסן די דעכער און דאָס אַלטע שטיבל — האָט זיך געדאַכט — שאָקלט זיך ווי א שיפֿל אויף א שטורעמדיקן ים. פֿון דער ווייטנס פֿון דער וואַסער־מיל האָט אָפּגעהילכט א שיסעריי וואָס די זאַווערוכע האָט זי תיכף פֿאַרשלונ־גען. די מאמע האָט אָנגעצונדן דאָס קאַנעצל און אינאיינעם מיט דער מומע פֿערעלע און נחמיהס שוועגערן זיך גענומען אויסבעטן דעם אָטשערעט אויף נאכטלעגער. עמעצער האָט לייכט אָנגעקלאָפּט אין דער טיר. איך

האָב געעפּנט און אויף דער שוועל האָט זיך באוויזן ניסל שוחטס פּלי-מעניצע. איך האָב זי צום ערשטן מאָל געזען; א יונגעטשקע, א הויכע און א צארטע, א קורץ געשוירענע, ווייזט אויס נאָכן טיפוס, מיט א לענגלעך נעזל און א פּאָר גרויסע אויגן. זי איז א ווייל שטיין געבליבן און אונדז באטראכט ביי דער שוואכער שיין פונעם קאנעץ: „א גוטן אָוונט״.

איר שטים איז געווען א פעסטע און אווארעמע. זי האָט אויסגעשטרעקט יעדן פון אונדז די האנט און זיך פאָרגעשטעלט: טאניע. זי האָט מיר פעסט געדריקט די האנט און איך האָב באטראכט אירע גרויסע, טיפע, פאר-חלומטע אויגן. די אויגן זענען געווען ביי איר אין א פולקאָמען קאָנטראסט מיטן פּנים. דאָס פּנים א מאָגערס, אָן עקשנותדיקס, מיט שארף געשניצטע שטריכן, מיט א שמאָל לענגלעך נעזל און דינע פארקלעמטע ליפּן. די אויגן — גרויסע, טיפע, שיינענדיקע, צומאָל אומעטיקע, צומאָל פינקל-דיקע. טאניע. זיך האָט זיך לייכט פארנויגט, און א בינטעלע האָר זענען איר אראָפּגעפאלן אויפן הויכן שטערן. „מאָטל, מאָטל דער באָבעס, האָט מיר א בליץ געטאָן אין מח, ווי צוויי טראָפּן וואסער, ווי מאָטלס א ייִנגערע שוועסטער״.

— איך האָב שוין לאנג געוואָלט ארייַנקומען זיך מיט אייך באקענען — האָט זי זיך ווייטער צו אונדז געווענדעט — נאָר כ׳האָב נישט געקאָנט, כ׳בין געווען קראנק, די מומע באָבקע האָט אייך מסתם דערציילט, איצט פיל איך זיך בעסער, בין איך ארייַנגעקומען אייך אָפּווינטשן ... איך ווייס ניט וואָס מ׳קען ווינטשן אין אזעלכע גרויזאמע צייטן, אָבער אין דער נאכט טרעטן מיר אריבער די גרענעץ פון א ניי יאָר. 1942, קען דער ווינטש נישט זיין קיין אנדערער ווי, אז די שונאים זאָלן אין נייעם יאָר האָבן די מפּלה ...

ניי יאָר. מיר האָבן פארגעסן. די מאמע און די מומע פערעלע האָבן ארומגענומען דאָס מיידל, זי געקושט און רייזעלע האָט צו איר אויס-געשטרעקט די הענטלעך.

זי איז ארויס פונעם שטיבל און איך האָב זי באגלייט. די זאווערוכע האָט זיך איינגעשטילט. פון צווישן די כמארעס האָט ארויסגעקוקט דער געלער סערפּ פון א האלבער לבנה און בינטלעך פארגליווערטע שטערן. מיר האָבן געשפּאנט אין טיפן שניי און געשוויגן. דערנאָך האָט זי מיר דער-

ציילט אז זי שטאמט פון א שטעטל פון יענער זייט בוג. אירע עלטערן, צוויי שוועסטערלעך און א ייִנגער ברודערל האָבן די דייטשן דערשאָסן. זיי האָבן אויסגעמאָרדעט אלע יידן פונעם שטעטל. די קרבנות האָבן זיך אליין אויסגעגראָבן די גריבער... פון דריי טויזנט יידן האָבן זיך געראטעוועט, אפשר א צוויי צענדליק אויף דער רומענישער זייט פונעם בוג. א שכן א פויער האָט זי אויסבאהאלטן א שטיקל צייט, דערנאָך האָט ער זי אין א נאכט אריבערגעפירט איבערן בוג אויף דער רומענישער זייט.

זי האָט נישט געוווסט צו דער פעטער ניסן, איר מאמעס ברודער, דער שוחט מיט זיין משפּחה זענען לעבן געבליבן, האָט איר דער פויער געגעבן אן אד-רעס צו א פארלעסלעכן מענטש צו וועמען זי זאָל זיך ווענדן נאָך הילף. טראָץ דעם וואָס זי האָט געטראָפן אירע קרובים, האָט זי מיט דעם פאר-לעסלעכן מענטשן — אן אוקראינער — אָנגעקניפּט א פארבינדונג. זי האָט מיר דאָס אלעם דערציילט, גלייך ווי זי וואָלט גערעדט פון א צווייטן, פון עמעצן אנדערש. איך האָב שטילערהייט באוווּנדערט איר קאלטבלוטיקייט און איר מוט, און האָב איר אויך דערציילט פון אונדזערע איבערלעבענישן און פון שיינדעלעס טויט. זי האָט מיר דערנאָך דערציילט אז זי איז געווען א סטודענטקע אין א פּעדאגאָגישן אינסטיטוט און אז שיקע, מיט וועמען איך האָב אינאיינעם געארבעט אויף דער פערמע, האָט אויך געלערנט אין דעם זעלבן אינסטיטוט. צום סוף האָט זיך טאניע פאר מיר מתוודה געווען אז דער איינציקער ציל אין איר לעבן איז נקמה, נקמה אין שונא וואָס האָט פארניכטעט אונדזערע לעבנס און פארניכטעט די וועלט. „איך וועל קעמפן — האָט זי צוגעגעבן — איך וועל קעמפן ביזן לעצטן אָטעם-צוג".

אויף מיין פראגע, ווי אזוי? האָט זי מיר געענפערט: „מע דארף נאָר וועלן און זוכן, און ווער סע זוכט דעם וועג צום קאמף, וועט אים געפי-נען".

— מע זאָגט, אז מאָסקווע איז געפאלן — האָב איך ארויסגעשטאמלט.

— מאָסקווע איז נישט געפאלן און וועט נישט פאלן, האָט זי געענ-פערט מיט איר איינגעהאלטן קול, נאָר דער עיקר איז אז מיר זאָלן ביי זיך נישט פאלן, אונדזער ווידערשטאנד טאָר נישט איינגעבראָכן ווערן, טאָר נישט פאלן.

זי האָט מיר געדריקט די האנט און איך האָב איר האנט פארהאלטן אין מיינער. אין דרויסן איז געשטאנען א מוראדיקער פראָסט, נאָך איך

האָב געפילט א ווארעמקייט וואָס מ'קען עס נישט באשרייבן, וואָס שטאַרקט דעם גוף און די נשמה, וואָס פולט אָן דאָס הארץ מיט גלויבן און מיט צו־טרוי אין מענטשן און אין דער צוקונפט.

דער ווינטער איז געווען א שווערער, א שרעקלעכער. פרעסט, הונ־גער, לייז, פלעקטיפוס, מתים. יעדן טאָג פלעג דער לאַנגער וואָגן זאמ־לען מתים. שאָטנס, איינגעווייקלטע אין שמאטעס, פלעגן זיך אים נאָכש־לעפן ביז צו דער הילצערנער בריק: „ברוך דיין אמת". קיינער האָט נישט געוויינט, נישטאָ מער קיין טרערן, ווייזט אויס פארגליווערט געוואָרן אין פארשטיינערטע הערצער.

די ארבעט אויף דער פערמע האָט זיך געענדיקט; נישטאָ קיין לעקמעל, קיין זשמעניע ארבעס. א שכנה א היגע, ציפע די בעקערן, ברענגט אריין יעדן טאָג אביסל זופ דער קליינער רייזעלע, די מומע פערעלע און די מאמע ווינטשן איר אָן דאָס אייביקע לעבן. טאניע ברענגט אויך אריין צומאָל א שטיקל ברויט, אפילו אביסל פּאָווידלע, פון וואנען, האָט זי נישט געוואָלט זאָגן: „פאראנען גוטע מענטשן", פלעג זי ענטפערן.

אין שטיבל איז געוואָרן געראָמער, דער אלטער נחמיה איז געשטאָרבן. ער איז געפאלן ביי זיין „דינסט", ווי טאניע האָט געזאָגט. ער האָט ווי יעדן פרימאָרגן געלייגט טלית און תפילין, זיך אויסגעדרייט אויף מזרח זייט זאָגן שמונה עשרה און איז אומגעפאלן. ער איז געלעגן אין מיטן שטיבל א גאנצן מעת-לעת, ווייל דער וואָגן מיט מתים איז אין יענעם טאָג שוין געהאט דורכגעפאָרן. דעם צווייטן טאָג האָט מען אים פארנומען. ער איז געלעגן אין וואָגן אינאיינעם מיט פראָים פעלדשער און נאָך עטלעכע מתים, צפון און דרום-בוקאָווינער יידן. איך האָב א טראכט געטאָן: „דער כל ישראל חברים איז פארווירקלעכט געוואָרן אויף א שרעקלעכן אופן: בעסאראבער, בוקאָווינער, רומענישע און אוקראאינישע יידן אין איין מאסן ברידער-קבר".

דער טאטע, די מאמע און די מומע פערעלע פלעגן יעדן טאָג ארויס־גיין צום טייך, אָנשניידן אָטשערעט, מע פלעג מיט אים אונטערהייצן דאָס פליטקעלע און אויפקאָכן אביסל אָקרעפ, זיך דערווארעמען אביסל די נשמה און איבערבייטן די פארלייזיקטע געלעגערס. דער פעטער יואל איז פון עטלעכע טעג געזעסן אין שטיבל, נישט ארויסגעגאנגען, עפעס

א שייגעץ מיט א בענדל אויפן אָרעם האָט אים געהייסן אויסטאָן די שטיוול, איז ער אהיימגעקומען א באַרוועסער אינעם ברענענדיקן פראָסט .. ניסל שוחט האָט אים געשענקט א פּאָר אַלטע קאַלאָשן, זענען זיי אָבער גע-זוען קליין אויף אים ...

אין א טאָג האָב איך באגעגנט שייקע בעל-עגלה, דאָס פּנים ביי אים געווען איינגעשרומפּן, זיין רויטע באָרד — האלב גרוי, ער איז ווייזט אוים, געקומען פון א ווייטן וועג, געטראָגן א שווערע טאָרבע אויפן אקסל. ער האָט אראָפּגעלאָזט די טאָרבע, ארויסגענומען א ברויט און מיר געגעבן:

— נא, נעם, איר האָט א קליין קינד אין שטוב. איך שטעל זיך איין דאָס לעבן, ווייל איך האָב צוויי קינדער, קען איך זיי ניט לאָזן שטארבן פאר הונגער, און באסיע איז קראנק, גיי איך דאָרף אריין, זעסט, דאָרט איבערן בארג — אסך-הכל פון 6—7 ווערסט. איך האָב שוין מיינע פויע-רים. וואָס זאָל איך טון? נאָר מיין נישט אז איך פרעם אָף אלעם אליין. אבי איך האָב א לישנע* ברויט, טראָג איך אריין פרויקע קירזשנער, מנשה מלמד, אפילו אברהם-אהרנען דעם „קראָטש" אויך ... א רחמנות אף א יידן, ניין?

טאניע פלעגט אריינקומען ברענגען עפּעס דער קליינער רייזעלע. מיר פלעגן בייטן עטלעכע ווערטער, און אייניקע מאָל פלעגן מיר שפּאצירן אין די אָוונטן ארום ניסל שוחטס שטיבל. איך בין אינגאנצן פארכאפּט געוואָרן פון איר שטארקן ווילן און איר קאלטער לאָגיק. א מאָדנע געפיל פלעגט מיך פארכאפּן אין איר אָנוועזנהייט, א געפיל פון רעספּעקט, פון גרייטקייט אויסצופילן איר ווילן, און פון ליבשאפט.

אין אן אָוונט האָבן מיר שפּאצירט און געשוויגן, זי האָט זיך אויף אמאָל אָפּגעשטעלט און מיר ארייגעקוקט גלייך אין די אויגן אריין:

— ווייסט, היינט איז מיין געבורטסטאָג — איך בין אלט געוואָרן 20 יאָר ...

איך האָב איר אויסגעשטרעקט די האנט .זי האָט מיך ארומגענומען און האסטיק געקושט ... דאָס הארץ האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט:

— טאניע, האָב איך געשטאמלט, טאניע ...

— שא, רעד נישט, איך בעט דיך, רעד נישט.

---

* אן איבעריק

זי האָט זיך באַפרייט פון מיינע אָרעמס און מיט איר פעסטער, אָנגע-נעמענער אַלטאַ שטים א זאָג געטאָן אביסל איראָניש:

— נו, וואָס פאַר א געשענק מאכסטו מיר צו מיין געבורטסטאָג? א גע-שענק מיין איך ניט פאַר מיר פערזענלעך, איך נויטיק זיך ניט דערין, נאָר פאַר אונדזער זאַך, פאַר אונדזער קאַמף. ביסט גרייט?

— יאָ, איך בין גרייט — האָט מיין ענטפער געקלונגען ווי א שבועה...

— נו, גוט, איך וועל דיר מאָרגן אויפדערנאכט מודיע זיין. און אַצינד לאָמיר אריינגיין אביסל צו שיקען, א ווילער בחור שיקע. ס'דאַ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

*

די נאכט איז געווען א פינצטערע, א פאַרכמאַרעטע, אָן שטערן. דאָס געטאָ איז געשלאָפן און די איינגעהויקערטע שטיבלעך האָבן אויסגעזען ווי קרומע מצבות אויף אן אלטן בית-עולם. טאַניע האָט געשפּאַנט און איך נאָך איר. מיר האָבן געשוועבט ווי צוויי שאָטנס איבער די הינטערשטע געסלעך ביז צום ברעג פונעם טייך. טאַניע האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך ארומגעקוקט. פון דערווייטנס אויף רעכטס האָט זיך פראָפּילירט די היל-צערנע בריק, די גרענעץ פונעם געטאָ. מיר זענען פאָרזיכטיק אריבער דאָס געפרוירענע טייכל און אריין אין א פויערישן גאָרטן. ערגעץ האָט זיך צעבילט א הונט און טאַניע האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. מיר האָבן געשפּאַנט בארג ארויף שוויינדיק. טאַניע האָט א לייכטן הוסט געטאָן און פון הינטער א בוים האָט זיך ארויסגעשטעלט א שאָטן. איך האָב נאָר געזען זיין רוקן. מיר זענען אריין אין א צווייטן פויערישן גאָרטן און זיך פאַרנומען אויף לינקס לענגאויס א הויכן ברעטערנעם פּאַרקן. דער שאָטן האָט געקלאַפּט א קאַליטקע, אָנגעקלאַפּט דריי מאָל אין פענצטער פון דעם שטיבל און איז נעלם געוואָרן. די טיר האָט זיך געעפנט און מיר זענען ביידע אריין. אין א ריין אויפגערוימט צימערל איז ביי א טיש געזעסן א מאַן אין די מיטעלע יאָרן מיט שוואַרצע געקרייזטע האָר און א לאַנג אויסגעצאָמט פנים. א פעסט געבויעטער מאַן איז געשטאַנען מיטן רוקן צו אונדז און ארויסגעקוקט דורכן פענצטערל אין גאָרטן אריין.

אויפֿן טיש זענען געווען אָנגעגרייט פֿיר גלעזער טיי מיט צובייסן. דער מאַן האָט זיך אויסגעדרייט, אונדז באַגריסן און איך בין געבליבן אָן לשון. פֿאַר מיר איז געשטאַנען סטעפּאַן קאַפּיטקאַ...

טאַניע האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און צוגעפֿירט צום טיש:

— דאָס איז דער יונגערמאַן, חבר קאַפּיטקאַ.

— מיר זענען שוין באַקאַנט — האָט מיר קאַפּיטקאַ געדריקט די האַנט.

— דער חבר וועליקי, זייט באַקאַנט — האָט קאַפּיטקאַ געוויזן אויפֿן מאַן מיט די שוואַרצע געקרויזטע האָר. נו, זעצט זיך, און לאָמיר א שמועס טאָן.

קאַפּיטקאַ האָט גערעדט מיט א געלאַסענער שטים, ווי ער וואָלט גע-ציילט די ווערטער און טראָץ דער ערנסטקייט פֿונעם מאָמענט האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטן און א זופּ געטאָן די הייסע זיסע טיי, וועמענס טעם איך האָב שוין געהאַט פֿאַרגעסן זינט לאַנגע חדשים.

קאַפּיטקאַ האָט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט אונטערצוהאַלטן דעם מאָראַל פֿון די מענטשן אין געטאָ און אויסער אים. די מענטשן דאַרפֿן וויסן — האָט ער באַטאָנט — אַז מאָסקווע איז נישט נאָר נישט געפֿאַלן, נאָר דער שונא האָט באַקומען אַן ערנסטן קלאַפּ, און די לעגענדע פֿונעם „בליץ-קריג" איז צערונען געוואָרן אין די רוסישע שנייען. מ'דאַרף מיט אַלע מיטלען באַקעמפֿן די פֿאַשיסטישע דעזינפֿאָרמירונג, און כדי דאָס אַלעס זאָל זיין ווירקזאַמער און האָבן א פּסיכאָלאָגישן עפֿעקט אויף דער באַפֿעלקערונג, דאַרף מען אין די נאָענטסטע טעג קלעפּן אַפֿישן אין געטאָ, מיטן קאָמוניקאַט פֿון דעם „סאָוואינפֿאָרמביוראָ".

— אייער מיינונג, חבר וועליקי? — האָט זיך קאַפּיטקאַ געווענדעט צום מאַן וואָס איז געזעסן א שווייגנדיקער ביים טיש.

דער חבר וועליקי האָט זיך אויפֿגעהויבן, פֿאַררייכערט א מאַכאָרקע ציגאַר ביים לאָמפּ גלעזל און איך האָב באַטראַכט זיין לענגלעך יידיש פּנים, זיינע געקרויזטע שוואַרצע האָר און זיינע שוואַרצע אויגן מיט גראָ-בע שוואַרצע ברעמען-בערשטלעך. ער האָט אַרויסגעלאָזט א וואָלקנדל רויך דורכן מויל און דורך דער נאָז:

— איך האָב צו מאכן א פּאָר באַמערקונגען. קודם כל מיין איך אז גלייכצייטיק מיט די אַפּישן וואָס מ'וועט אויסקלעפּן אין געטאָ, דאָס הייסט אין דער זעלבער נאכט, דאַרף מען קלעפּן אַפּישן אויך אויסער דעם געטאָ — און דאָס דאַרף געטאָן ווערן דורך מענטשן פון אויסער דעם געטאָ, כדי דער פאַרדאַכט זאָל ניט פאַלן אויף די געטאָ מענטשן, וואָס קאָן ברענגען מעגלעכע רעפּרעסיעס מצד די מאַכטהאָבער; צווייטנס מיין איך אז די אַפּישן וואָלטן א חוץ דעם קאָמוניקאַט באַדאַרפט האָבן א צייכענונג, אָדער א קאַריקאַטור, למשל עפּעס מיט היטלערן, הא, וואָס זאָגסטו טאַניע?

— ס'וועט זיין א קאַריקאַטור, חבר וועליקי — האָט טאַניע געענטפערט — מיר האָבן א בחור אין געטאָ, א אונדזעריקן, א גוטער צייכענער.

— נו, און ווער נעמט אויף זיך דאָס אחריות פאַר די אַפּישן?

— איך, מיט דעם יונגנמאַן און מיט שיקען — האָט טאַניע געענפערט.

— און דריטנס — האָט פאָרגעזעצט דער חבר וועליקי — דאַרף מען פרוּוון עפּעס טאָן פאַר די אומגליקלעכע פונעם געטאָ, אויף וויפל ס'איז מעגלעך ראַטעווען, כאָטש די קינדער פון הונגער טויט.

— יאָ, חבר וועליקי, האָט זיך קאַפּיטקאָ אויפגעהויבן — איך בין מסכים מיט אייערע פאָרשלאָגן. און איך וועל פרוּוון עפּעס טאָן דורך מיין מילנער טערענטי, אריינשמוגלען צו ביסלעך מעל אין געטאָ. ציפּע די בעקערן וועט שוין ווייטער דעריבער זאָרגן. מיר האָבן זיך געזעגנט. דער חבר וועליקי האָט א קוש געטאָן טאַניען אין שטערן: „זיי געוואָרנט". און מיר האָט ער אויסגעשטרעקט זיין פעסטע, וואַרעמע האַנט: „זייט מצליח און שלום".

*

די נאַכט א פינצטערע, א קאַלטע, ווי מע פלעג ביי אונדז אַמאָל זאָגן: „אַן עבירה אפילו א הונט אַרויסצולאָזן". דריי שאָטנס שלייכן זיך צווישן די טויטע געטאָ געסלעך. איינער פון זיי איז טאַניע, דער צווייטער בין איך, דער דריטער — איז שיקע. מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט ביי שיקען אין דערהיים. ער האָט געוווינט מיט זיין מוטער אין א שטיבל

הינטער דער פּאַרלאָזטער שיל. דער פֿאָטער איז געווען אויפֿן פֿראָנט, די עלטערע שוועסטער האָט מען געהרגעט מיט איר גאַנצער משפּחה אויף יענער זייט בוג. מיר האָבן באַשטימט אַנצוקלעפּן די אַפּישן אין צענטער פֿון געטאָ, אויף דער גאַס וואָס פֿירט אַראָפּ צו דער הילצערנער בריק. אויך דאָרט ביי שיקען, האָט געאַרבעט איבער דער קאַריקאַטור, מוסיע, א שוואַרץ-חנוודיקער בחור, א מאָהילעווער, וואָס האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט פֿון דער דייטשישער געפֿאַנגענשאַפֿט ביים דניעפּער. ער האָט אָנגעמאָלן היטלערן ווי ער אַנטלויפֿט פֿון הינטער מאָסקווע מיט אונטערגעהאַקטע פֿיס. א געלונגענע קאַריקאַטור. איך שפּאַן און שטעל זיך יעדעס מאָל אָפּ, כ'קוק זיך אַרום און גיי ווייטער. דאָס בלוט שלאָגט מיר אין די שלייפֿן. כ'וויל א גיס טאָן און האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות. ששש, עפּעס האָט א סקריפּע געטאָן... ניין, דאָס ווינטל האָט א ריר געטאָן א צעבראָכן טירל. פֿאַר מיר שפּאַנט מיט גיכע טריט טאַניע, זי פֿאַרקערעוועט אויף לינקס. דאָס האַרץ קלאַפּט גיך, גיך, איך פֿיל ווי סע וואַרגט מיך עפּעס אין האַלדז. נאָך א צוואַנציק דרייסיק שפּאַן, קלער איך און נעם זיך ציילן: איינס, צוויי, דריי. נאָר אָט איז דער פֿאַרקן. איך צעשפּיליע דעם פּידזשאַק, שלעפּ אַרויס דאָס פּאַפּיר, די האַנט ציטערט מיר, כ'שלעפּ אַרויס דאָס פּענזל און סע פֿאַלט מיר אַרויס פֿון דער האַנט אין שניי אַריין. נאָך אַביסעלע... אַזוי, אַזוי, אָנגעקלעפּט דאָס בלעטל, אַביסעלע קרום — הא? ס'מאַכט נישט אויס... איך קוק זיך אַרום, טאַניע איז שוין נישטאָ פֿון יענער זייט גאַס, זי האָט שוין איר שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן. איך לויף צווישן די איינגעהויקערטע שטיבלעך. הינטער דער האַלב-חרובער שיל וואַרטן אויף מיר טאַניע און שיקע. מיר דריקן זיך די הענט. טאַניע כאַפּט מיך אַרום און קושט מיין פֿאַרשוויצט פּנים, קושט מיך און וויינט... און שיקע קוקט זי אָן א דערשטוינטער...

*

איז פֿרילינג געקומען אויף דער וועלט. טייען אויף שנייען און ריטשקעס לויפֿן אויף די געסלעך, לויפֿן צום טייכל. דאָס וואַסער צעגיסט זיך

איבער זיינע ברעגעס באוואקסענע מיט אָטשערעט און דערטרענקט די קלאָדקע וואָס פירט איבערן טייכל צו דער סטעזשקע בארג ארויף ביז צום געוועזענעם „סאָווכאָז"׳. די פעלדער שטייען נאקעטע, מיט הי און דאָ קליינינטשקע אינדזעלעך שניי, וואָס ווערן אַלץ קלענער און קלע־נער. פרילינג געקומען אויף דער וועלט, פרילינג אין געטאָ, און מיר האָבן געמיינט אז דער ווינטער וועט האלטן אזוי לאנג ווי סע וועט האלטן אונ־דזער גלות. ניין, די נאטור רעכנט זיך מיט גאָרנישט און מיט קיינעם נישט. זי איז נישט סענטימענטאל, זי טוט זיך אירס, אומאָפהענגיק פון די געשעענישן וואָס רירן אָן צענדליקער מיליאָנען מענטשן. ארום גרינען פעלדער, דער הימל ווערט טיפער און בלויער, שערענגעס בושלען פליען אין גלייכע רייען, זיי קערן זיך אום פון ווייטע ווארעמע לענדער צו זייערע אלטע נעסטן און סע שטערט זיי ניט וואָס שערענגעס אוויאָ־נען מיט שווארצע צלמים אויף די פליגל, פליען ביינאנד מיט זיי, יאָגן זיי איבער און פליען ווייטער מיט אָנגעלאָדענע בייכער מיט באָמבעס „נאָך אָסטען"׳. די פייגל קערן זיך אום צו זייערע אלטע נעסטן, קיינער טשעפעט זיי נישט, מיט וואָסזשע זענען מיר ערגער פון זיי, פארוואָס טאָרן מיר זיך נישט אומקערן צו אונדזערע אלטע נעסטן? און אפשר האָבן מיר גאָר נישט געהאט קיין נעסטן און אלץ איז נאָר אן אילוזיע, א חלום? און אויב יאָ געהאט, ווי אזוי זשע צו זיי צוריקפליען מיט אָפגעשניטענע פליגל. פליען האָבן מיר געקאָנט נאָר אויף די פליגל פונעם געדאנק.

יעדן אינדערפרי פלעג דער פעטער יואל ארויפגיין מיט דער בלאָטיקער סטעזשקע צום טייך, שטיין ווי א פארכישופטער און אריבערקוקן צו די ארומיקע פעלדער, טיף אין זיך אריינדעכן די פארע וואָס האָט זיי פאר־הילט ווי א דינער נעפל. שטיין, קוקן און זיך צוהערן, גלייך ווי א געהיי־מער גערויש וואָלט עפעס געשעפטשעט פון די געדערעם פון דער ערד. דערנאָך פלעג ער באטראכטן דעם הימל און נאָכקוקן די שערענגעס פייגל וואָס פלעגן זיך דערווייטערן אין גלייכע שורות צום האָריזאָנט, און צום סוף ארויפלאָזן דעם קאָפ און באטראכטן זיינע גרויסע פיס ארומ־געוויקלטע מיט אָנעטשעס און די ענגע קאלאָשן איבערגעבינדענע מיט שטריקלעך, וואָס ניסן שוחט האָט זיי אים געשענקט. אז די זון האָט אָנגע־

הויבן בעסער ווארעמען, פלעג ער זיך אויסטאָן, אויפהענגען די מלבו־שים אויפן אָטשערעט און נעמען לויזן דאָס צעריסענע העמד...

ער וועט זיך שוין קויפן א פאָר שיך אויף פסח — זאָגט דער פעטער יואל, ווייל פון א שטיקל צייט שטעלט זיך אָפּ א „באזאר" א מין מארק, צוויי מאָל אין דער וואָך, דאָרט אונטן ביי דער הילצערנער בריק. דאָרט קען מען אויסבייטן א פאָר הויזן פאר אביסל מעל, מ'קען קויפן פאר געלט אויך, ווער ס'האָט נאָר, פאר דייטשישע רייכסמארק, ספּעציעלע באנקנאָטן פאר די אָקופּאציע געביטן, אָדער פאר סאָוועטישע רובל, פאר גאָלד — ווער ס'האָט נאָר — קען מען באקומען סיי רייכסמארק, סיי רובל; ווייל די אייזערנע עקאָנאָמישע געזעצן זענען די שטארקסטע אין דער וועלט, זיי אימפּאָנירן איבער אלע אנדערע געזעצן און דירעק־טיוון. וועט ער שוין גיין, דער פעטער יואל, צו דעם דרום־בוקאָווינער ציין־טעכניקער, ער וועט אים ארויסשלעפּן די גאָלדענע ציין, וועט־ער מיט זיי גיין צו הערשל פּראָצענטניק, ער איז בקי אין די זאכן...

ציפּע די בעקערן פלעג אריינברענגען כמעט יעדן טאָג, א פונט גער־רשטן ברויט. „נעמט, נעמט, פאר רייזעלען, לייטישע מענטשן זאָרגן פאר קליינע קינדער". די מאמע פלעג רויט ווערן, כ'האָב געזען אז זי שעמט זיך, די מומע פערעלע פלעג אָפּקרעכצן און נעמען דאָס ברויט. דער טאטע האָט זיך שטארק געעלטערט. די באָרד גרוי, ס'האָט אים דערקוטשעט די ראיה, געהאט א קאטאראקטע אויפן רעכטן אויג. יעדן אינדערפרי פלעג ער לעגן טלית און תפילין, איבערכאַפּן אן ארבעס־פלעצל מיט אביסל אָקרעפּ און ארויסקוקן דורכן פענצטערל, צום טייך. דערנאָך פלעג ער ארויסנעמען פון דער קעשענע א צעקנייטשטן בויגן פאפּיר, א באשריבענעם פון ביידע זייטן מיט דריבנע אותיות. ער האָט פארשריבן די נעמען פון די מתים פון אונדזער שטעטל, זייערע יאָרצייטן... צווישן זיי ר' נחמיה בן יצחק־מאיר — אונדזער געוועזענער שכן, דער טשערנאָוויצער ייד.

— אהרן, גיי אביסל ארויס ס'איז וועסנע, מחיה ווארעם אין דרויסן.

— וואָס זאָל איך זען, די צרות אונדזערע?

— גיי צו ביז צו מרדכין.

— ער וועט מאָרגן קומען אַהער, מיט מנשה מלמד, שייקע בעל־עגלה און נאָך עטלעכע מענטשן. זיי ווילן אַ שמועס טון וועגן מצות, ס׳איז דאָך ערב פּסח, אַז ווי איז צו אונדז. יואל האָט מיר געזאָגט...

16 סעפּטעמבער

איך נעם ווידער אַרויס דעם אַלטן פאַרגעלטן העפט, דעם העפט וואָס טאַניע האָט מיר געגעבן אין געטאָ. איך בלעטער אים אויף גיך, איך איל זיך, איבערמאָרגן ענדיקט זיך מיין אורלויב. איך בלעטער אים אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרכאַפּטער פון די שטורמישע געשעענישן, פון די זכרונות וואָס לאָזן מיך ניט צורו, מוטשען מיך, טענהן צו מיר, עגבערן מיר דעם מוח: „לייען, לייען, שרייב, שרייב! אונדזערע נשמות ווילן האָבן אַ תיקון. שרייב! איבערמאָרגן פאָרסטו אַהיים און מיר וועלן פאַרגעסענע ווידער אַרומבלאָנקען אין טאָג־טעגלעכן הו־הא פונעם לעבן. שרייב! מיר וועלן דיך ניט אָפּלאָזן, לייען און שרייב! זשאַלעווע דיך נישט! אונדזערע נשמות ווילן האָבן אַ תיקון״.

איך האָב זיך געזעצט אויף דער באַנק ביים ברעג פונעם טייך אַלט און געלייענט:

„ס׳איז געווען אַ וואָך פאַר פּסח. אין אונדזער געטאָ שטיבל האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע יידן וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן ווינטער. צווישן זיי אויך שייקע. ער איז געווען אויסגעדאַרט, דער רוקן געבויגן, פון זיין געדיכטער רויטער באָרד איז פאַרבליבן בלויז אַ שי־טער ביסל געל־גרויע האָר. אַ שווערער ווינטער געווען אַ ביטערער...

איך האָב געקוקט אויף שייקען און געזען אונדזער שטעטל. שייקע „בייטש״ מיט זיין פאָיעטאָן זענען געווען אַ באַשטאַנדטייל פונעם געסל אַנטקעגן בולוואַר, און חברה לצים פלעגן זאָגן אַז ווען ער זאָל פאַרשווינדן, וואָלט מען אים באַדאַרפט אויפשטעלן אַ דענקמאָל. און לויט מיין קינדישן שכל דעמאָלט, איז טראַץ אַלע זיינע בלויזן האָט שייקע טאַקע באמת זיך פאַרדינט מע זאָל אים אויפשטעלן אַ דענקמאָל. נעגאַטיווע כאַראַקטער־שטריכן האָט שייקע געהאַט גענוג: אַ גראָבער יונג, מיט עברי איז ביי אים

געווען שטומפּיק... חוץ דעם איז ער געווען אַן אָפּגעריסענער, אַ בעל-כעס און פלעג אויך כאַפּן אַן איבעריק גלעזל משקה.. ער האָט אָבער געהאַט אַ גוט הארץ שייקע. ניט נאָר וואָס ער האָט ליב געהאַט זיינע פערד-לעך ווי זיינע אייגענע קינדער, נאָר ער האָט אויך ליב געהאַט מענטשן, זיי אַ טובה טאָן, זיי העלפן בעת-צרה. למשל, צוריק מיט יאָרן—האָט מיר די באָבע מאַלי-רחל אַמאָל דערציילט — ווען אויף דער „הינטערשטער גאַס" האָט ניט איצטער געדאַכט, אויסגעבראָכן אַ שריפה, האָט ער גע-ראַטעוועט פון די פלאַמען דעם שכנס אַ מיידעלע, און זיין ביסל אָרעמ-קייט איז אַוועק מיטן רויך. שפּעטער ווען איך בין שוין געווען אַ גרוי-סער, געדענק איך ווי שייקע האָט פאַרטריבן פונעם שטעטל כוליגאַנעס; זיי האָבן זיך גערופן „סטודענטן", זיי זענען געקומען פאַר די וואַלן אין אַ מאַרק-טאָג, אונטערהעצן די פּויערים, זיי זאָלן וויילן פאַר זייער פאַר-טיי, וואָס וועט אויסלייזן דאָס לאַנד פון די יידן... און טראָץ דעם, האָט שייקע דאָך פאַר עמעצן יאָ מורא געהאַט. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין ווייב, פאַר באַסיען. באַסיע איז געווען אַ קליינע, אַ דיקע און שוואַרצע יידענע, און אַ מויל האָט זי געהאַט.... זי פלעג אָפּמעסטן שייקען מיט אַ שאַרפן בליק, אַז סע פלעג אים אַזש אַנטרונען ווערן דאָס בלוט פונעם פּנים:

— פיר נפשות האָסטו געבראַכט אויף דער וועלט, פיר פּיסקעס צום האָדעווען און די פאַרטרינקסט דעם לעצטן גראָשן ביי יונהן אין קרעטשמע? גאָט שמאַסט ניט מיט קאַן באַטש שייקע! ער וועט דיך שטראָפן...

שייקע פלעג אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ, קייען זיין רויטע צעשויבערטע באָרד און שטאַמלען:

— יאָ, באַסיע לעבן, כ'בין שולדיק, כ'בין שולדיק.

שייקע פלעג האַלטן שבת און אַלע ימים-טובים. געדאַוונט האָט ער אין דער „בלעכערישער" שיל. ווי יעדער באַלעבאָס פלעג ער פּראַווען דעם סדר, געוויס לויט זיין שטייגער. פלעגן פאַרעפּיטקעס דערציילן אין מאַרק, אַז אַמאָל אין אַ סדר אָוונט איז ער געקומען אַ מידער אהיים, האָט זיך באַסיע צו אים צוגעטשעפּעט:

— נו, שייקע, נעם פּראַווע דעם סדר, דערצייל די קינדער יציאת-מצרים.

— יציאת מצרים? וואָס זאָל איך אייך דערציילן? פּרעה איז געווען א גרויסער כלב, ער האָט געוואָלט די יידן אָנפּייפן — האָבן די יידן אים אָנגעפּייפט... האיט, גיב עסן, ס׳חלשט מיר ס׳הארץ...

יום-כיפּור, אן איינגעהילטער אין טלית פלעג ער זיצן אויף זיין אָרט אין דער בלעכערישער שיל און זיך שאָקלען גלייך מיט אלע. ער פלעג האלטן אין דער האנט א מחזור, נאָר אזוי ווי מיט עברי איז ביי אים גע-גאנגען ווי ביי א שווערן וואָגן בארג ארויף, פלעג ער זיך אויסטענהן מיט גאָט לויט זיין פארשטאנד:

„רבונו של עולם! דו, וואָס באזאָרגסט מיט שפּייז אלע באשעפענישן פון דער וועלט, פונעם פויגל פון הימל ביז צום מענטש, פארשרייב מיך, באסיען און די קינדער אין ספר—החיים. שענק אונדז און אלע יידן א גוט יאָר מיט פּרנסה. און נאָך עפּעס רבונו של-עולם, אפשר איז ניט כדאי... אָבער אז איך בעט אויף פרנסה, דארף איך בעטן פאר מיינע פערדלעך אויך״...

*

1942. עטלעכע טעג פאר פּסח. אין אונדזער שטיבל זענען געקומען עטלעכע יידן זיך בעראָטן, ווי אזוי צו באזאָרגן כאָטש אביסל קארטאָפל אויף פּסח, און סתם ווי אזוי דערהאלטן ביים לעבן די אויסגעהונגערטע קינדער. די פארזאמלונג האָט „פּרעזידירט״ מנשה מלמד.

— איך וועל שוין אלעם באזאָרגן — האָט זיך אויפגעשטעלט שייקע. מאָרגן פארטאָג וועל איך אריבערגיין — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אין דער ריכטונג פונעם דערפל פון יענער זייט בארג — און היטלערן ימח-שמו אף צולהכעים — וועלן מיר האָבן ניט נאָר קארטאָפליעס, נאָר אויך מצות אף פּסח און אביסל ווארעם געקעכטס פאר די קינדער; פאר א נויט וועל איך מאכן צוויי, דריי וועגן. גרייט מיר אָן א זאק, איך וויים שוין וואָס כ׳האָב צו טאָן...

סע האָט זיך ארויפגעלאָזט א שווערע שטיקלייט. שייקע איז ארויס. איך בין אים נאָכגעגאנגען. ער האָט מיר געדריקט די האנט און ארייגגע-קוקט גלייך אין די אויגן:

— ווייסט? איך וועל זיך אומקערן. אז שייקע זאָגט ער וועט זיך אומ־קערן, וועט ער זיך אומקערן.. נאָר כאַפּ זיך אריין אמאָל צו מיינע יינג־לעך, זיי זענען נאָך קינדער, זיי זענען אליין, ווייסט דאָך, מיין באַסיע האָט זיך דעם ווינטער געפּעלט...

דעם צווייטן טאָג קאיאָר איז שייקע אוועק אין דאָרף אריין. ער האָט זיך מער נישט אומגעקערט...

קיין מצות אויף פּסח האָבן מיר נישט געהאַט, נאָר קאַרטאָפל און א ווארעם ביסל זופּעכץ פאר די קינדער יאָ, דערפאר האָט געזאָרגט דער חבר וועליקי דורך סטעפּאַן קאַפּיטקאָ און ציפּע דער בעקערן.

תיכף נאָך פּסח האָט הערשל פּראָצענטניק גענומען שייקעס יינגלעך צו זיך.

— אז גאָט וועט מיר שענקען ס'לעבן און ס'וועט קומען די ישועה, וועל איך זיי איבערשראַבן אף מיר, זיי שיקן לערנען און מאַכן פון זיי מענטשן; מ'דאַרף א טראַכט טון וועגן עולם הבא אויך.

— נו, ווער קען אָפּשאַצן א יידישע קישקע, וואָס זאָגט איר?

— לאַכט ניט, לאַכט ניט, ס'איז אין אים פארבליבן דאָס פּינטעלע ייד.

— יאָ, ס'וואַרפט זיך נאָך אין אים א יידישע אָדער...

*

דער זומער איז געווען א הייסער, מיט לאַנגע אומרואיקע טעג און נאָך אומרואיקערע קורצע נעכט. די מענער האָט מען גענומען ארבעטן צום "שאָסיי און די פרויען פלעגן „כאַפּן“ אויף ארבעט קיין טולטשין צום טאָרף. יעדן פארטאָג פלעגן מיר זיך פארזאַמלען ביי דער בריק אין עק פון געטאָ. מע פלעגט אונדז איבערציילן און טרייבן צום יאַראָשענקער שאָ־סיי, אָן ערך צען קילאָמעטער. מיר פלעגן אָנקומען מידע צו דער ארבעט און זיך אויסלייגן אויפן גראָז ניט ווייט פונעם וואָקזאַל. קיין עסן האָט מען נישט געגעבן. דער בריגאַדיר, אן אַלטער אוקראַינער פלעגט זיך בייזערן:

„נו, היגטישע זין, נו לײדאַקעס, הייבט זיך שוין אויף צו דער ארבעט. איר זעט ניט, אויפן וואָקזאַל זענען דאָ דייטשן“.

די טאַטשקעס מיט זאַמד האָבן באַלד אָנגעהויבן סקריפּען און די לאָפּעטעס קריצן צווישן די בערגלעך מיט שפּיציקע שטיינדלעך.

„הייט גיכער, גיכער, האָט צוגעבאָמקעט דער בריגאַדיר און צוגעוווּנקען מיטן אויג: מיר דאַרפֿן צוגרייטן דעם שטראָז פֿאַר אונדזערע טאַנקן, איר פֿאַרשטייט ניט? מיין מיכאַילאָ איז אַ טאַנקיסט, וועט ער טאַקע פֿאַרקערעווען מיט זיין טאַנק אויף דעם אָרט"...

אַרום צוועלף, פֿלעגן מיר זיך אויסציען אינעם ווייכן גראָז און גרייזשען אַ גרין פֿלעצל פֿון אַרבעס־מעל. קיין ברויט איז נישט געווען פֿון אַ שטיקל צייט, די אָקופּאַנטן האָבן אַרויסגעפֿירט די תבואה און ביז צום נייעם אוראָזשאַי, ווער ווייסט?

ביינאַכט פֿלעגט מען כאַפּן פֿרויען אויף אַרבעט קיין טולטשין און אַיבערן געטאָ האָבן זיך טראָגן קוויטשערייען און יללות. שאָטנס פֿלעגן זיך שמוגלען לעבן ניסן שוחטס שטיבל און פֿרווון אַנטלויפֿן פֿון יענער זייט טייכל. יללות פֿלעגן זיך אויסמישן מיט קורצע באַפֿעלן פֿון די חוטפּים און מיט די שיסערייען פֿון יענער זייט טייך.

די אָבלאַוועס פֿלעגן מאַכן די רומענישע זשאַנדאַרן אינאיינעם מיט דער אוקראַינישער פּאָליציי; צולעגן „אַ האַנט" פֿלעג אויך די נישט לאַנג געשאַפֿענע „יידישע פּאָליציי". דאָס זענען געווען עטלעכע „הינטשלעגערס" ווי מע פֿלעג זיי רופֿן און זייער שעף איז געווען לאָזער „זשערעבעץ", אַ קצב פֿון אַ דרום־בוקאָווינער שטעטל. ער איז געווען אַ פֿאַרשוין פֿון מיטעלער וווּקס, אַ ברייט־פּלייצעדיקער מיט לאַנגע האָריקע הענט. פֿון זיין לאַנג פֿערדיש פּנים האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קליינע אייגעלעך אָן וויעס; אויפֿן קאָפּ, אַ פּליכע. אַ גרויס מויל מיט געלע שיטערע ציין. ער פֿלעג אַרומגיין מיט זיינע „הינטשלעגערס" אין געטאָ און היטן סע זאָל חלילה קיינער נישט אַרויסגיין אָן דעם געלן מגן דוד און אַלע יונגעלייט זאָלן זיך שטעלן גאַנץ פֿרי צו דער אַרבעט. זיי זענען געווען טעטיק אויך אויפֿן באַזאַר. לאָזער, דער „נאַטשאַלניק" האָט איצט געהייסן „לאַזער". געטראָגן אַ באַנדעראָל אויפֿן לינקן אַרבל, געכאַפּט צו צוויי, דריי מאָל אויף אַרבעט די זעלבע פֿרויען און געשאַנעוועט יענע וואָס פֿלעגן אים צאָלן. ער איז נישט געווען קיין מפֿונק: מאַרקן ,רובל, נאָר אַממערסטן האָט ער ליב געהאַט „חזירימלעך", גאָלדענע פֿינעף — אָדער צען רובל מטבעות, פּונעם צאַרס

ציי‌טן. און אזוי‌נע מטבעות האָבן זיך געפונען. און וואָס געפינט מען דען נישט אויפן „באזאר" אונטער דער בריק: גאָלדענע מטבעות און זאַלץ, וואָס סע ברענגען אָדעסער שפעקולאנטן און מע פארקויפט עס איבער אויפן גלעזל, זייגערס און זילבערנע לייכטער, אָפגעראַבעוועטע בא יידן, אַלטע שיך און מלבושים, אפילו א שענקל איז אויסגעוואַקסן איבער נאַכט אויפן באזאר. איטלעכער קאָן אריינגיין אויסטרינקען א גלאָז סאמאָהאָן און פאר־בייסן א שטיק קאָלבאַס, מיט איין באַדינג, דער קליענט זאָל נישט טראָגן דעם געלן שטערן... אַן אויסנאַמע: לאָזער „זשערעבעץ". ער האָט געזשלי־אָקעט סאמאָהאָן און אז „מ׳עסט חזיר — זאָל רינען איבער די באַקן"...

שפעטער האָט זיך געשאפן א קהילה, אָנגעפירט האָט א דרום־בוקאָווי־נער אדוואָקאַט. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פעקלעך מיט מלבושים פון די רומענישע קהילות —האָט מען געזאָגט— נאָר קיינער האָט זיי נישט געזען. בייזע מיילער האָבן אָנגעהויבן רעדן אז מע האָט זיי יאָ געזען, אויפן... באזאר. די קהילה האָט אויסגעפולט איי‌ניקע נוצלעכע פונקציעס. זי האָט געהאַלטן פארבינדונג מיט דער פרעטורע. דער סטאַראָסטע, דער אוקראַי־נישער דיקטאַטאָר מיטן שטעקן, מיקיטע, האָט אָנגעהויבן „פילן" אז ס׳איז פאראַנען א שטיקל יידישע „אויטאָריטעט", איז ער ווייכער געוואָרן. אָבער לײדער, האָט דאָס אחדות געליטן. נישט מער דאָס פריערדיקע אח־דות וואָס האָט געהערשט אין געטאָ. דאָס געטאָ איז עפעס ווי צעטיילט געוואָרן אויף פיר קאַטעגאָריעס, לויט דער אָרדענונג: דרום־בוקאָווינער, צפון־בוקאָווינער, בעסאַראַבער און אוקראַינער יידן...

מנשה מלמד האָט מאָביליזירט דעם טאַטן, דעם פעטער מרדכי, אברהם—אהרנען, פראָיקע קירזשנער און נאָך עטלעכע יידן און זיי האָבן אָנגע־הויבן פאררי‌כטן די האַלב חרובע שיל, וואָס איז געשטאַנען ווי א פאר־לאָזטע אלמנה ביים ברעג פונעם טייך. איך בין דורכגעגאַנגען אין אַן אינ־דערפרי און געזען ווי זיי רייניקן אויס די שיל, נעמען צונויף די צעפא־לענע ציגל. מנשה מלמד איז שוין געווען גאַנץ איי‌נגעהויקערט, פון זיין שיטער ציגן־בערדל איז שוין כמעט גאָרנישט געבליבן. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט: „מיט גאָטס הילף, וועלן מיר האָבן א שיל אף ימים נוראים. און אפשר וועט ביז דעמלט קומען די ישועה... א שאָד נאָר די מענטשן,

אוי, א שאָד. ווען פּלטיאל זאָל זיך ניט געווען פעלן, וואָלטן מיר געווען געהאַט א דאַך אויף דער שיל אויך, א שאָד די מענטשן, א שאָד ...

נו, און וואָס זאָגסטו צו דער נייער קהילה, האַ? איך זאָג אז ס'בעסער מיט איר ווי אָן איר, האַ?"

דער זומער איז געווען א הייסער און א טרוקענער, מיט לאַנגע אומ־רואיקע טעג און מיט נאָך אומרואיקערע קורצע נעכט. די דייטשן האָבן דורכגעבראָכן דעם דרומדיקן פראָנט, טויזנטער טאַנקן האָבן צעטרעטן אַלץ אויף זייער וועג. הונדערטער אַוויאָנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי סטייעס ווילדע פייגל איבער די סטעפּעס פונעם דאָן. הונדערטער שטעט און דערפער האָבן געברענט און די סאָוועטישע איינהייטן האָבן אָפּגעטרעטן אויף מזרח. דער ציל פונעם היטלעריסטישן שטאַב איז געווען א קלאָרער, זיך דורכרייסן צו דער וואָלגע, ארומרינגלען מאָסקווע פון דרום — מזרח זייט, אָפּשניידן דאָס לאַנד פון די קאַווקאַזער נאַפט-רעסורסן און דער־נאָך לעגן די האַנט אויף זיי.

די לעצטע צייט פלעגן אָנקומען רומענישע צייטונגען פון מאָהי־לעוו. אונטער גרויסע קעפּלעך האָט מען געקענט לייענען: „דער קריג גייט צו ענדע", „די רויטע ארמיי-ליקווידירט צווישן דאָן און דער וואָלגע", „סטאַלינגראַד וועט פאַרחתמענען דעם גורל פונעם קריג". דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויפן מאָראַל פונעם געטאָ. די לאַגע איז געווען א שווערע, אַן אויסזיכטסלאָזע. אין די וואַרעמע אויסגעשטערנטע אָוונטן, אומקערנ־דיק זיך פונעם יאַראָשענקער שאָסיי, פלעג איך ארויסגיין מיט טאַניען צום ברעג פונעם טייך, דאָרט האָבן אויף אונדז געוואַרט שיקע, מוסיע, און יאַשע זיי זענען געווען אַלע טיף באַזאָרגט. די נאַכריכטן וואָס זיי האָבן באַקומען פון אַנדערע קוואַלן האָבן באַשטעטיקט אז די דייטשישע חיילות רייסן זיך צו דער וואָלגע. מיר זענען געווען דעזאָריענטירט און פאַרצווייפלט, ווייל מיט סטעפּאַן קאָפּיטקאָ האָבן מיר זיך נישט געקענט פאַרבונדן. ער האָט איבערגעגעבן דורך זיינעם א מענטש פונעם „באַזאַר" ציפען דער בעקערן, אז דער חבר „וועליקי" געפינט זיך אין א פאַרטי־זאַנען אָטריאַד, און מיט אים, מיט קאָפּיטקאָן, איז געפערלעך זיך איצט צו פאַרבינדן.

די לעצטע נייעס פונעם „סאָווינפאָרמביוראָ": „אויפן דרום-פראָנט שלאָגן אונדזערע איינהייטן אָפּ די אַטאַקעס פונעם שונא וואָס זעצט

פאַר די אָפענסיווע. אויפן צענראַל־פראָנט, איז דער שונא אין דע־פענסיווע, אויפן לעניגראַדער: די שטאָט איז אונדזערע, שווערע קאַמפן אין בלאָקאַדע אומשטענדן". קאַפּיטקאַ איז אויך ביי דער מיינונג — האָט איבערגעגעבן דער שליח — אז מע דאַרף איבערצייגן די מענטשן, אז אויב אפילו סטאַלינגראַד וועט פאַלן — וועט עס נישט באַדייטן אז רוסלאַנד איז געפאַלן; סטאַלינגראַד איז נאָר א שטאָט און רוסלאַנד איז א ריז, וואָס קיינער וועט אים נישט גובר זיין. מע דאַרף איבערצייגן די מענטשן דורכן וואָרט, נישט דורך אפישן, אָדער בלעטלעך, ווייל אין דער איצטיקער לאַגע איז דאָס געפערלעך.

מיר זענען געזעסן ביים ברעג פונעם טייך און געשוויגן, גלייך ווי קיי־נער פון אונדז וואָלט נישט געוואַגט צו שטערן דאָס שטילע מורמלען פון זיינע דריבנע כוואַליעס וואָס האָבן זיך געאיילט צום בוג. אונטערן אויס־געשטערנטן הימל האָט געזשומעט אן עסקאַדרילע עראָפּלאַנען.

טאַניע האָט זיך אויפגעהויבן:

— נו, קינדער, לאָמיר גיין. זי האָט איינגעאָטעמט די שאַרפע לופט פון די סטויגן מיט פריש געשניטענער תבואה פון די אַרומיקע פעלדער און געזעגנט ווי צו זיך אליין:

יאָ, ר'איז געווען סטעפּאַן, ניט קיין צייט פאַר אַפישן איצטער, אָבער איבער איין זאַך בין איך נישט מסכים מיט אים, איבער סטאַלינ־גראַד. סטאַלינגראַד וועט נישט פאַלן, ווייל סע טאָר נישט פאַלן, איך פאַרשטיי דאָס, איך פיל דאָס...

ביים שוחטס שטיבל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט מיך אַרומ־גענומען און געפרעגט מיט א שטווינענדיק רואיקער שטים: „נו, וואָס האָסטו בדעה צו טאָן נאָך דער מלחמה? איך האָב בדעה צו לערנען מע־דיצין, כאָטש איך האָב ביז איצט געלערנט עפּעס אַנדערש. איך מיין אז די שענסטע, די הומאַניטאַרסטע פּראָפעסיע איז מעדיציין, איבערהויפּט פאַר א פרוי, איך וויל ווערן א קינדער דאָקטער... און דו?"

*

אין די האַרבסטיקע טעג רינט דער טייך אן אומעטיקער. זיינע כוואַ־ליעס טראָגן פאַרגעלטן אָטשערעט מיט די ערשטע אַראָפּגעפאַלענע בלע־

טלעך פון דיביימער. דער יאראָשענקער שאָסיי איז פּאַרטיק, נאָר די דייטשן זענען ביי דער וואָלגע. שיכורע זעלנער און אוקראַאינישע פּאָליציי־לייט שלייען זיך איבער די געסלעך און אויפן „באַזאַר‟, זיי ריטשען מיט זייערע הייזעריקע קולות: „באַלד, באַלד וועט פאַלן סטאַלינגראַד‟, די מלחמה וועט זיך ענדיקן און זיי וועלן בלייבן באַלעבאַטעווען. דער שאָטן פונעם האַקנקרייץ און פון דער „ענטגילטיקער לייזונג‟ האָט גע־האַנגען פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן ביז צו דער וואָלגע. אַ געפיל פון הילפלאָזיקייט און פאַרלוירנקייט האָט אַרומגעפאַכט די מענטשן, אַ געדריקטע שטימונג, גלייך ווי די גאַנצע וועלט שטייט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם: סטאַלינגראַד. יידן ליגן פאַרבאַהאַלטענע אין די שטיבלעך ווי מייז אין די לעכער, מ׳האָט מורא אַרויסצוגיין אין דרויסן, דער דרויסן איז ניט קיין זיכערער, דער דרויסן איז אַ געפעלעכער, אַ פיינטלעכער, אַ פאַרסמטער, אַ מוראַדיקער. אין דרויסן דרייט זיך אַרום נאָר לאָזער „זשערעבעץ‟, נאָר ער גייט אויך אַרום בחפוי־ראש. אפילו זיין „פערדי־שער‟ קאָפּ פאַרשטייט אַז די קאָרט זיינע איז אַ פאַרשפּילטע. וועט געווינען דער האַקנקרייץ, וועלן אים זיינע ציטווייליקע קאַמעראַדן, סיי ווי סיי אָפּ־קוילען — און אויב נישט־וועט אויך ניט גוט זיין. נאָר דערווייל איז „לפי שעה — חיי שעה‟, דערווייל שפּילט ער דעם תקיף...

*

די אָוונטן זענען געוואָרן קילערע, פלעגן מיר זיך באַגעגענען ביי שיקען אין דער היים, אין זיין שטיבל הינטער דער שיל. ער פלעג אויס־לעשן דעם קאַנעץ און מיר פלעגן זיצן און שמועסן אין דער פינצטער. טאַניע, איך, שיקע, מוסיע און לעצטנס אויך מירעלע — מירא — אַ יונג בעסאַראַבער מיידל וואָס האָט זיך געראַטעוועט פונעם פעטשערער טויטן־לאַגער. שיקעס מוטער האָט זי אַריינגענומען צו זיי און איר דערהאַלטן דאָס לעבן. איך האָב באַטראַכט דאָס מיידעלע מיט די שוואַרצע פינקל־דיקע אויגן און מיט די קורץ געשוירענע שוואַרצע האָר — זי איז גע־ווען נאָך פלעקטיפוס — כ׳האָב געזען שיקעס וואַרעמען בליק אָנגע־צילט אויף איר, און האָב תיכף פאַרשטאַנען אַז ער איז נישט גלייכגלי־טיק צו איר.

מיר האָבן ארומגעשמועסט די ניי געשאפענע לאגע און אירע אויס־ווירקונגען אויפן געטא. מיר זענען געווען באוווסטזיניק פון אונדזער אוממעכטיקייט און פארלוירנקייט. אָבער עפּעס דארף מען דאָך טון...

טאניע האָט פארסכ׳הכלט די דיסקוסיע:

— קינדער, וויפל איז געבליבן ביז יום כיפור?

— א־צען טעג.

— מיר מוזן דורכפירן א מין מאניפעסטאציע אין דער אלטער שיל.

— אין שיל? ווי אזוי?

— יאָ, אין שיל, און גאָט ווייסט אונדז העלפן, האָט זי א שמייכל געטאָן, נישט אומזיסט הייס איך נאָך מיין באָבע טריינע... איך געדענק ווען איך בין געווען א קליין מיידעלע, פלעג זי מיך מיטנעמען אין שיל אריין, אויף אלע ימים־טובים און צו כל־נדרי אויך. זי האָט געקענט גוט דאווענען מיין באָבע טריינע; דעם זיידן האָבן געהרגעט די פעטליורעווצעס, מיינע עלטערן זענען געווען קאָמסאָמאָלצעס, פלעג מיך די באָבע מיטנעמען אין שיל אריין. זי האָט מיר דערציילט אז כל־נדרי זאָגט מען אין אָנדענק פון די שפאנישע מאראנען, וואָס פארפאָלגטע פון דער אינקוויזיציע זענען זיי עפנטלעך געוואָרן קאטאָליקן, אָבער בסוד זענען זיי געבליבן יידן. זיי האָבן געפירט א מין אונטערערדישע טעטיקייט. נו, וועלן מיר אין שיל צו כל־נדרי דורכפירן אונדזער ארבעט. די מאראנען וועלן זיך פאר אונדז מיען און אפשר מיין באָבע טריינע אויך...

— ווי אזוי־זשע, טאניע?

— ווי אזוי? אָט ווי אזוי. תיכף נאָך כל־נדרי, אין שיל איז דאָך פינצטער און עולם וועט זיין, ווייל ווער קומט נישט אויסגיסן זיין ביטער הארץ פארן רבונו של־עולם. איך וואָלט דאָס אויך געטאָן — ווען איך זאָל גלויבן... תיכף נאָך כל־נדרי, וועלן אלע עקן שיל זיך הערן אויסרופן: „יידן שרעקט אייך נישט, סטאלינגראד איז נישט געפאלן און וועט נישט פאלן, מע שלאָגט זיך דאָרט פאר יעדן הויז, פאר יעדן שטיין, דער שונא וועט ליידן א מפלה". נו איר זענט מסכים מיט מיין פלאן? ווייל די לאָזונגען וועט איר שרייען...

...מיר האָבן זיך אומגעקערט אהיים און ביים שוחטס שטיבל האָט זי מיר געזאָגט:

— ווייסט, שיקע מיט מירען וועלן חתונה האָבן, זיי האָבן זיך ליב...
— חתונה האָבן?
— יאָ, און איך רעד זיי צו זיי זאָלן עס טאָן. אין דער צייט ווען דער טויט רינגלט אונדז ארום, איז א חתונה א סימבאָל פון לעבן און פון האָ-פענונג אין דער צוקונפט פון מענטש...

*

די שיל איז געווען פול געפאקט. בוקאָווינער, בעסאראבער, אוקראַי-נער שארית-הפליטה יידן זענען געקומען צו כל-נדרי אויסגיסן די אָנ-געווייטיקטע הערצער צום רבונו של-עולם וואָס האָט זיי פארלאָזט, אָבער זיי הענגען זיך אין אים אָן ווי א דערטרונקענער אין א שטרוי. די שיל איז איינגעהילט אין בין-השמשותדיקע שאָטנס, און פונעם אויפגע-ריסענעם דאך, דורך דער איינגעפאלענער סטעליע האָט ארייגעקוקט א שטיק בלויער הימל און עטלעכע בלייבע שטערן. פרויקע קירזשנער איז געשטאַנען פארן עמוד מיטן טלית איבערן קאָפּ ווי א ווירדיקער שליח פון זיין עדה, מיט אן אויסגעגלייכטן רוקן און געהויבענעם קאָפּ. אין שיל איז געווען שטיל און די מתפללים אין די ווייסע טליתים האָבן אויס-געזען ווי שאָטנס איינגעהילטע אין תכריכים. ס'איז געווען שטיל, נאָר פון דער ווייבערישער שיל האָבן זיך דערטראָגן געשטיקטע געוויינען...
„על דעת-המקום ועל דעת הקהל" האָט אָפּגעהילכט אין דער האלב-חרובער שיל, און די ריינדיקע כל-נדרי תפילה האָט צעגאָסן אירע אקאָרדן וואָס האָבן זיך דערהויבן — האָט זיך מיר געדאכט, צום אויפגעריסענעם דאך, און פון דאָרט ווייטער ארויף צום בלויען שטיק הימל, צו די שטערן, אין די ווייטע אומענדלעכע רוימען. איך בין געבליבן א פארכישופטער און א געררירטער, א גערירטער ביז טרערן. איך האָב זיך אויף אמאָל גע-זען אינדערהיים אין דער בלעכערישער שיל... כ'בין געשטאַנען א פארכישופטער און נישט געקאָנט אָפּרייסן מיין בליק פונעם שטיק הימל מיט די שטערן וואָס האָבן אריינגעקוקט דורכן אויפגעריסענעם דאך...
און אויף אמאָל האָבן מיך אויפגעוועקט געשרייען וואָס האָבן אָפּגע-הילכט פון אלע זייטן: „יידן! שרעקט אייך ניט! סטאלינגראד איז נישט

געפאלן און וועט נישט פאלן! מע שלאָגט זיך דאָרט פאר יעדן הויז, פאר יעדן שטיין. דער שונא וועט האָבן די מפּלה!"

א פארשפּעטיקטער האָב איך אָנגעהויבן שרייען: „יידן! דער שונא וועט האָבן א מפּלה!" עם ישראל חי! ...

ביים ארויסגאנג האָט אויף אונדז געוואַרט טאַניע. זי איז געווען א צופרידענע, אירע גרויסע אויגן האָבן געשיינט. מיר האָבן זיך אַלע אומ־געקערט אין א בעסערער שטימונג. פאַראוים איז געגאנגען דער שוחט אין די שוחטקע מיט די קינדער, נאָך זיי דער טאַטע און די מאַמע, דער פעטער יואל און די מומע פערעלע מיט רייזעלען, און צום שלוס איך מיט טאַניען, מיר האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי די הענט.

שבת בראשית האָבן מיר געהאַט א חתונה. די ערשטע חתונה אין געטאָ: שיקע מיט מירעלען. שיקעס מוטער האָט געוואָלט א חופה, האָט מען געשטעלט א חופה טאַקע ביי זיי אין שטוב. חופּה קידושין האָט גע־געבן מנשה מלמד, צוויי פינגערלעך האָט געבראַכט הערשל — דער אַמאָלי־קער פראָצענטניק — און אויך צוויי פלעשער סאַמאָהאָן פונעם באַזאַר. מיר האָבן געטרונקען צו גלעזלעך סאַמאָהאָן און פארביסן מיט רעפטלעך געררטשן ברויט און שטיקלעך געקאָכטע מאָרדע פון א בהמה, וואָס אור־טשיק קצב האָט געקריגן אויף יענער זייט בריק. זינגען האָבן מיר מורא געהאַט. מיר האָבן זיך געקושט און געפרייט מיט טרערן אין די אויגן...

*

דער ווינטער איז צוגעפאַלן אַן אומגעריכטער, א בייזער. איבערנאַכט איז אויסגעפאַלן א שניי און פאַריאָגט די געטאָ שאָטנס צוריק אין זייערע לעכער. די קעלט האָט געפרווירן דאָס טייכל און צעטריבן דעם באַזאַר. קיין ברויט איז נישט געווען. ס'האָט אויסגעבראָכן א שווערע עפּידעמיע פון פלעקטיפוס, און דער לאַנגער וואָגן פלעג ווידער יעדן טאָג אויפ־לאָדן מתים און זיי אריבערפירן אויף יענער זייט בריק. אין א נאַכט איז געשטאָרבן ר' נחמיהס שוועגערין, מירקע. פאַרטאָג בין איך אויפגע־שטאַנען און זיך פאַרטשעפעט אין איר טויטן גוף. אינדערפרי האָט מען זי פאַרנומען. אין שטיבל איז געוואָרן געראַמער, בין איך געגאַנגען מיטן

פעטער יואל און געבראכט צו אונדז דעם פעטער מרדכי, ער איז געווען נאָך דער טיפוס קראנקהייט און געלעגן מיט געשוואָלענע פים.

„אויב לעבן, איז אינאיינעם — אויב שטארבן — איז אויך אינאיינעם", האָט געזאָגט. דער טאטע. די מאמע האָט אויסגעבעט מיט אָטשערעט דעם פריטש וואָס דער פעטער יואל האָט צונויפגעשטעלט דעם זומער פון צונויפגעקליבענע ברעטלעך מיט זיינע פעיקע פויערישע הענט און דער טאטע האָט אָפגעטרעטן דאָס אָרט דעם פעטער מרדכי. די גאָלדענע ציין האָט דער פעטער יואל שוין לאנג פארקויפט, געקויפט זיך א פאָר אלטע שיך אויפן באזאר און הונדערט מארק האָט ער אוועקגעלייגט; ער האָט געהאלטן דאָס געלט צוקאָפנס נישט געהאט וואָס דערמיט צו קויפן.

אין א פראַסטיקן אינדערפרי האָב איך זיך אריבערגעכאפט לעננאווים דעם טייך אין מיל אריין. קאַפיטקאַ האָט מיך געזען דורכן פענצטערל פון זיין „ביורא" און איז אראָפגעקומען. ער האָט מיר א ווונק געטאָן און מיר זענען ארוים פון דער מיל. ער האָט מיר געזאָגט אז ס'איז גע-פערלעך איך זאָל קומען אין מיל אריין, ער איז פארדעכטיקט. ער האָט מיר אויך מיטגעטיילט אז ביי סטאלינגראד קומען פאָר פארביטערטע קאמפן און אז א גאנצע דייטשישע ארמיי איז דאָרט ארומגערינגלט. דאָס — האָט ער צוגעגעבן — וועט זיין די גרעסטע מפלה פון היטלערן אינעם צווייטן וועלט-קריג. נאָר — האָט ער אונטערגעשטראָכן — מע דארף זיין פאָרזיכטיק, ווייל די פארוואונדעטע פאשיסטישע חיה קאָן איצט ווערן א נאָך מער געפערלעכע.

איך בין אהיים געקומען מיט אביסל גערשטן-מעל, וואָס טערענטי דער מילנער האָט מיר געגעבן, און א דערמוטיקטער האָב איך דערציילט טאניען די לעצטע נייעס פונעם פראָנט. טאניע האָט זיך אויך געפרייט, נאָר זי האָט מיך געבעטן איך זאָל שווערן אז כ'וועל מער נישט ריזיקירן און נישט ארויסגיין פונעם געטאָ.

די פרעסט האָבן זיך געשטארקט און די צאָל מתים איז געשטיגן. געשטאָרבן חיים בייגל-בעקער, ער איז אויך געווען א בדחן, און מע האָט אים אריינגעוואָרפן אין דעם זעלבן וואָגן מיט פרויקע קירזשנער. ער איז געשטאָרבן אין דער זעלבער נאכט מיט זיין ווייב, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געווען אָפגעשמועסט.

פרויקע קירזשנער... אין די אויערן קלינגט מיר נאָך עד היום זיין זים קול, זיינע הארציקע תפילות. מיט זיין טויט, האָב איך געפילט ווי ס'איז אָפּגעשטאָרבן אויך אין מיר אַן אבר, אַן אבר, אַ טייל פון מיין עקזיסטענץ — פון מיין קינדהייט.

דער פעטער יואל האָט אָפּגעשאָקלט מיטן קאָפּ „דער היינטיקסיעריקער ונתנה תוקף האָט אונדז פארצייכנט אין „מי ברעש, ומי במגיפה..."

ביי אונדז האָב איך געמאכט דער ערשטער דעם „פּעטשעטעק". איך האָב אויף אמאָל באקומען גרויס פיבער, און מיין אויסגעמוטשעטער קערפער איז באשיט געוואָרן מיט רויטע פלעקן. דער פעטער מרדכי האָט מיר אָפּגעטרעטן דעם פריטש און איך בין פארזונקען אין טיפן אָפּגרונט פון אומבאוווסטזיין.

... ווען כ'האָב זיך אויפגעכאפּט האָב איך ווי דורך אַ נעפּל געזען פאר זיך צוויי שאָטנס. איך האָב זיי דערקענט: די מומע פּערעלע און טאַניע זענען געזעסן לעבן מיר. איך האָב געפּרוּווט אויפהויבן דעם קאָפּ, נאָר ער איז אוממעכטיק צוריקגעפאַלן אויפן פריטש. איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע כוחות און אַ שעפּטשע געטאָן: סטאַלינגראַד... טאַניע האָט זיך אָנגעבויגן צו מיין אויער: „ביי סטאַלינגראַד ווערט די ארומגערינגלטע דייטשישע ארמיי ליקווידירט, די ישועה איז נאָענט. איצט שלאָף רואיק". איך בין צוריק פארזונקען אינעם תהום פון אומבאוווסטזיין.

... ווען איך בין אַראָפּ פונעם פריטש האָט זיך דאָס שטיבל מיט מיר געדרייט. איך האָב זיך אָנגעהאַלטן ביי די ווענט און געמאכט עטלעכע טריט. אין אַ ווינקל איז געלעגן די מאמע, און אַ צווייטן די מומע פערעלע און לעבן איר דער פעטער יואל. דער טאטע איז ארומגעגאנגען צווישן זיי און געלייגט נאסע האנטיכער צו זייערע קעפּ. די מומע פערעלע האָט זיך געוואָרפן און אירע אויסגעטרוקנטע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „שלמהלע, שלמהלע". שלמהלע זלמן דעם שדכנס, איר ערשטע ליבע ... שלמהלע, וואָס האָט אמאָל נעקעמפט אין ווייטן שפּאניע קעגן פאשיזם, קעגן מלחמה... דער שוחט און די שוחטקע זענען אויך געלעגן אויף טיפוס און די קליינע רייזעלע איז געווען ביי ציפּע דער בעקערן.

דער פעטער מרדכי איז נישט געווען — ער איז יענע וואָך געשטאָרבן.

דער טאטע איז צו מיר צוגעגאנגען און מיך ארומגענומען:

— דאנקען גאָט פאַר זיין גרויסן חסד, דאנקן גאָט וואָס מיין קדיש איז לעבן געבליבן.

17 סעפּטעמבער

דער טאָג איז א שיינער, א ליכטיקער, מיר איז אָבער אומעטיק אויף דער נשמה. די נעכט — שלאָפלאָזע, זינט מיינע פאַרצייכענונגען האָבן דערגרייכט די טרויעריקע קאַפּיטלעך פון אונדזער גירוש, פון די געטאָ יאָרן. איך האָב געפּרווט פאַרטרייבן דעם אומעט און אָנגעקלונגען נעכטן אין אָוונט אהיים. מיין אייניקל האָט מיך באַגריסט מיט א גוטן אָוונט און א גוטע נאכט זיידע, איז מיר לייכטער געוואָרן אויפן הארץ. ביינאכט אָבער האָב איך געהאַט קאָשמאַרן. מתים אין תכריכים ארום דער בלעכע-רישער שיל. קום איך צו נענטער, איז דאָס גאָר די האלב-חרובע געטאָ שיל און ארום טאַנצן מתים, די דאָראָהויער יידן וואָס זענען דאָרט אין דער שיל אויסגעשטאָרבן אלע פון הונגער, קעלט און טיפוס. דערנאָך האָב איך געזען די ווינט-מילן, און דעם „פוילן טייך". פון צווישן די גראָזן הויבן זיך אויף דער פעטער אריה, מענדל „דיפּלאָמאַט", מאיר-וואָלף טרעגער, די גאַנצע קאַלאָנע מיט הונדערטער יידן וואָס איז ארויס-געפירט געוואָרן דעמלט דעם 3טן יולי 1941, און צעשאָסן געוואָרן. זיי זענען אָן תכריכים, זיי שפּאַנען אין זייערע קליידער וואָס זיי האָבן אין יענעם טאָג געטראָגן, שפּאַנען, הויבן די הענט צום הימל און שרייען: „ברענגט אונדז צו קבר ישראל! צו קבר ישראל!"

איך כאַפּ זיך אויף א באַגאָסענער מיט א קאַלטן שוויים, ווער שפּעטער ווידער אנדרימלט און זע שואל למד-וואָוונִיק, ווי ער שווימט אין דער קאַלוזשע פון בלוט און בלאָטע, אָן איינגעהילטער אין טלית מיטן של-ראש אויפן שטערן ...

אין טו זיך אָן און א מידער גיי איך צום קוואל מיטן פלעשל און טראכט בשעת-מעשה „אפשר מאכן א הפסקה, איבעררייסן די פאַרצייכענונגען, זיי אָפּלייגן אויף שפּעטער". אָבער די זכרונות לאָזן מיך נישט, זיי לאָזן מיך נישט אָפּ, זיי טענהן צו מיר, שרייען צו מיר: „שרייב! ענדיק! מוטשע

אונדז ניט און מוטשע ניט זיך, מיר ווילן האָבן א תיקון און ווילן דיך באפרייען".

"מיך באפרייען? איך וועל מיך פון אייך נישט באפרייען אפילו ווען כ'וועל ליגן מיט די פיס צו דער טיר"...

גיי איך אראָפּ צו מיין אינדזעלע, ביים ברעג פונעם אָלט, נעם ארויס דעם העפט, פרווו שרייבן, נאָר סע גייט נישט. נעם איך ארויס דעם אלטן אָפּגעריבענעם העפט וואָס טאַניע האָט מיר געגעבן אין יענע יאָרן אין געטאָ און לייען:

*

פעברואר 1943 ...

די זאווערוכע האָט געהוליעט א גאנצע נאכט. זי האָט געשמיסן מיט כעס די ווענט, די טירן און די פענצטערלעך פון די כאטעס, האָט געריסן דעכער, אָנגעבלאָזן הויפנס שניי איבער די קרומע געסלעך. דאָס געטאָ האָט אויסגעזען ווי א גרויסער פארגליווערטער בית-עולם אָנגע-טאָן אין תכריכים. הי און דאָ האָט געפינטלט א קאנעץ, ווי א נשמה, וואָס גייט אויס אין א שטארבנדיקן גוף. פון דערווייטנס האָט אָפּגעהילכט א שיסעריי, און דער עכאָ איז פארלוירן געגאנגען אין ווייסן סטעפּ.

אין יענער נאכט בין איך נישט געשלאָפן, טראַכט דעם וואָס איך בין גע-ווען אָפּגעשוואכט פון דער קראנקהייט. די מאמע איז נאָך נישט געהאט גע-קומען צו זיך און דער פעטער יואל און די מומע פערעלע זענען געלעגן, געברענט פון פיבער. איך בין געזעסן צוקאָפּנס פון מיין קראנקן פאָטער. נעכטן איז ארייננעקומען א דאָקטער, טאַניע האָט אים גערופן. ער האָט אָפּגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „פלעקטיפוס, דער אָרגאניזם ביי אים אויס-געשעפּט, קיין מעדיקאמענטן האָבן מיר נישט"...

דאָס קאנעצל האָט אויסגעברענט, אָנגעהויבן רייכערן, האָב איך עס פארלאָשן. שאָטנס פונעם גרויען פרימאָרגן האָבן זיך באוויזן אויף די ווענט. דער טאטע איז געלעגן אויפן פריטש און געקרעכצט. דאָס פּנים אויסגעצאמט און פארגעלט, די אויגן פארנעפּלטע, די ליפּן פארבלויטע, פארטרוקענטע האָבן געשעפּטשעט, עפּעס געמאָנט. איך האָב זיך דער-

געטרעט, אַנגעבויגן זיך צו אים. ער האָט מיר געמאָנט דעם טלית און די תפילין. כ'האָב אים אונטערגעהויבן די אקסלען, אָנגעטאָן דעם טלית, דערנאָך אויף זיין אויסגעדאַרטער לינקער האַנט דעם של-יד און דעם של-ראש אויפן קאָפּ. דער טאַטע האָט געדאַוונט שחרית, די לעצטע תפילה אין זיין לעבן.

...ער איז נישט געווען קיין למדן. מיין פאָטער, א פשוטער האָרעפּאַש-נער ייד, אָבער אן יראת-שמים. ער האָט געגלויבט אין גאָט און אין מענטשן, אין דער תורה, אין באַיאַנער רבי ... אין משיחן און אין עולם הבא.

איך האָב באַטראַכט זיין אָפּגעטויט פּנים און פאַר מיינע אויגן איז געלאָפן דער פילם פון זיין באַשיידן לעבן, פון אונדזער לעבן.

... דער טאַטע קערט זיך אום פרייטיק-צונאַכטס פון דער שיל. די מאַמע האָט נאָר וואָס אָפּגעבענטשט ליכט. ער מאַכט קידוש און מיר זינגען זמירות. ער שטעלט זיך אָפּ ביי יעדן ביסן פון דער שבתדיקער סעודה: „האַ, טעם גן-עדן".

... סדר-נאַכט, פּסח, דער טאַטע זיצט ווי א מלך אויפן הסב-בעט, איך פרעג אים די פיר קשיאות, ער ענטפערט מיט „עבדים היינו". מיר עסן אָפּ די סעודה, ער לאָזט אריין אליהו הנביא, און איך ווער אַנטשלאָפן ביי דער מאַמע אויף די הענט, פאַר חד-גדיא ...

... דער טאַטע צינדט אָן דאָס ערשטע חנוכה ליכטל, דער טאַטע פירט מיך צום באַיאַנער רבי, איך גיי נאָך מיטן טאַטן אליעזר שטיינבאַרגס לוויה, איך זע אים דאַווענען ביחידות, דאָרט ביים פענצטער אינעם דאָרפישן שטיבל; איך זע אים אַרבעטן אין גאָרטן און זיך פרייען מיט יעדן אויבסט, די מי פון זיינע הענט, מיט יעדער פּירה וואָס ער פלעג צערטלען ווי א ניי געבוירן קינד. איך הער זיין קול ווען ער האָט מיך דעמלט באַגלייט צום אויטאָבוס: „זונעניו, איך בעט דיך, ווייסט, מאָרגן... מאָרגן איז יום-כיפור"...

איך ווייס ניט צי ער האָט פאַרענדיקט דאַווענען שחרית, ווייל ער איז אַנדרימלט געוואָרן. ער האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט און מיר האָט זיך געדאַכט אז זיין בליק איז א לויטערער, זיין אָטעמען א לייכטערער. ער האָט מיר געהייסן זיך זעצן לעבן אים און האָט מיך באַטראַכט מיט

א דורכדרינגלעכן בליק: „גיב מיר די האנט"—האָט ער א שעפּטשע געטאָן. זיין האנט איז געווען א ביינערדיקע און א קאלטע.—

— וואָס פאר א טאָג איז היינט לויט אונזער לוח?

— ס'איז צוואנציק טאָג אין אדר, טאטע.

— מאָרגן איז כ'א אדר, מיין טאטנס, דיין זיידע לייבושעס יאָרצייט.. זאָלסט נישט פארגעסן. איך... און נאָכן פעטער מרדכי, קדיש, כאָטש ביז צו די שלושים... ער איז א מידער אנטשוויגן געוואָרן.

בין השמשות ווען די פארנאכטיקע שאָטנס האָבן זיך ארייַנגעשמוגלט אין שטיבל, האָט ער ווידער אויפגעעפנט די אויגן:

— זאָלסט נישט פארגעסן, מאָרגן...

— איך וועל נישט פארגעסן, טאטע.

ער האָט זיך מיט די לעצטע כוחות אביסל אונטערגעהויבן, מיך געבעטן אים אויסטאָן דעם טלית מיט די תפילין און האָט מיר געזאָגט מיט א דערשטיקט קול:

— דער טלית איז מיינער, אין אים וועט מיך מאָרגן איינוויקלען און אריינלייגן אין קבר אריין, נאָר די תפילין לאָז איך דיר איבער, זאָלסט זיי היטן, איך האָב זיי פון מיין בר-מצווה... און זאָלסט נישט פארגעסן זונעניו! זאָלסט נישט פארגעסן! ער האָט מיר אָנגעכאפּט מיין האנט מיט זיין קאלטער ביינערדיקער האנט: זאָלסט נישט פארגעסן וואָס מיט אונדז איז פאָרגעקומען, וואָס מ'האָט מיט אונדז געטאָן. דו וועסט לעבן, מוזט לעבן, לעבן און דערציילן, לעבן און שרייבן, דערציילן דיינע קינדער און קינדס-קינדער, דער וועלט וואָס וועט לעבן נאָך מיר...

ער האָט א כאָרכל געטאָן, דער קאָפּ האָט זיך אים א ווייכער אויסגעגליטשט אויפן פּריטש...

איך האָב פארביילט די פויסטן און פארקלעמט די ציין:

„איך שווער דיר, טאטע, אז כ'וועל נישט פארגעסן, איך וועל טאָן אלץ וואָס סע וועט מעגלעך זיין אז די וועלט זאָל נישט פארגעסן אין דיין טויט, אינעם טויט פון די מיליאָנען קדושים וואָס זענען אומגעקומען אין די געטאָס און אין די לאגערן איבער גאנץ אייראָפּע."

די נאכט פון כ׳אדר איז געווען א לאנגע און א קאלטע. דאָס קאַנעצל איז לאנג אויסגעלאָשן. א רויטע לבנה פון כעס און פון בושה האָט פאַר־דעקט איר פּנים מיט א וואָלקן, איינהילנדיק מיט א געלבלעכער טויט־שיין דעם סטעפּ, דאָס געטאָ און דעם אלטן בית־עולם.

*

דער שני האָט זיך צעטאָפּעט. שערענגעס מיט פייגל האָבן זיך ווי־דעראמאָל אומגעקערט צו זייערע נעסטן און מיר זענען נאָך אַלץ געווען אין געטאָ. באלד וועלן זיך אָנגעהויבן די לאנגע ארבעטס טעג ביי די שטראָזן און ביים טאָרף. באלד וועלן זיך ווידער צעפירן די הענט די זשאנדארן, די אוקראינישע פּאָליציי און לאָזער „זשערעבעץ“ מיט זיינע „הינטשלעגערס“. מ׳ווארט אויף דער ישועה, איבערהויפּט נאָך סטאלינ־גראד. די ישועה איז נאָענט און גלייכצייטיק נאָך אזוי ווייט ...

סטאלינגראד, א סך גלויבן נישט אפילו: „עט, דער דייטש איז שטארק, ער געוועלטיקט איבער האלב רוסלאנד און גאנץ אייראָפּע, ווער וועט דער־לעבן?“

איך האָב זיך אריינגעכאַפּט אין א טאָג צו סטעפּאן קאַפּיטקאָ אין מיל אריין, געבליבן דאָרט עטלעכע מינוט, געווען צו געפּערלעך. „גאָט אליין האָט דיך געבראכט“ האָט ער מיר געזאָגט און געגעבן אויספילן עטלעכע בלאנקן אין רומעניש. „אונדזערער א מענטש האָט זיי ארויסגע־גנבעט פון דער פּרעטורע“, האָט ער געזאָגט, „וועלן מיר זיי נוצן פאר אונדזערע צוועקן“.

„מיר דארפן שיקן אונדזערן א פארבינדלער קיין זשמערינקע, מ׳דארף א טראכט טאָן וועגן געווער, דער חבר וועליקי האָט באפוילן, און מ׳וואָלט באדארפט באקאנט מאכן דער באפעלקערונג איבערן גרויסן נצחון ביי סטאלינגראד, ווי אזוי, ווייס איך אליין נישט“.

איך האָב דערציילט טאניען איבער מיין באגעגעניש מיט קאַפּיטקאָן און איך האָב זיך דערנאָך פארשאָלטן די יאָרן דערפאר, כאָטש איך האָב דעם צוזאמענטרעף נישט געקאָנט פארשווייגן.

אין אן אויפדערנאכט בין איך אריינגעגאנגען מיט טאניען צו שיקען, שוין לאנג זיך נישט געזען. שיקע מיט מירען האָבן אונדז אויפגענומען

ווי גרויסע געסט. זיי זענעןביידע געווען אָפּטימיסטיש געשטימט, זיך געפֿרייט מיטן סטאַלינגראַדער נצחון און געהאָפֿט אויף א נאָענטער ישועה. זיי זענען געווען א גליקלעך פּאָרל, און אין די גרויזאַמע צייטן האָט דאָס אויסגעזען אויסערגעוויינטלעך. מיר האָבן זיי דערציילט וועגן קאַפּיטקאָס מיינונג אויף צו דערמוטיקן די באַפֿעלקערונג, אָבער סע שטעלט זיך די פֿראַגע ווי אזוי, און ווער זאָל עס טון.

— עמעצער דאַרף דאָך עס טאָן — האָט א זאָג געטאָן טאַניע — און אירע גרויסע אויגן האָבן א בליץ געטאָן.

— אפשר אויסקלעפּן עטלעכע אַפּישן ביינאַכט? האָט א פֿרעג געטאָן ישיקע.

— ניין, דאָס דאַרף מען אָפּטאָן ביי טאָג — האָט געענפֿערט טאַניע.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אהיים צום שוחט׳ס שטיבל, און טאַניע האָט מיך אָפּגעשטעלט:

— געזען א גליקלעך פּאָרל?

— יאָ, טאַקע א גליקלעך פּאָרל. — און מירע זעט גוט אויס, גלייך ווי זי וואָלט נישט געהונגערט.

— נאַריש ייִנגעלע, זי שוואַנגערט...

— זי שוואַנגערט?

— יאָ, זי שוואַנגערט און איז גליקלעך. ווייסט, איך בין זיי מקנא... איבערהויפּט מיראָטשקען, זי איז ייִנגער פֿון מיר מיט צוויי יאָר און האָט אָפּגעטאָן א סך מער פֿון מיר אין לעבן. זי האָט געפֿונען איר גליק און אין זיבן חדשים ארום וועט זי ברענגען א קינד אויף דער וועלט, א קינד, פֿאַרשטייסט? איר מענער באַגרייפֿט דאָס נישט, אָבער מיר פֿרויען .. דאָס איז די ערשטע און די גרעסטע פֿליכט פֿון א פֿרוי אין איר לעבן, פֿאַרזעצן דעם המשך פֿון דער מענטשהייט.

— אָבער אין אזוינע צייטן?

— אין אזוינע צייטן? דווקא אין דיע צייטן, און דווקא ביי אונדזער שווער געטראָפֿן פֿאָלק איז דאָס א ביישפּיל פֿון גרויסן מוט, א סימבאָל פֿונעם זיג איבערן טויט, איבערן פֿאַשיזם, איבער דער מלחמה. דאָס מיינט אז אונדזער אויסדויער האָט נישט קיין גרענעץ. די געשיכטע וועט אמאָל פֿאַרצייכענען אז אין געטאָ איז אין יאָר 1943 געבוירן געוואָרן א קינד,

א יידיש קינד. א בלימעלע וועט אויפשפראָצן אין מדבר, אינעם שרעק-לעכטסן מדבר פון אלע מדבריות, אינעם מדבר פון האס און פון מאָרד...

זי האָט זיך צו מיר צוגעטוליעט: „נעם מיך ארום" און מיר אריינגע-קוקט גלייך אין די אויגן:

— זאָג, מיר, אז איך וועל אין א טאָג פארשווינדן, וועט דיר באנג טאָן נאָך מיר? אוי, ליבינקער א נאריש מיידל, א שוואך מיידל בין איך...

*

ס'האָט אָנגעהויבן שאריען אויף טאָג. דער פעטער יואל האָט מיך אויפגעוועקט. מיר האָבן באדארפט גיין ארבעטן אין „סאָוואָז" צום פאן קאזימיר. איך האָב ארויסגעקוקט דורכן פענצטערל. איבערן טייכל האָט געהאָנגען א גרויער נעפל. געווען א קילער פארטאָג. די שניי פלעקן האָבן נאָך נישט איינגאנצן פארלאָזט די טאָלן, האָבן געוואַרט אז א שטארקער ווארעמער פרילינגס-רעגן זאָל זיי אָפוואשן, און זיי זאָלן אָפטרעטן זייער פלאַץ די גרינע זוימען וואָס האָבן אָנגעהויבן שפראָצן, ווייל ס'איז געקומען זייער צייט. איך האָב אריינגעלייגט אין קעשענע צוויי ארבעס פלעצלעך און געוואַרט אויפן פעטער יואל וואָס האָט שוין געהאט אָפגעלייגט טלית און תפילין. אויף אמאָל האָט מען אָנגעהויבן שטארק קלאָפן אין דער טיר און אין פענצטער. „מע כאפט אויף ארבעט", האָט מיר א בליץ געטאָן אין מח. ס'האָט אָנגעהויבן דער „טולטשינער סעזאָן" — ווי מע פלעג זאָגן אין געטאָ. די מומע פערעלע איז תיכף אריין צו ניסל שוחט זיך אויסצובאהאלטן מיט דער שוחטקע אין זייער „סעקרעט", א מין פאראמסקירט קעלערל אונטערן אויוון, ווו זי האָט זיך ניט איינמאָל אויסבאהאלטן. איך האָב געעפנט די טיר און דערזען פאר זיך שיקען א באָרוועסן, א צעשויבערטן, לעבן אים מירע א פארוויינטע און הינטער זיי מוסיע, א בלייכער מיט אן אראָפגעלאָזטן קאָפּ.

„טאניע, טאניע, האָבן זיי געשטאמלט, געכאפט פון יענער זייט בריק.. טאניע"...

איך בין געלאָפן איבער די פוסטע געסלעך, שיקע מיט מוסיען נאָך מיר; איך בין געלאָפן און פאר זיך גאָרנישט געזען. שיקע האָט מיך אָפּ-

געשטעלט, אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען: „וווהין לויפסטו? ביסט משוגע? די פּאָליציי האָט ארומגערינגלט די גאס און די בריק״...

איך האָב געפילט אַ מין חלשות. זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט אין דער מויער פון דער האלב-חרובער שיל און געשלאָגן מיט די פויסטן די אָפּגעלופּעטע צעקרישלטע ציגל...

מ׳האָט מיך אהיימגעפירט. איך בין ארייננגעגאנגען צו ניסן שוחט און אים גערדריקט די האנט: „ר׳ניסן איך וויל זיצן מיט אייך שבעה״...

*

די זון האָט צעגאָסן איר שפע פון ליכט און וואַרעמקייט איבער די פעלדער און לאָנקעס. די נאַטור רעכנט זיך ניט מיט מענטשלעכע שטימונ- גען, זי טוט זיך אירס, לויט אירע געזעצן, זינט דער יצירה ביזן היינטיקן טאָג. ווי אַזוי קאָן שיינען די זון נאָך טאַניעס טויט, נאָכן אומקום פון נאָענטע און טייערע, און ווי אַזוי קאָן זי שיינען איבערן געטאָ וווּ מיר זיצן פאַרשפאַרטע שוין אכצן חדשים, הונגעריקע. צעפּרעסענע פון לייז, פאַרמוטשעטע, דערשלאָגענע, דערנידעריקטע, דערשראָקענע, מורא פאַר יעדן שאָטן, פאַר יעדן שאָרך, פאַר יעדן שאָס. „מ׳כאַפּט אויף אַרבעט, ס׳אַן אַבלאַווע״, „מ׳פירט צום בוג״, „מ׳שיקט קיין פּעטשערע״, „מ׳שיקט קיין טולטשין״. מ׳שיקט, מ׳כאַפּט, מ׳שטאַרבט, און קיינער וויינט נישט, אויסגעטרוקנט די טרערן...

... און די זון שיינט, די פעלדער גרינען, דאָס טייכל פּליסט, פייגעלעך שפּילן, ביימער פולן זיך אָן מיט זאַפט, בלומען בליען, פאַרטרייבן דעם שטונק פונעם געטאָ. בלומען בליען און אינאיינעם מיט זיי נייע האָ- פענונגען. ס׳איז נאָך סטאַלינגראַד. דער שונא האָט געכאַפּט אַ טויט-קלאַפּ, דער גורל פונעם צווייטן וועלט-קריג איז געחתמעט. אָבער אונדזער גורל אין געטאָ? נישט וויכטיק, „תמות נפשי עם פּלישתים״. ס׳איז לייכטער צו שטאַרבן ווען מע ווייסט אַז דער שונא האָט געקריגן אַ מפּלה. סע וויל זיך אָבער לעבן, יאָ, סע וויל זיך לעבן. מאָדנע געפילן האָבן באַהערשט די מענטשן אין יענעם פרילינג פונעם יאָר 43. געמישטע געפילן פון פּחד און האָפענונגען, פון מאַכטלאָזיקייט און גרייטקייט צום קאַמף. אַ

קאַמף אַן געווער דערווייל, א פּאַרבּיסענער, טויב-שטומער קאַמף פאַר איבערלעבּן, פאַר אויסשטיין, פאַר דערלעבן דעם טאָג, די שעה, און אויב שטאַרבּן איז „תמות נפשי עם פּלישתּים"...

אין א פאַרנאַכט האָב איך זיך ארייַנגעכאַפּט אין מיל אריין צו קאַפּיטקאָ. ער האָט מיך אויפגענומען מיט פרייד און דערציילט וועגן די נייע איניציאַטיוון פון דער רויטער ארמיי נאָך סטאַלינגראַד. מיר האָבן זיך געזעגנט און ער האָט איבערגעגעבן פאַר מיר און אלע חברים פון געטאָ א גרוס פון חבר וועליקי.

— דער חבר וועליקי האָט געהייסן אראָפּנעמען די געלע שטערן פון די קליידער, איר זאָלט גיין פון שטוב צו שטוב און הייסן אויסטון די לאַטעס.

— נו און די פּאָליציי? האָב איך געפרעגט.

— די פּאָליציי וועט שוין האָבן מיט זיך צו טאָן — האָט געשמייכלט קאַפּיטקאָ — א גרופּע פּאַרטיזאַנען האָבן געשאַפן א באַזע אין די ארומיקע וועלדער.

איך האָב זיך אומגעקערט לענגאויס דעם טייכל מיט דער סטעזשקע וואָס האָט געפירט אין געטאָ. דער אָוונט איז געווען א וואַרעמער, אַן אויסגעשטערנטער. איך האָב טיף איינגעאָטעמט די קילע, פרישע לופט און אין געדאַנק גערעדט צו טאַניען:

„טאַניע, טאַניעשטקע, מאָרגן וועלן מיר אויסטאָן דעם געלן שטערן דאָס ערשטע שווּעלבעלע פונעם באַפרייאונגס-פרילינג איז אָנגעקומען אין געטאָ. שלאָף רואיק, דו האָסט דיין פליכט אויסגעפילט, געבראַכט אלס קרבן דיין יונג לעבן כדי דאָס ערשטע שווּעלבעלע זאָל קומען צופליען. האָסט זיך מקריב געווען אויפן מזבח פונעם לעבן און פרייהייט, אז קינדערלעך זאָלן זיך מאָרגן שפּילן פרייע אונטערן בלויען הימל" ...

*

דאָס ציגיינערל האָט אָפּגעשטעפּט דעם „פּאַראָם", וואָס האָט א סקריפּע געטאָן און זיך פאַוואָליע געגליטשעט איבער די דריבנעטשקע כוואַליעס פונעם אָלט. איך האָב אים נאָכגעקוקט ביז ער האָט דערגרייכט דעם צווייטן ברעג און די פּאַסאַזשירן זענען אראָפּ און פאַרשוונדן צווישן די סעדער ארום די ווייסע פּויערישע שטיבלעך.

מ'װיש איך װידער אויף דעם אַלטן פֿאַרגעלטן העפֿט װאָס טאַניע האָט מיר געגעבן אין געטאָ און לייען די אָפּגעריבענע אותיות פֿון דער לעצטער פֿאַרצייכענונג װאָס איך האָב געמאַכט אין זומער פֿון יאָר 1943.

*

יוני 1943

דעם ערשטן יוני 1943 איז פֿאָרגעקומען אַן אַבלאַװע אין געטאָ. ס'איז געװען אין אַ פֿרייטיק-צונאַכטס און די מאַמע האָט נאָר װאָס געהאַט „געבענטשט ליכט" איבער צװיי האַלבע אויסגעהוילטע קאַרטאָפֿל אין װעלכע זי האָט אַריינגעטריפֿט אַ פּאָר טראָפּן אייל װאָס זי האָט אַנטליען ביי אונדזער שכנה דער שוחטקע. די זשאַנדאַרן האָבן געקלאַפּט מיט די קאָלבעס פֿון די ביקסן אין דער שװאַכער טיר פֿון דער אַלטער געטאָ-כאַטע. איך האָב אַרומגענומען, געהאַלדזט מיין מאַמע און זי האָט באַנעצט מיין פּנים מיט אירע הייסע טרערן... מיינע בני-בית האָבן געװיינט, מיך באַגלייט װי אַ מת..

אַבלאַװעס זענען פֿאָרגעקומען אויך פֿריער. די פֿאַשיסטן פֿלעגן כאַפּן מענער און פֿרויען, זיי שיקן אויף אַרבעט אין די טאָרף-עקספּלאָ-אַטאַציעס, אָדער אין פֿאַרשידענע פֿערמעס אויף לאַנדװירטשאַפֿטלעכע אַרבעטן. די אַרבעט פֿלעג אָנהייבן קאַיאָר און זיך ענדיקן ביים צופֿאַלן פֿון דער נאַכט. קיין עסן האָט מען נישט געגעבן, אַנשטאָט עסן האָט מען באַקומען קלעפּ פֿון די שיכורע בריגאַדירן, און בין-השמשות פֿלעג מע איינטיילן יעדן אַ זשמעניע גערשטן-מעל, אָדער אַרבעס, און מאַרש צוריק אין געטאָ. דאָס מאָל איז אָבער די יאַגד געװען פֿון אַ גרעסערן פֿאַרנעם און אַ סך בעסער אָרגאַניזירט. ביינאַכט האָט מען אַרומגערינגלט דאָס געטאָ. זשאַנדאַרן און פּאָליציי לייט האָבן געזוכט און גענישטערט אין יעדן שטיבל, אין יעדן לאָך, אַפֿילו אויפֿן אַלטן בית-עולם און צװישן דעם געדיכטן אָטשערעט ביים ברעג פֿונעם טייך. די זידלערייען פֿון די פֿאַשיסטן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די יללות און קללות פֿון װייבער און קינדער. דערנאָך האָט זיך די רו פֿון אַ װאַרעמער זומער-נאַכט אַראָפּגעלאָזט איבערן עלנטן געטאָ. װען אונדזער קאָלאָנע איז געװען אויסגעשטעלט, גרייט

צום וועג און די רייטער-זשאנדארן האָבן געגעבן דעם באפעל, האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ארומגענומען מיטן בליק די איינגעהויקערטע שטיבלעך פונעם געטאָ, וואָס האָבן אין דער חשכות פון דער נאכט אויסגעזען ווי איבערגעקערטע מצבות פון א פארלאָזטן בית-עולם און אין געדאנק האָב איך זיך נאָך אמאָל געזעגנט מיט מיין מאמע וואָס איז איבערגעבליבן אין געטאָ. מיין טאטע איז פאָריקן ווינטער געשטאָרבן פון פלעקטיפוס.

איך האָב צוזאמענגעדריקט די פויסטן און פארקלעמט די ציין: „איך וועל איבערלעבן! איך דאַרף איבערלעבן! איך מוז איבערלעבן".

ווו וועט מיך פירן ,ווו וועט אונדז פירן דער נייער מארש, דער נייער גלות? קיינער האָט אויף דער פראגע נישט געקאָנט ענפערן.

דעם צווייטן טאָג פארנאכט זענען מיר אָנגעקומען קיין מאָהילעוו. דאָרט האָט מען אונדז ארייננגעשטופט ווי בהמות אין פי וואגאָנען און ווען די באן האָט א ריר געטאָן און דער משונהדיקער יעכץ פונעם לאָקאָמאָטיוו האָט ארויסגערופן א ציטערדיקן ווידערקול אין די ארומיקע פעלדער, האָבן מיר מידע, צעבראָכענע זיך געטוליעט איינער אין צווייטן און געפרווט אנדרימלט ווערן אונטערן ריטמישן וויגן פון די רעדער וואָס זענען געלאָפן קיין דרום און אונדז געפירט אין אן אומבאקאנטער ריכטונג.

אויפן פערטן טאָג, ווען די וועכטער האָבן אויפגעפראלט די טירן פון די וואגאָנען, האָבן מיר פאר זיך דערזען א דאָרף מיט קליינע שניי-ווייסע שטיבלעך צווישן בליענדיקע גאָרטנס, ארומגעצוימטע מיט שטיינערדיקע פארקאנעם. דאָס דאָרף האָט געהייסן טריכאטי. אונטן האָט אין דער שיין פון דער זון געשימערט דער בוג, וועמענס כוואליעס האָבן זיך געאיילט צום אויסגום אין שווארצן ים. דאָס דאָרף איז אויך געווען א מין פאָרט; אהער פלעגן עטלעכע מאָל אין טאָג קומען מאָטאָר-שיפלעך מיט פארווונדעטע דייטשישע זעלנער. פון יענער זייט דאָרף ווו ס'האָבן אונדז איבערגענומען דייטשישע באאמטע אין אוניפאָרמען, האָבן מיר דערזען א גרויסן לאגער ארומגעצוימט מיט שטעכל-דראָט, א באוואכטער פון סאָלדאטן. הונדערטער מענטשן האָבן געארבעט ביים ברעג פונעם בוג, אייניקע אין וואסער. באלד האָבן מיר זיך דערוווסט

אז ס׳איז אן ארבעטס-לאגער פון דער אָרגאניזאציע „טאָדט“ און די פירמעס „קרופּ“ און „שטאלבאו“, האָבן אונטערגענומען בויען א בריק איבערן בוג. מיר האָבן נאָך דעמלט נישט געוווּסט אז די בריק האָט מען געגרייט פארן „ריקצוג“ פון די דייטשישע חיילות, וואָס האָבן געליטן מפּלות אויפן „אָסט-פראָנט“. ביי דער בריק האָבן געארבעט שקלאַפן פון כמעט גאנץ אייראָפּע. אויף דער טעריטאָריע פונעם לאגער זענען געווען באראקן. פאר יעדער נאציע א באזונדערע באראקע: פאר יידן, רוסן, אוקראאינער, טשעכן, סערבן א.א.וו.

דער טאָג-פּראָגראם איז געווען פון „עבודת-פרך“. גאנץ פרי פלעג אונדז אויפרייסן פונעם שלאָף א קלאַפּעריי פון האמערס אין א שטיק בלעך, דער סיגנאל פון „אויף“, און דאָס גרילצן פון די וועכטער פייפעלעך. א גאנצן טאָג האָבן מיר געהאָרעוועט ביי דער בריק, געטראָגן דרענגער, אייזערנע שטאנגען, אויסגעלאָדן אָדער אָנגעלאָדן שטיינער און זאמד. אינדערפרי אביסל סוראָגאט-קאווע, צו מיטאָג א שטיקל גערשטן ברויט מיט זופּ, אלס „פאָרשפּייז“ און „צושפּייז“ האָבן מיר באקומען די קלעפּ פון די אויפזעער אָנגעפירטע פון הויפּטמאן ערנסט, א קליינוווקסיקער דארער דייטש, וואָס פלעג א גאנצן טאָג ריטשען: „ארבייט! ארבייט! שנעל! פארפלוכטעס געזינדל“!

נאָר אויפדערנאכט, ווען מיר פלעגן מידע, צעבראָכענע, אויסציען אונדזערע אויסגעמאטערטע קערפּערס אויף די אויסגעבעטע פּריטשן מיט שטרוי אין אונדזער באראקע, פלעגן מיר אָנהייבן וועבן זכרונות, מאכן אן איבערזיכט איבער די געשעענישן פון טאָג און פון דער צייט, און אויף וויפל ס׳איז געווען מעגלעך, דערמוטיקן איינעם דעם צווייטן, הייבן דעם מאָראל, שטארקן די געמיטער פון די שוואכערע פון אונדז.

אין די שטילע זומער נעכט, ווען מיר פלעגן הערן דאָס מורמלען פונעם בוג, וועמענס כוואליעס זענען געווען אן אויסמיש פון מענטשלעך בלוט און מענטשלעכע טרערן, האָבן זיי געהאט וואָס צו דערציילן. אין די נעכט ווען אין די באראקן איז געווען שטיל און מע פלעג צומאָל נאָר הערן א דערשטיקטן זיפץ און דאָס קלאַפּן פון די אייגענע הערצער, פלעג זיך אויף אמאָל צעגיסן א זיסע נגינה וואָס פלעג ארומכאַפּן אונדזער און די ארומיקע באראקן. ס׳האָט געזונגען „דער חזן“ א קאפּיטל תהלים, א

ניגון פון סליחות, אָדער כל-נדרי. דער „חזן“, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ בעל-מלאכה פון עפּעס אַ בוקאָווינער שטעטל, פלעג נאָך אַ ביסל צופּאַרדינען מיט זיין גאָלדן קול ימים-נוראים אין אַ דאָרפישער שיל און אַזוי אַרום דערגאַנצן זיין מאָגערן בודזשעט פון אַן אָרעמען בעל-מלאכה.

דער „חזן“, אָדער דאָס „חזנדל“, ווי מ'האָט אים גערופן איז געווען אַ קליינוווּקסיקער, צאַרטער מיטליעריקער מענטש, אַ בלאָנדער מיט העל-בלויע אומרויִקע אויגן. ער פלעג זיך אַ פלינקער דרייען צווישן די וואַגאָנעטן מיט זאַמד וואָס ער האָט אָנגעלאָדן אונטערן באַרג פון יענער זייט באַן-ליניע. דערנאָך פלעג ער פאַרשווּנדן און זיך שפּעטער באַוויזן ביי דער בריק און פאָרשן די אומגעבונג מיט זיינע אומרויִקע אויגן. און אויפדערנאַכט האָבן זיינע נגונים ווי אַ באַלזאַם געהיילט אונדזערע נשמות, אונדז אָנגעלאָדן מיט פרישע כוחות, דערמעגלעכט אויסצושטיין דעם צווייטן טאָג די שווערע אַרבעט, דעם טעראָר, די שווערע נסיונות.

לויט דער צאָל שיפלעך מיט פאַרוואונדעטע דייטשישע זעלנער וואָס פלעגן אָנקומען אין דעם אימפּראָוויזירטן דאָרפישן פּאָרט, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די פאַשיסטן גייט מיט „דער פוטער אַראָפּ“ אויפן דרום-דיקן סעקטאָר פונעם מזרח-פראָנט. מיר זענען אָבער געווען איזאָלירט פון דער אויסערלעכער וועלט און האָבן נישט געוווּסט וואָס סע טוט זיך אויסערן לאַגער. און דאָך האָבן מיר אינגיכן אָנגעהויבן באַקומען נאַכריכטן. און ווי גרויס איז געווען אונדזער שטימונג, ווען די נאַכריכטן האָט אונדז אין אַן אָוונט געבראַכט „דאָס חזנדל“. ער האָט אונדז דערציילט אַז היטלערס חיילות האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה אויפן מזרח-פראָנט אין דער ריכטונג קורסק-אָריאָל און אַז די אַליִירטע האָבן געלאַנדעט אין סיציליע. די ידיעות האָט ער באַקומען פון אַ רומענישן אייזנבאַן אַרבעטער — „אַ גוטער מענטש און אַ גוטער חבר“ — לויט ס'האָט אונדז דערציילט דאָס „חזנדל“. ווי אַזוי און אין וואָס פאַר אַן אומשטענדן ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם רומענישן אייזנבאַן-אַרבעטער, איז פאַר אונדז פאַרבליבן אַ סוד.

אין די שיינע זומער-נעכט, ווען די לבנה און די שטערן פלעגן זיך אָפּשפּיגלען אין די אומרויִקע כוואַליעס פונעם בוג, ווען דער לאַגער איז געווען פאַרזונקען אין אַ מוראַדיקער שטילקייט און אין אַ געשטיקטן

צאָרן און פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן דער ריטמישער געקאָוועטער שפאַן פון די סאָלדאַטישע שטיוול, האָט דאָס „חזנדל“, דאָס צארטע מענטשעלע מיט די בלויע שעמעוודיקע אויגן, געזונגען א יידיש ליד און מיר פלעגן אין דער שטיל איבערגעבן איינער דעם צווייטן די לעצטע נעשעענישן פון די בלוטיקע טעג. שפּעטער איז אים געלונגען אויך דורך דעם גוטן רומענישן מענטש, אָנצוקניפּן פארבינדונגען מיט אייניקע קהילות פון רומעניע, און אין א געוויסער צייט ארום האָבן מיר פון זיי באקומען הילף. ווי אזוי די הילף איז אָנגעקומען אין לאגער אריין, איז געבליבן זיין סוד — דער סוד פונעם „חזנדל“, וואָס ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך אין קבר אריין.

די לאגע האָט זיך אלץ מער פארשארפט. די שיפלעך מיט פארוואונדעטע פאשיסטן פלעגן אלץ אָפטער פאראנקערן אינעם פאָרט ביים בוג. אין א זונטיק אינדערפרי האָט מען אונדז ארויסגעפירט פון די באראקן, געהייסן זיך אויסטון נאקעט און ביי אונדז געזוכט „געלט, גאָלד, אוהרן אונד ווערטפאָלע זאכן“. דער לאגער-פיורער העקעלע, וואָס איז נישט לאנג צוריקגעקומען פון א קורצן אורלויב אין „רייך“, איז געווען ווי אראָפּ פונעם זינען. ווייזט אויס ער האָט דאָרט דערשפירט אז סע גייט צו „קאפּוט“, האָט ער געשלאָגן און געממיתט אויף רעכטס און אויף לינקס. אין א טאָג, ביי אן אָפּעראציע פון „געלד, גאָלד, און ווערטפאָלע זאכן“, האָט ער געהייסן אויסגראָבן א גרוב און באפוילן באוואַרפן מיט שטיינער א יידן, וואָס האָט באהאַלטן א חופה-קידושין פינגערל, נישט אָפּגעגעבן עס די דייטשן. און אזוי איז אומגעקומען דער ייד דורך „סקילה“ — אינעם 43סטן יאָר פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט...

אין דעם זעלבן טאָג איז אין לאגער אָנגעקומען א לאסט-אויטאָ מיט זעלנער עס-עס.

ס'איז געווען א שיינער אָוונט פון ענדע אויגוסט 1943.

אין אונדזער באראק האָבן זיך אריינגעריסן דער לאגער-פירער און עטלעכע עס-עס זעלנער. זיי זענען צוגעגאנגען צום „חזן“ און אים געהייסן אראָפּגיין פונעם פריטש. „ער איסט דער שעף דער פינפטע קאָלאָנע“ — האָט דער לאגער-פירער געזאָגט צו די זעלנער. איינער פון זיי האָט אים א שטופּ געטאָן: „לאָז! לאָז!“. דער חזן האָט לאנגזאם געשפּאנט,

זיין פּנים איז געווען בלייך, נאָר די העל-בלויע אויגן האָבן געהאַט עפּעס א באַזונדערן שיין, געפינקלט מיט שטאָלענע רעפלעקסן. „לאָז! לאָז!“ א זעלנער האָט אים געשטופּט אין רוקן די קאָלבע פון דער ביקס. „לאָז!...“

און אויפאַמאָל האָט זיך איז דעם באַראַק צעקלונגען א מעלאָדיע, צוערשט האָבן מיר זי נישט פאַרשטאַנען, דערנאָך האָבן מיר מיט פאַר־כאַפּטע אָטעמס פון עמאָציע און שרעק דערהערט די אויפטרייסלדיקע אַקאָרדן פון א קדיש... „לאָז!“ א זעלנער האָט אים געשלאָגן מיטן געווער איבערן קאָפּ, ס'האָט אים באַגאָסן דאָס בלוט, נאָר דער קדיש האָט אָפּגעהילכט ווייטער נאָך שטאַרקער, נאָך מעכטיקער, האָט פאַרכאַפּט די אַרומיקע באַראַקן, דעם לאַגער. זיין עכאָ האָט אָפּ־געקלונגען ווייט איבער דעם אוקראַינישן סטעפּ, איבער דער בריק, איבער די הויכע קראַנען מיט די אויפשריפטן „קרופּ— שטאַלבאַו“, אויף וועלכע ס'האָבן ווי שוואַרצע שפּינען געהאָנגען פענדלעך מיט שוואַרצע האַקנ־קרייצן, איבער די כוואַליעס פונעם בוג וואָס האָבן זיך געוואָרפן צעטריי־סלטע פון די איבערגעלעבטע קאָשמאַרן.

... א קורץ שיסערייַ פון אויטאָמאַטן געווער, און א מורהדיקע שטיל קייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער וועלט.

*

אויפן וועג צוריק אין געטאָ האָבן מיר געביטן דעם צוג אין אָדעס. מיט א טאָג פריער איז פאָרגעקומען א מעדיצינישע אונטערזוכונג אין לאַגער. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון דריי דאָקטוירים: א רומענישער, א רוסישער און א דייטשישער. ס'האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי אין ערך דרייסיק מענטשן. איך בין געווען זייער שוואַך און אָפּגעצערט, הויט און ביין. דער רומענישער דאָקטער האָט אָנגעשטעלט דעם סטעטאָס־קאָפּ אויף מיין מאָגערער ברוסט און א זאָג געטון עפּעס דעם דייטש בלשון מעדיצין; דערנאָך האָט דער רוסישער דאָקטער זיך צוגעהערט צו מיין ברוסט און א שאָקל געטאָן מיט קאָפּ. דער דייטש וואָס האָט זיך געשפּילט מיט זיינע ווייסע הענטשקעס האָט א שפּיי געטאָן, כ'ווייס נישט, פאַר עקל, אָדער גלאַט אַזוי און איך האָב זיך צוגעשטעלט צו דער שערענגע פון די

וואָס טויגן נישט צו דער ארבעט. מע האָט אונדז תיכף אָפּגעפירט אויף דער רומענישער זייט, און אין דער באגלייטונג פון א זעלנער זענען מיר איינגעשטיגן, צו אונדזער גרויסער שטוינונג אין א פאסאזשירן-צוג. אויפן אָדעסער וואָקזאל איז שוין געווען צו באמערקן סמנים פון צערודערונג אויב נישט פון פאניק. מ'האָט געפילט אז דער פראָנט דערנענטערט זיך. ס'איז געווען א הארבסטיקער טאָג, מיר זענען געווען אויפן וועג צוריק קיין מאָהילעוו. דער צוג איז געווען איבערפולט מיט מיליטער לייט און ציווילע, סוחרים, ווייבער און גלחים. ביינאכט בין איך געשלאָפן צופוסנס ביי א גלח אויפן קולואר פונעם וואגאָן; אינדערפרי ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאפּט האָט ער מיר דערלאנגט א ווייס זעמעלע מיט פוטער...

קיין מאָהילעוו זענען מיר אָנגעקומען פארנאכט. דער זעלנער האָט אונדז איבערגעגעבן אין דער זשאנדארמעריע מיט א צעטל און מיר האָבן געווארט אין דרויסן. ס'איז צוגעפאלן די נאכט און ס'האָט זיך געזיפּט א דין רעגנדל. ענדלעך איז ארויסגעקומען אן אָפיצירל און האָט זיך צעשריגן:

— נו, וואָס ווארט איר, אויף קלעזמער? הייט, אהיים! יעדער אין זיין געטאָ! מארש!

— ווי אזוי-זשע, אדוני אָפיציר, גיט אונדז עפּעס א פאפירל, עפּעס אין דער האנט. דאָס אָפיצירל האָט פארפראלט די טיר און מיר האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן.

„נו, אויב גיין — איז וילך משה" — האָט זיך עמעצער אָנגערופן.

איך בין געווען דער איינציקער פון אונדזער געטאָ. האָב איך באטראכט מיינע צעריסענע שיך איבערגעבונדענע מיט שטריקלעך, גענומען „די פים אויף די פלייצעס" און ארויס אויפן שטראָז. איך האָב געשפּאנט אין דער פינצטערער הארבסטיקער נאכט און געטראכט: „א הפקר מענטש אין א הפקרדיקער צייט, שפּאנט אין פינצטערניש פון דער נאכט". און צום ערשטן מאָל נאָך א לאנגער צייט האָב איך זיך דערמאָנט אין גאָט, ווייל איך האָב געפילט די נויטווענדיקייט מיט עמעצן צו רעדן: „אוי גאָטעניו, גיב מיר כח איך זאָל איבערלעבן די נאכט און זאָל אָנקומען בשלום צוריק אין געטאָ, מיין מאמע ווארט אויף מיר דאָרט, איך בענק נאָך איר, גאָטעניו, גיב מיר כח".

און מײנע ליפּן האָבן אָנגעהויבן װי אַמאָל אין די קינדער יאָרן שעפּטשען קריאת שמע...

*

איך בין געגאַנגען איבער פעלדער און װעלדער, געשפּאַנט און זיך אָפּגעשטעלט בײַ די קופּעס מיט פרישׂ אויסגעגראָבענע בוריאַקעס, זיך געשטילט דעם הונגער מיט זײ און װײַטער געשפּאַנט, אויסמײַדנדיק ישובים, דערפער. אויף אַמאָל האָט מיך באַפאַלן אַ מורא, אַ פּחד און כ'האָב אָנגעהויבן לויפן, לויפן. פון דערװײַטנס האָט זיך געהערט דאָס בילן פון הינט, װײַזט אויס נאָענט צו אַ ישוב — האָב איך געטראַכט — און אומגעפאַלן אין אַ שאַנץ.

איך װײס נישט װיפל איך בין געלעגן אין שאַנץ, אויפגעװעקט האָבן מיך װײַבערישע קװיטשערײַען און דאָס יעכצן פון קינדער. פון ערגעץ האָט מען געשאָסן. „מע כאַפּט אויף ארבעט״—האָט מיר אַ שוידער געטאָן דאָס לײַב. איך האָב זיך פאַרזיכטיק ארומגעקוקט, ס'האָט געשאַריעט אויף טאָג, צװישן דעם לײַכטן נעפל האָב איך פון דערװײַטנס געזען אַ שורה שטיבלעך און מענער מיט באַנדעראָלן אויף די אָרבל. יאָ, ס'איז אַ שטעטל און מע כאַפּט אויף ארבעט. איך האָב זיך אויסגעצויגן אין שאַנץ, די קװיטשערײַען האָבן זיך אײַנגעשטילט, װידער גענומען „די פּיס אויף די פּלײצעס״ און געלאָפן. די צעריסענע שיך האָבן מיר געשטערט, האָב איך זײ אויסגעטאָן און אַװעקגעװאָרפן, װײַטער געלאָפן. אָפּגעשטעלט האָב איך זיך בײַ דער סטעזשקע װאָס פירט אין געטאָ בײַ דער װאַסער-מיל, נאָר צו קאַפּיטקאָן האָב איך מורא געהאַט ארײַנצוגײן.

דער ערשטער האָט מיך דערזען דער פעטער יואל. ער איז געשטאַנען בײַם ברעג טײַך און געקוקט איבער די פעלדער. מיר האָבן זיך צעקושט. ער האָט מיך געהאַלטן פעסט אין זײַנע אָרעמס „נו דאַנקען גאָט, צוריק-געקומען פון יענער װעלט״. ער האָט באַטראַכט מײַנע באָרװעסע, צעקאַליטשעטע פּיס: „נו, קום ארײַן, די מאַמע װײַנט און קלאָגט, און פערעלע״...
איך בין ארײַן אין שטיבל, די מאַמע איז שיעור געפאַלן חלשות. זי איז געװען גרײַז-גרוי, אויסגעדאַרט, אָן אַ צאָן אין מויל, די מומע פערעלע

א נעעלטערטע מיט קורץ געשוירענע האָר, נאָכן טיפוס. די קליינע רויזעלע האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די הענטעלעך. מיין צוריקקער אין געטאָ איז אָפּגעמערקט געוואָרן מיט א געוויין וואָס האָט אָנגעהאלטן א גאנצן טאָג.

פארנאכט זענען מיך געקומען זען מוסיע, יאשע, ציפּע די בעקערן. זיי האָבן מיר דערציילט אז די לאגע איז אן אָנגעשטרענגטע. די סאָוועטן „האָבן אָנגעפּויעט די פערד אין דניעפּער". פּארטיזאנען באווייזן זיך צו מאָל ביינאכט, און בייטאָג כאפּט מען אויף ארבעט. סע לויערן פארשידענע געפארן. איך האָב געפרעגט אויף שיקען, האָבן זיי מיר געזאָגט אז ער איז שווער קראנק. ער איז געווען אויף ארבעט ביים בוג, אין ווארוואראָווקע, אַן ערך 25 קילאָמעטער פון טריכאטי, מיר זענען געווען לאגער-שכנים און איך האָב נישט געוווסט. שיקע האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט צוויי וואָכן א קראנקער, א דערשימטערטער. עס-עס לייט האָבן אים געצוווּנגען אויפהענגען א יידן, וואָס האָט געפּרווּט אנטלויפן פונעם לאגער. מירעלע איז אין די הויכע חדשים, א שרעקלעכע לאגע ביי זיי זיך געשאפן.

שפּעטער זענען געקומען מיך זען מיינע בני-עיר: מנשה מלמד, אברהם-אהרן דער אמאָליקער „קראָטש" און הערשל, דער אמאָליקער „פּראָצענטיק". מנשה מיט זיין אויסגעקראָכן ציגן-בערדל איז געווען אן אָפּטימיסט: „ער וועט איינגעמען א מיתה משונה היטלער, ימח שמו, אמת מיר האָבן טייער באצאָלט, אָבער דאָס איז א גאָט זאך און אין זיינע דרכים איז שווער זיך אויסצעפּלאָנטערן... איר וועט זען, מירן זיך אומקערן אהיים, די שונאים אויף צו להכעיס, מירן נאָך טאנצן מיט דער תורה אין דער בלעכערישער שיל, טרינקען לחיים און צובייסן המן-טאשן און היטלער-טאשן"...

— נו, ווען מיר קענען צונויפשטעלן א מנין? האָט געפרעגט אברהם-אהרן.

— מיט גאָטס הילף, וואָ-דען, און נישט נאָר אין אונדזער שיל. ס'וועלן זיך מירצעשעם אראָפּיאווען אונזערע יידעלעך פון קאָפּאיגאָראָד, פון די פּראָנטן, פון די וועלדער, פון ראָסיי.

— פון דיין מויל און גאָטס אויערן — האָט אָפּגעקרעכצט אברהם-אהרן.

הערשל פּראָצענטניק איז געקומען מיט שייקע בעל-עגלהס ביידע יינגלעך. מיר האָבן מיט שטוינונג געקוקט אויף הערשלען, דעם קארגן, דעם שלעכטן, דעם הויט-רייסער: „צוויי הונדערטער פון א טויזנ-טער, נעמט ער דער כלב" — פלעגן זידלען יידן אין שטעטל — און איצט ער איז געקומען מיט די צוויי יתומים און זיך באריממ:

„איר זעט, איך האָב זיי געראַטעוועט דאָס לעבן, און אז גאָט וועט העלפן ס'וועט קומען די ישועה און ס'וועט מיר געשענקט זיין דאָס לעבן, גיב איך א נדר אז איך שראַב זיי איבער אָף מאַן נאָמען און וועל זיי שיקן לערנען, מאַכן פון זיי מענטשן, גראַמאָטנע מענטשן".

הערשל איז שטיל געבליבן א ווייל און דערנאָך צוגעגעבן: „שלמה המלך איז, ווייזט אויס, טאַקע געווען א חכם, ער האָט אין צוויי ווערטער אלץ ארויסגעזאָגט „הכל הבל", האָ?"

איך האָב א טראַכט געטאָן: „אויף וויפל האָט די קאַטאַסטראָפע גע-ענדערט מענטשלעכע כאראקטערן און באגריפן. אונדזער לעבן וועט אויף שטענדיק בלייבן צעטיילט אויף צוויי טיילן: „ביז דעם חורבן און נאָך דעם חורבן".

די נעכט זענען אוועק, נאָר הערשל איז געבליבן, מיט אונדז זיך גע-זעגנט, ארויסגענומען פון א טאָרבע א פּאָר שיך און זיי מיר דערלאַנגט:

— נאַ, נעם, כ'האָב געהערט ביסט געקומען א באָרוועסער, נעם און צעריים זיי געזונטערהייט. נעם, מירן זיך שוין אינדערהיים צערעכענען. האָ' ניט קאָ' מורא כ'וועל בא דיר קאַן פּראָצענט ניט נעמען...

איך האָב אָנגעטאָן די נייע שיך, ארוים און גלייך געגאַנגען צו שי-קען. געעפנט האָט מיר זיין מוטער, אַן אנגעהויקערטע, א דערשלאָגענע:

— ער איז שלאָף, ער האָט א גאַנצע טאָג זיך געוואָרפן און געשריגן פון היץ: „העגנט מיך! יידן העגנט מיך אויף! איך בין שולדיק! איצט איז ער אנדרימלט געוואָרן.

איך בין שטיין געבליבן אין מיטן שטיבל און ביי דער שוואַכער שיין פונעם קאַנעץ געזען שיקעס אָפּגעטויט פּנים. ער האָט שווער געדעכעט און גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן געטריפט אויף זיין ווייסן הויכן שטערן.

צופוסנס איז געזעסן מירע און שטילערהייט געוויינט. איך האָב זי ארומגענומען און זי האָט א שעפּטשע געטאָן: „ער האָט מיך היינט מער נישט דערקענט, פאַרוואָס איז אים דאָס געקומען?

— מירעלע, האָב איך געפּרוווט איר עפּעס זאָגן.

— ניין, ניין, זאָג מיר גאָרנישט, איך ווייס אז דאָס קינד וואָס איך טראָג אונטערן האַרץ וועט זיין א יתום...

ביינאכט איז שיקע געשטאָרבן. מיר האָבן אים געפירט צו זיין אייביקער רו איבער דער הילצערנער בריק, קיינער האָט אונדז נישט געשטערט. ביים אָפענעם קבר האָבן מיר געשווירן איטעדער אין זיך, א נישט ארויסגעזאָגטע שבועה: „נישט פארגעסן — נישט פארגעבן!"

אין א וואָך ארום, דעם 6סטן נאָוועמבער, האָט מירעלע געבוירן א מיידעלע. א נאָמען געגעבן האָט מען איר לויט שיקעס לעצטן ווונטש: טאניע.

אין דעם זעלבן טאָג האָט די רויטע ארמיי באפרייט קיעוו.

ס'איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. איך האָב זיך ארייגגעכאפּט אין מיל אריין. קאַפּיטקאַ איז נישט געווען. טערענטי, דער מילנער, האָט מיר געזאָגט אז ער איז פון עטלעכע טעג אין וואלד „ביי אונדזערע". די פּאָליציי האָט אים שוין געזוכט. ער האָט מיר איבערגעגעבן די לעצטע ידיעות פון „סאָוואינפאָרמביוראָ". די סאָוועטישע ארמיי זעצט פאָר די אָפענסיווע, אינגיכן וועלן פאָרקומען אנטשיידנדיקע געשעענישן אין אונדזער ראיאָן. „מע האָט אָנגעהויבן זאמלען געווער, מע דארף זיין גרייט, אָבער גלייכצייטיק, פאָרזיכטיק".

טערענטי האָט מיר געגעבן א טאָרבעלע גערשטן-מעל און איך האָב זיך אומגעקערט אין געטאָ. נישט ווייט פונעם שוחטס שטיבל האָב איך דערהערט א געשריי:

„שטיי"! איך בין שטיין געבליבן. הינטער מיר איז געשטאַנען לאָזער „זשערעבעץ". ער האָט אויף מיר געקוקט א וויילע מיט זיינע גרויע וואסערדיקע אויגן און האָט געשמייכלט מיט זיינע געלע, שיטערע ציין:

— פון וואנען גייסטו?

— געווען ביים טייך.

— ניין, ביסט געווען אין מיל.

— יאָ, געווען אין מיל.

— וועמען האָסטו געזוכט אין מיל, סטעפּאַן קאַפּיטקאָ, האָ?

— איך האָב קיינמאָל נישט געהערט אזא נאָמען, כ'בין געגאַנגען בעטלען אביסל מעל, זעסט ניט, מיר האָבן א קליין קינד לײַדט עס פון הונגער, האָט א פויער רחמנות געהאַט, געגעבן אביסל מעל.

לאָזער האָט ביי מיר אויסגעריסן דאָס טאָרבעלע און עס אויסגעשיט אין שניי. „און איצט קום מיט מיר, מע דאַרף מענטשן אויף ארבעט צום בוג".

איך האָב געמאַכט א זשעסט אויף צו אנטלויפן, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט מיט זיין שווערער האַריקער האַנט: „וואַרף דיך ניט, ווייל איך לאָז דיך איבער באַלד א טויטן". איך האָב זיך נישט געלאָזט און אים געשפּיגן אין פּנים אריין: „דו פּאַסקודניאַק, די כלב, דו פּאַשיסט, איך בין ערשט צוריק מיט עטלעכע וואָכן געקומען פונעם בוג".

ער האָט מיך מיטביידע לאַפּעס ארומגעכאַפּט ביים האַלדז, א פייף געטאָן און פון א ליקל איז געקומען צולויפן איינער פון זיינע „הינט-שלעגערס". זיי האָבן מיך ביידע געשלאָגן, צוגעשלעפּט ביז צום טויער פון דער אוקראַאינישער פּאָליציי און א צעמזיקטן מיך אריינגעוואָרפן אין הויף אריין. דאָרט זענען געווען נאָך עטלעכע צענדליק „געכאַפּטע" אויף ארבעט. איך בין געלעגן אין קאָרידאָר פון דער פּאָליציי און א טראַכט געטאָן וואָס שיקע האָט מיר אמאָל געזאָגט: „ווייסט — האָט ער מיר געזאָגט — דער פאַשיזם איז א מין מגיפה, וואָס פאַרפּעסטעט דורך אירע באַצילן צוערשט די צוריקגעשטאַנענע טייל, די „שוואַכע" טייל פון א פאָלקס-אָרגאַניזם, דערנאָך פאַרשפּרייט ער זיך ווייטער. אין דער מלחמה דאַרף מען א סוף מאַכן ניט נאָר מיט דער דייטשישער מיליטערישער מאַשין, מיטן היטלעריזם, נאָר מיט דעם פאַשיזם אין אלגעמיין, אין וואָס פאַר א פאָרעם ער זאָל זיך ניט אויסדרוקן. מיר דאַרפן באַשיצן אויך דאָס יידישע פאָלק פון דער מגיפה." איך האָב געלאַכט: „וואָס רעדסטו, שיקע, דו שפּאַסט, וואָס הייסט יידישער פאַשיזם? ס'א נאַרישקייט".

איצט ווען איך בין געלעגן אין פינצטערן קאָרידאָר האָב איך זיך דערמאָנט אין שיקעס רייד און געטראַכט: „יידישער פאַשיזם? אפשר

ניין, אין די אומשטענדן איז שווער זיך אַרויסצוזאָגן, אָבער יידישע פּאַשיסטן, דאָס הייסט בעלנים אָפּצוטון א שמוציק שטיקל ארבעט, יאָ, דאָס זענען די „לאָזערס" מיט זייערע הינטשלעגערס. אויף יעדנפאלס דארפן מיר באשיצן אויך אונדזער פאָלק פון דער מגיפה".

ביינאכט האָבן פון דערווייטנס זיך דערטראָגן טויבע ארטילעריע דונערן. מיר זענען געלעגן אין קאָרידאָר און ס'האָט זיך אונדז געדאכט אז מיר הערן די שענסטע סימפאָניע, די דערהויבנסטע מוזיק וואָס מיר האָבן אמאָל געקאָנט הערן אין אונדזער לעבן.

אינדערפרי האָט מען אונדז פריי געלאָזט, שוין נישט געווען וועמען אונדז צו שיקן.

איך האָב געטראָפן די מאמע א פארפרוירענע ביים טויער פון דער פּאָליציי. זי איז געשטאנען א גאנצע נאכט און געווארט, מיך געוואָלט נאָך איין מאָל זען, ווייל אויסהאלטן נאָך אַן עקספּעדיציע צום בוג וואָלטן נישט איך און נישט זי מער געקאָנט אויסהאלטן.

קאלטע ווינטן האָבן געבלאָזן איבערן סטעפּ, ס'האָט זיך געדאכט אז די געטאָ שטיבלעך וואקלען זיך ווי שיפלעך אויף א אומרואיקן טייך. מיר האָבן אָבער נישט געפילט די קעלט, ס'האָט אונדז געווארעמט די האָפענונג. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט. די קאנאָנאדע האָט געדונערט אָן אויפהער. פּארטיזאנען האָבן כמעט יעדע נאכט געמאכט „א באזוך" אין געטאָ. איך האָב אפילו באקומען א גרוס פון מוסיען, ער איז געווען מיט קאָפּיטקאָן אין וואלד. אין א נאכט האָט ער באזוכט מירען, איבערגעגעבן דורך איר מיר זאָלן זיין גרייט. אין מיל געפינט זיך באהאלטן געווער, אָבער פאָרזיכטיק דארף מען זיין, ווייל דייטשישע איינהייטן האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקציען פונעם בוג, און אויפן וועג פון זייער ריקצוג געפינט זיך אויך דאָס געטאָ. ניסן שוחט האָט געהאט א „סעקרעט" אונטערן אויוון, אָבער נישט מער ווי פאר פיר מענטשן, האָבן מיר געטראכט זיך ראטעווען ביי ציפּע דער בעקערן אין קעלער, דער פּלאן איז אָבער געווען אַן אילוזאָרישער. מיט געווער אין האנט האָבן מיר זיך אלע געוואָלט פארטיידיקן, אָבער מיר האָבן נישט געטאָרט אויף זיך נעמען דאָס אחריות, דערצו האָט מען באדארפט האָבן א ספּעציעלן באפעל פונעם „וואלד".

דעם 18טן מערץ 1944, פֿאַרטאָג זענען דער סטאַראָסטע מיקיטע און דער שעף פֿון דער אוקראַינישער פּאָליציי אַוועק פֿונעם געטאָ. צוריק מיט צוויי טעג האָט אָפּגעטרעטן די זשאַנדאַרמעריע. מיר זעען אַרויס איבער די געטאָ-געסלעך. לאָזער „זשערעבעץ״, וועמען זיינע באַלעבאָטים האָבן איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט, האָט זיך אַרויסגעגנבעט פֿונעם געטאָ איבערן טייך און זיך געלאָזט צום שאָסיי; חברה האָבן אים נאָכגעיאָגט, געכאַפּט פֿון יענער זייט מיל און צוריקגעבראַכט אין געטאָ. ער איז אין הוילן קאָפּ געשטאַנען אין מיטן דער גאַס און ס׳האָט פֿון אים גערינען דער שווייס. עמעצער האָט אים דערלאַנגט מיטן פֿוס אין בויך און ער איז אומגעפֿאַלן; ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, געקניעט און געהויבן די הענט אין דער לופֿט: „האָט רחמנות, רחמנות, כ׳האָב צוויי קינדער״ ... עמעצער האָט אים דערלאַנגט איבערן פּנים, ער איז ווידער געפֿאַלן און דאָס בלוט האָט אים אַזעץ געטאָן פֿון דער נאָז.

פֿון יענער זייט בריק האָבן זיך באַוויזן צוויי רייטערס. זיי האָבן אָפּ-געשטיגן און איך האָב געזען אַז איינער פֿון זיי איז מוסיע, דער צווייטער אַן אומבאַקאַנטער. דער אומבאַקאַנטער, אָנווייזנדיק אויפֿן צעבלוטיקטן לאָזער, האָט אַ געשריי געטאָן: „אָפּשטעלן״! לינטשן? ניין! קיינער האָט קיין רעכט דאָס צו טאָן. נעמט פֿאַרשפּאַרט אים אין קעלער פֿון דער גע-וועזענער פּאָליציי, דערנאָך וועט ער פֿאַר זיינע מעשים פֿאַרענפֿערן, אָבער אויף אַ לעגאַלן אופֿן״.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען. דערנאָך האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט אויף אַ באַראַטונג ביי ציפּע דער בעקערן אין דער היים, באַקומען דירעק-טיוון פֿונעם „וואַלד״ דורך מוסיען און דעם אומבאַקאַנטן. ווי נאָר סע וועט צופֿאַלן די נאַכט, זיך תיכף באַוואָפֿענען. געוועזער איז פֿאַראַן אין מיל. טערענטי דער מילנער וועט עס אַרויסגעבן. געוועזער וועט באַקו-מען איעדער וואָס קאָן האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט. אַ דייטשישע איינ-הייט וועט ביינאַכט מאַרשירן דורכן געטאָ, נישט עפֿענען קיין פֿייער אויב די פֿאַשיסטן וועלן נישט אָנגרייפֿן. שפּעטער אין אָוונט וועלן די פּאַרטיזאַנער פֿאַרנעמען פּאָזיציעס לענגאויס דעם טייך. דעם אָנגריף וועלן זיי סיגנאַליזירן דורך אַ ראַקעטע.

פֿאַרנאַכט האָבן זיך שאָטנס געשלייכט צו דער מיל. מ׳האָט געטיילט ביקסן און פּאַטראָנען. איך האָב גענומען צוויי ביקסן, פֿאַר מיר און פֿאַרן פֿעטער יואל. שפּעט אין אָוונט איז אָנגעקומען אַ דייטשישע איינ-

הייט און פֿארנומען פּאָזיציעס אין געטאָ. זיי זענען געווען באוואָפֿנט מיט מאשין-געווער און קוילנווארפֿערס. זייערע הייזעריקע קורצע באפֿעלן האָבן געגרילצט אין דער נאכט. איבערן געטאָ האָט זיך אראָפּגעלאָזט א מוראדיקע שטילקייט.

*

דער שאָס פֿון א ראקעטע האָט פֿאר עטלעכע רגעים שוואך באלויכטן די בערגלעך ארום דעם טייך און תיכּף האָט אָנגעהויבן פֿון אלע זייטן א שיסעריי. אונדזער גרופּע אָנגעפֿירט פֿון אורטשיק קצב און א יונגן אוקראַינער האָט פֿארנומען פּאָזיציעס לעבן דער חרובער שיל און געעפֿנט א פֿייער אין דער ריכטונג פֿונעם שפּיטאָל און פֿונעם קלויסטער ווו די דייטשן האָבן זיך פֿארפֿעסטיקט. די פֿאשיסטן האָבן געענטפֿערט מיט א האָגל פֿון פֿייער. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער נאסער ערד און געפֿילט ווי זי ציטערט אונטער אונדז פֿון דער שווערער קאַנאָנאדע. לעבן מיר פֿון איין זייט איז געלעגן דער פֿעטער יואל, ער האָט געדינט אין מיליטער און די ביקס האָט ביי אים „גערעדט", די האנט האָט אים נישט געציטערט. אין דער צווייטער זייט לעבן מיר איז געלעגן א יונג מיידל, איך האָב זי אָפּטמאָל באמערקט אין געטאָ. זי האָט געקוקט ווי איך מוטשע זיך מיט דער ביקס און זיך א ווייצל געטאָן: „מיט מיידלעך ביסטו אויך אזוי פֿאַרזיכטיק?" ..

זי האָט מיר אויסגעשטרעקט איר קליין הענטל: „זשעניע". אין עטלעכע ווערטער האָט זי מיר געגעבן צו פֿארשטיין ווי אזוי גיין מיט דער ביקס כּדי זי זאָל מיך פֿאָלגן: „אָט אזוי, איצט דריק זי צו פֿעסט צום אקסל, א קוועטש אויפֿן צינגל און א טויט די שונאים"...

דאָס שיסעריי האָט אונדז פֿארטויבט, די קוילן האָב געסוויטשעט ביי אונדזערע אויערן. איך האָב געשאָסן און די מורא האָט מיר געוואָרגן אין האלדז. איך האָב געוואָלט זיך פֿארשטעלן די אויגן און די אויערן, נאָר איך האָב זיך געשעמט, און קודם-כּל,פֿאר זשעניען... איך האָב באטראכט דאָס צארטע חנוודיקע מיידעלע,מיט די קורץ געשוירענע האָר און א טראכט געטאָן אז זי האָט אין זיך עפּעס פֿון שיינדעלען, עפּעס פֿון טאניען און אפֿילו פֿון זינען: גרויסע גרינלעכע אויגן, א פֿארריסן חוצפּהדיק נעזל, דעליקאטע פּנים שטריכן...

איך האָב זי אַ פרעג געטאָן ווער און פון וואַנען זי איז. זי האָט זיך צעלאַכט: „טאַקע דער ריכטיקער מאָמענט אויף צו דערציילן אויטאָביאָ־גראַפיעס, ... נאָר מיינע איז אַזאַ קורצע, אַז ביז איך לאָד אָן די ביקס קען איך דיר דערציילן...

זי איז געבוירן אין אַן אוקראַיניש שטעטל, געענדיקט פאַר דער מל־חמה די מיטל־שול, געוואָלט לערנען אין אינסטיטוט, איז אויסגעבראָכן די מלחמה; דער פאָטער אויפן פראָנט, די מוטער און אַ שוועסטערל אין אַ לאַגער, ווייסט פון זיי גאָרנישט. געכאַפּט אויף אַרבעט קיין טולטשין, אַנטלאָפן; געוואַנדערט איבער פעלדער און וועלדער, אָנגעקומען אַהער אין געטאָ...

איך האָב איר געוואָלט אין עטלעכע ווערטער דערציילן מיין ניט פיל לענגערע ביאָגראַפיע, נאָר אַ קורצער באַפעל האָט אונדז געהייסן פאַרלאָזן די פּאָזיציע און זיך צוריקציען אויף יענער זייט טייך, ווייל מיר זענען געווען אין געפאַר אַרומגערינגלט צו ווערן פון די היטלעריסטן. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און געשווינד זיך געלאָזט צום טייך. די דייטשן האָבן באַלויכטן מיט ראַקעטעס דעם ברעג און מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין געדיכטן אָטשערעט, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן. לעבן מיר, זשעניע. אינסטינקטיוו האָבן מיר זיך אָנגענומען ביי די הענט און גע־לאָפן אינאיינעם. און מערקווירדיק, פּאַראַדאָקסאַל, אין אַ מאָמענט פון גרעסטן געפאַר, ווען דאָס לעבן האָט געהאָנגען אויף אַ האָר, האָב איך געפילט דאָס וואַרעמקייט פון זשעניעס האַנט, אַ וואַרעמקייט וואָס האָט מיר ניט נאָר געגעבן מוט צום ווייטערדיקן קאַמף, נאָר האָט מיך אויך געמאַכט פאַרשטיין אַז איך וועל זיך מיט איר קיינמאָל נישט צעטיילן. און איך האָב בסוף אפילו געטרוימט און געגאַרט צו דער שעה ווען מיר וועלן זיין אינאיינעם. „יאָ, אַ קאָמפּליצירטע, אַ מיסטעריעזע איז די מענ־טשלעכע נאַטור" האָב איך אַ טראַכט געטאָן ווען מיר זענען אַריבער דאָס טייכל, ביזן גאַרטל אין קאַלטן וואַסער.

אויפן אַנדערן ברעג איז געווען די פּאָזיציע פון די פּאַרטיזאַנער, אָנגעפירטע פון חבר וואָליקי און סטעפּאַן קאַפּיטקאָ. געווען אויך מוסיע און יאַשע צווישן זיי. מיר האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט, קיין צייט פאַר סענטימענטאַליזמען איז אָבער נישט געווען.

דאָס שיסערייִ האָט זיך געשטאַרקט און דער חבר וועליקי האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן ביים אַקסל: „לייג זיך! גיט כדאי אין אַזאַ מין טאָג צו שטאַרבן ... מיר דאַרפן העלפן באַפרייען דאָס געטאָ, דאָרט זענען פאַראַנען הונדערטער מענטשן, זיי זענען אין אַ גרויסער סכנה. מיר מוזן האַלטן די היטלעריסטן אין שאַך ביז אונדזערע רעגולערע אײנהײטן וועלן קומען — זיי זענען נאָענט — און ניט געבן די רוצחים די מעגלעכקייט זיי זאָלן אין לעצטן מאָמענט פאַרניכטן דאָס געטאָ".

איך האָב אָנגעלאָדן די ביקס און ס'האָט מיך פאַרקלעמט דאָס האַרץ: אין געטאָ איז געווען די מאַמע, די מומע פערעלע, רייזעלע ... זיי זענען געווים אַראָפּ אין ניסל שוחטס „סעקרעט" פון אונטער דעם אויוון. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן פעטער יואל, אויף זיינע גרויסע פויערישע הענט וואָס האָבן פעסט געדריקט די ביקס צום אַקסל און איך בין זיכער געווען אַז ער טראַכט צו דעם זעלבן, צו די פאַרבליבענע אין געטאָ. ער האָט זיך צו מיר אויסגעדרייט און אַ שעפּטשע געטאָן:

— האַ, וואָס ס'הייסט אַ מלחמה, דריי הונדערט שפּאַן ביז צו ניסל שוחטס שטיבל און דאָס פייער צעטיילט אונדז פון אונדזערע ליבע. נאָר אפשר וועט דער אייבערשטער העלפן, אויב ניט אין אונדזער זכות, איז אין זכות פון אונדזערע פרומע עלטערן ...

ס'האָט געשאַריעט אויף טאָג און דאָס פייער האָט נישט אויפגעהערט. אַ שאָטן האָט זיך אַרויסגעראַטשקעוועט אויפן ברעג פונעם טייכל. אַ פאַרטיזאַנער האָט אויף אים אָנגעצילט די ביקס: „שטיי"! ער איז שטיין געבליבן און איך האָב מיט שטוינונג דערזען מנשה מלמד. ער איז געווען נאַס ביזן גאַרטל, דאָס פּנים פאַרשמירט מיט בלאָטע. ער האָט געפּאָכעט מיטן שטעקן אין דער לופטן: „קינדער, די דייטשן האָבן אַריבערגעשיקט אַ גרופּע אווטאָמאַטשיקעס איבערן טייך צום „סאָווכאָז" צו, זיי וועלן אייך פאַלן אין די פּלייצעס" ...

דער חבר וועליקי האָט אים געדריקט די האַנט, געדאַנקט און געגעבן די געהעריקע באַפעלן.

איך בין צו אים צוגעגאַנגען: „ר' מנשה, צו וואָס האָט איר דאָס געטאָן? איר האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן".

— עט — האָט ער געענפערט — איך האָב גאָרנישט אַנגעשטעלט. כ'האָב מיר אויסגעלעבט די יאָרן מיט די טעג, האָב איך מיר געזאָגט:

מנשה, גיי, אפשר וועסטו ראטעווען עטלעכע יונגע לעבנס. בין איך געקומען, ווי זאָגט מען עפּענען „דעם צווייטן פראָנט". מיינסט, כ'ווייס ניט וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט? און פאַרגעסט ניט, איך בין טאקע א מלמד, אָבער א סאָלדאט בין איך געווען, פינעף יאָר געדינט ביי ניקאָלייען ימח שמו איז ער געוואָרן; נו, קיין ביקס אין דער האנט קען איך ניט האלטן, אָבער א קאפּיטל תהילים קען איך זאָגן און בעטן גאָט פאר אייערע יונגע לעבנס מעג איך אויך...

אין דער רגע האָבן אָנגעהויבן דונערן הארמאטן, מיר האָבן געמיינט אז סע שפּאלט זיך די ערד. דער חבר וועליקי האָט געפּאָכעט מיט דער ביקס אין דער לופטן:

— קינדער, דאָס געטאָ איז געראטעוועט, די רויטע ארמיי איז דאָ! און איצט איבערן טייך אין געטאָ! נעמען דעם שונא אין קלעם און אים פאר-ניכטן!

מיר האָבן זיך א לאָז געטאָן אין געטאָ צוריק איבערן טייך, ס'האָט געהאָלט מיט פייער. ערגעץ האָט אויסגעבראָכן א שריפה. צווישן די קרו-מע ליקלעך זענען געלאָפן רויטארמייער אין לאנגע שינעלן, מיט אווטאָ-מאטן אין די הענט. עטלעכע טויטע דייטשן האָבן זיך געוואלגערט לעבן דער חרובער שיל. אויפן קלויסטער האָט א געהאָנגען א ווייסע שמאטע, די דייטשן האָבן זיך אונטערגעגעבן. דאָס שיסעריי איז שטילער געוואָרן, נאָר פון יענער זייט טייך האָבן געשאָסן די פאשיסטן וואָס האָבן זיך פארפעסטיקט אין „סאָווכאָז". א פארבלאָנדזשעטע קויל האָט געטראָפן סטעפאן קאָפּיטקאָ; ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און א ריטשקעלע בלוט האָט אים גערינען פונעם מויל. מיר האָבן אים אריינגעטראָגן אין דער חרובער שיל, דער חבר וועליקי האָט אים פארמאכט די אויגן און איבערגעדעקט מיטן מאנטל. מיר זענען ארויס. גרופּעס דייטשן זענען געשטאנען מיט די הענט אין דער הויך, זייער פריערדיקע חוצפה איז אנטרונען, איינער פון זיי האָט געמורמלט צווישן די ציין: „היטלער קאפּוט"...

— נו, חבר וועליקי, וואָס טוען מיר מיט זיי? א קויל אין קאָפּ איעדן און פארטיק געוואָרן, הא?

— ניין, חברה, מיר זענען נישט קיין פאשיסטן, און אויב צווישן די דייטשן איז פאראן אפילו איינער, וואָס האָט געקעמפט קעגן זיין ווילן, טאָרן מיר קיין איינעם פון זיי נישט טייטן.

— יאָ, איר פּרעדיקט וואָס אבֿרהם אָבֿינו האָט געפּרעדיקט אין סדום, חבֿר וועליקי, אָבער דער רבונו של-עולם האָט אים נישט געפּאָלגט און האָט סדום פאַרניכטעט. פאַרוואָסזשע זאָלן מיר די איצטיקע סדום'ער שאַנעווען?

— ווייל מיר האָבן אַן אַנדערע מאָראַל, אונדזער מאָראַל, איר פאַר-שטייט, און מיר ווילן זיך פון איר נישט אָפּזאָגן.

דאָס שיסעריי האָט אויפגעהערט, די פאַשיסטן פונעם סאַוואָז האָב-זיך אונטערגעגעבן. פון די ליקלעך האָט מען געטראָגן טויטע און פאַר-וווּנדעטע, איבערן געטאָ האָט געהאָנגען אַ וואָלקן מיט רויך. מיר האָבן זיך געאײלט צום שוחטס שטיבל. לעבן ציפּע דער בעקערנס שטיבל האָבן מיר דערזען שייקע בעל-עגלהס יינגעלעך, די יתומים. זיי זענען געזעסן און באַוויינט הערשלען דעם געוועזענעם פּראָצענטניק: „ער איז אַרויס אין דרויסן — האָבן זיי געכליפּעט — אַרויס, געוואָלט מיט עפּעס העלפן, ער האָט מיטגענומען אַ פלאַש סאַמאָהאָן, געוואָלט טרינקען לחיים מיט די באַפרייער"...

הערשל איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, זיין שווערער גוף איינגעקאָר-טשעט, די פינגער איינגעקלאַמערטע אין דער נאַסער בלאָטיקער ערד. לעבן אים, דאָס פלעשל בראָנפן.

מיר זענען אַריין אין שוחטס שטיבל. די מאַמע איז צו מיר צוגעפאַלן מיט אַ געוויין.

— וויין נישט, מאַמע, זעסט, מיר זענען לעבן געבליבן, וויין נישט, איך בעט דיך. איך האָב זי אַרומגענומען מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער, זשעניען: מאַמע — האָב איך אַ זאָג געטאָן — זי איז זשעניע...

*

דער וועג האָט זיך געשלענגלט אויף מערב, קיין מאָהילעוו, צום דניעסטער, אהיים, אהיים... איך האָב געשפּאַנט מיט זשעניען פאָ-ראויס, נאָך אונדז די מאַמע, דער פעטער יואל, די מומע פערעלע מיט ריי-זעלען אויף די הענט; מירעלע מיט דער קליינער טאַניע אויף די הענט און איר שוויגער, און ווייטער, די שיטערע שערענגע לעבנגעבליבענע יידן נאָך

די טויזנט טעג פּיין, יסורים, הונגער און שרעק. אינדערפרי האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן אלטן בית-עולם פונעם געטאָ, מיט די ברידער-קברים, וואָס האָבן באהאלטן אין זיך אזויפיל פארלוירענע שטעטלעך ... דערנאָך האָבן מיר זיך געזעגנט מיט ניסן שוחט, מיט דער שוחטקע און זייערע קינדער. זיי האָבן געוויינט און מיר אויך. דער אויסגעטרוקנטער, פאַרגליווערטער טרערן-קוואל האָט זיך ווידער א לאָז געטאָן, דווקא איצט אין די באפרייאונגס טעג ... מיר האָבן זיך געזעגנט מיט ציפּע דער בעקערן, מיט אנדערע מענטשן פונעם געטאָ, יידן און נישט-יידן, ווונדערבארע מענטשן — מיט קאַפּיטקאָס אלמנה, מיטן אלטן מילנער און אנדערע וואָס האָבן אונדז געהאָלפן בעת-צרה נישט נאָר מיט א גוט וואָרט, נאָר מיט מעשים, ניט איינמאָל ריזיקירט זייערע לעבנס פאר אונדז אין א צייט ווען ס'האָט זיך גערעכנט אז אלץ איז פארלוירן, אלץ איז פארשפּילט.

מיר האָבן געשפּאנט אונטער די זונענשטראלן איבער דאָרפישע וועגן מיט באגרינטע פעלדער. פרילינג. אונטערן הויכן בלויען הימל זענען געפלויגן שערענגעס מיט פייגל, צוריק צו זייערע אלטע נעסטן. מיר שפּאַנען דאָס מאָל אויך צו אונדזערע אלטע נעסטן, אָבער מיט פארקלעמטע הערצער. מיר קוקן זיך ארום, זעען אונדזער שיטערע שערענגע און דערמאָנען זיך אין די קאָלאָנעס יידן פונעם זומער 1941.

...איך שפּאַן מיט זשעניען, האלט זי פעסט ביי דער האנט און הויב אָן רעציטירן:

„פרילינג — באנייונג.
פרילינג — באפרייאונג,
פרילינג — אין דרויסן,
אויפן הארצן — ניט גאָר ...

— סארא פערזן זענען דאָס, פרעגט זי מיך.

— געווען אמאָל ביי אונדז אין שטעטל א פּאָעט, וואָלף „פּאה" האָט מען אים גערופן, ער האָט געטראָגן לאנגע פּאות, שפּעטער האָט מען אים געגעבן א צונאָמען „צעדרייטער". ער איז שטארק אָרעם געווען, און ווי זאָגט דאָס אוקראַינישע ווערטל: „פארוואָס איז ער אָרעם — ווייל ר'איז א נאר, פארוואָס איז ער א נאר — ווייל ר'איז אָרעם". האָב איך

זיך דערמאָנט אין זיינע פּערזן. ווי מיינסטו, זשעניע, מיר וועלן נאָך אַמאָל געניסן פון אַן אמתדיקער פרילינג-פרייד? וועט אונדזער דור פון יונגע מענטשן זיין באמת גליקלעך?

— יאָ, איך מיין אַז יאָ, און נישט דערפאַר ווייל דער מענטשלעכער-זכרון איז אַ קורצער, פאַרגעסן טאָר מען גאָרנישט און מירן נישט פאַר געסן, נאָר רעכט אויף גליק האָבן מיר, מיר האָבן דאָס רעכט זיך פאַר-דינט אַלס מענטשן און אַלס יידן.

— יאָ זשעניטשקע, מיר האָבן אָבער נאָך אַ פליכט ...

— איך ווייס, איך ווייס, מיר האָבן אַ פליכט, אַ גרויסע הייליקע פליכט, פאָרצוזעצן דעם קאַמף, ווייל די מלחמה האָט זיך נישט געענדיקט, סע גיסט זיך נאָך בלוט, די ישועה איז נאָך גיט קיין גאַנצע, נאָר אַ טייל-ווייזע. און אַזוי לאַנג סע גיסט זיך נאָך בלוט, איבערהויפּט אומשולדיק בלוט, דאַרפן מיר פאָרזעצן דעם קאַמף, און ווער ווייסט, אפשר וועלן מיר אים דאַרפן פאָרזעצן אויך נאָך דעם, ריין מאַכן די פאַרפעסטעטע אַטמאָספערע פונעם פאַשיזם—פאַר אונדז, פאַר דער קליינער רייזעלע, פאַר טאַניעטשקען, פאַר אונדזערע קינדער, פאַר די קינדער פון דער פּלאַ-נעטע. נאָר דער קאַמף, מיין איך, קומט נישט אין ווידערשפּרוך מיט אונדזער גליק, נאָר פאַרקערט—דער קאַמף און די פליכט אונדזערע איז אַ באַשטאַנד טייל פון אונדזער צוקונפטיקן גליק.

פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען צום דניעסטער. אונטערן בלויען הימל איז אַן עסקאַדרילע אוויאָנען געפלויגן אויף מערב.

מיר האָבן זיך געלייגט אויפן קאַלטן גראָז. פון דערווייטנס האָט זיך צעשפּילט אַ האַרמאָשקע. לאַסט מאַשינען מיט רויטאַרמייער האָבן זיך געאיילט אויף מערב. זיי זענען געלאָפן אין דער נאַכט איבערן דניעס-טער. בינטלעך שטערן האָבן געפינקלט צווישן לייכטע, ווייסע, שווימענ-דיקע וואָלקנדלעך. דער פעטער יואל האָט אונטערגעצונדן אַ פייערל, זיינע אויגן האָבן געגנישטערט אין דער טונקעלער נאַכט. „ער קוקט אויף צפון זייט, האָב איך געטראַכט, ער זעט מסתם דאָס דאָרף, זיין גאָרטן, זיין פעלד״.

מנשה מלמד האָט זיך צוגערוקט צום שייטערל:

— נו, קינדער, נאָך אביסעלע, אביסעלע, זענען מיר אין דערהיים. טוט א קוק, איך האָב אייך געזאָגט, אָט האָבן מיר כמעט צוויי מנינים ייִדן, הא? ...

ער איז שטיל געבליבן, זיך ארומגעקוקט און ביים שיין פון עם שייטערל האָב איך געזען טרערן אין זיינע אויגן..

— יאָ, יאָ, איך האָב געוואָלט זאָגן, מיר זענען אזוי ווייניק געבליבן, נאָר דאָס איז שוין א גאָט זאך, און כאָטש אונדזער בראָך איז אזוי גרויס, זענען מיר אָבער ניסים אויכעט. קוקט איך בין געבליבן לעבן, דער על־טסטער צווישן אייך און די יינגסטע צווישן אונדז איז די קליינע טריי־נעלע. קוקט זיך צו און מאכט א חשבון: איך מיט מיינע קאַרגע פיר טוי־זנט וואָכן — און זי מיט אירע קנאַפּע פיר טויזנט שעה לעבן — איז דאָס אפשר, מן השמים? נו, אין טאקע, טאקע שייקע בעל־עגלהס יתומים, אפשר איז מיר באַשערט ווייטער צו זיין א מלמד? ..

— נו, און וואָס טוטן מיט די צוויי יתומים?

— איך נעם זיי צו מיר, האָט זיך אויפגעכאַפּט אברהם־אהרן „קראַטש“. ייִדן, איך נעם זיי צו מיר. וואָס קוקט איר אַף מיר אזוי, איך בין ניט קאַן „קראַטש“, און בין קיינמאָל געווען קאַן „קראַטש“. אמת, דער יצר־הרע צו געלט איז געווען בא מיר א גרויסער, נאָר קאַן קראַטש בין איך ניט גע־ווען. דעם צונאָמען האָט אויסגעטראַכט אסתר־צירל די „קורעלאָפּניטש־קע“ — זאָל זאן ווייט אָפּגעשיידט — מיינע רייד זאָלן איר ניט צו שווער זאן ...

— ניין, אברהם־אהרן — האָט דער פעטער יואָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ — די צוויי יינגלעך וועל איך נעמען, כ'וועל זיי נעמען אין דאָרף אריין, מירן זיי דאָרטן אונטערפּילעווען, זיי וועלן אונטערוואַקסן, דערנאָך וועלן מיר זען.

דאָס שייטערל האָט זיך אויסגעלאָשן. דאָס ווינטל האָט צעטריבן די כמארעס און מיר זענען אנטשלאָפן געוואָרן אונטערן אויסגעשטערנטן הימל אויפן ברעג פון עם דניעסטער.

אויפגעוועקט האָבן אונדז די ערשטע שטראַלן פון דער זון און דער „אָבאָז“, די פורגאָנעס וואָס זענען נאָכגעפאָרן די באטאליאָנען, וואָס האָבן זיך געאיילט איבערן טייך אויף מערב. מיר האָבן זיך אויסגעראָסטעט

פונעם שלאָף און זיך נעגריים אין וועג אריין, נאָר אויף אמאָל,האָט מנשה מלמד אָנגעהויבן שרייען: „קינדער, קינדער, אָט גייען אונדזערע, אונדזערע יידעלעך פון קאָפּאיגאָראָד. איר זעט, א דריי מנינים... נו, וואָס האָב איך איין געזאָגט? איר געדענקט? הא? איצט זעט איר אז מנשה איז א שטיקל נביא, הא?“...

די שערענגע יידן האָט זיך אָפּגעשטעלט. יידן פון אונדזער שטעטל. מיר זענען א וויילע שטיין געבליבן, באטראכט איינער דעם צווייטן,ווי באַשע-פעניש געקומענע פון אן אנדערער וועלט, דערנאָך האָבן מיר זיך אויסגעמישט, געאָרעמט, זיך געקושט און געוויינט. אנטקעגן מיר איז געשטאנען א יונגערמאן מיט איינגעפאלענע באקן באוואקסענע מיט גרויע קויטיקע האָר, דער קאָפּ גרוי. מיר האָבן זיך דערנענטערט, ער איז מיר געווען אזוי קענטלעך, איערבהויפּט זיינע גרויסע, שווארצע אויגן..

„שלמה! האָב איך אויסגעשריגן, שלמה „קראסאוועץ“, דער געוועזענער מנהל פון„השומר-הצעיר“ אין אונדזער שטעטל...“מיר זענען א לענגערע צייט געשטאנען, נישט געקענט ארויסרעדן א וואָרט...

שלמה האָט איבערגעריסן די שטילקייט: „נו, וואָס האָסטו בדעה צו טון? וווהין גייסטו“?

— וואָס הייסט וווהין? אהיים, אין שטעטל אריין.

— אין שטעטל אריין? דאָס הייסט ביי דיר אהיים? האָט שלמה פארריסן דעם קאָפּ. אין פארלוירענעם שטעטל צווישן די טויטע שאָטנס אין ארץ-הדמים? ניין, איך גיי מיר מיין וועגס. איך האָב מיר מיין באזונדערן וועג.

— וואָס רעדסטו,שלמה? איך מיין אז מיר האָבן איצט איינעם און דעם זעלבן וועג און איינע און די זעלבע פליכט, א הייליקע פליכט, ווייטער קעמפן, צעשמעטערן דעם בלוטיקן שונא פונעם יידישן פאָלק, פון דער גאנצער מענטשהייט — דעם פאשיזם. וווהין ווילסטו גיין אליין, פארוואָס זיך אָפּטיילן פון דער עדה?

— ניין! איך וועל גיין אליין, דאָס שרעקט מיך ניט. געדענקסט דאָס לידל: „איך בין געוווינט צו גיין נאָר בארג ארויף“? איך וועל גיין בארג ארויף, ביז צום שפּיץ, כ'וועל עולה זיין, איך וועל אויך קעמפן, אָבער מיין קאמף איז א באזונדערער, מיין אייגענער, פארשטייסט? און מיין

פליכט איז א באזונדערע. איך האָב מיין אייגענע פליכט לגבי מיין פאָלק און איך וועל זי אויספילן..

איך האָב ארויפגעלייגט די האנט אויף זיין אקסל און טיף ארייננעקוקט אין זיינע שווארצע אומעטיקע אויגן:

— ניין, שלמה, איך בין מיט דיר נישט מסכים. טו ווי דיין געוויסן באַפעלט דיר, אָבער אונדזערע וועגן צעשיידן זיך דאָ ביים טייך. איך וועל צוערשט זיך אומקערן אין פארלוירענעם שטעטל, כ'וועל שפאנען איבער זיינע פוסטע, טויטע געסלעך און זיך דערמאָנען. איך וועל ארייינקוקן אין אונדזער שטיבל און אין דיינעם; איך וועל אָנקלאַפּן אין לאָדן ביי יאָסל בעקער, דאָרט ווו איך פלעג אָנקלאַפּן שיינדעלע זאָל ארויסקומען; איך וועל ארויפגיין דורכן אלטן מארק, ווו די פארעפיטקעס פלעגן פארקויפן זייער סחורה און זייערע וועטרלעך; איך וועל ארייינקוקן אין אמאָליקן חדר, און אין דער גימנאזיע; איך וועל ארייננגיין אין דער בלעכערישער שיל, דערנאָך זיך אָפּשטעלן אין בולוואר, אויף דער אלעע ווו איך האָב מיט שיינדעלען שפאצירט; איך וועל זיך אָנדעכען מיט דער דאָרטיקער לופט, מיט דער לופט פון די זכרונות; איך וועל ארויסגיין פונעם בולוואר און זיך אָפּשטעלן אין ווינקל ביי יונהס שענקל, ווו שייקע בעל-עגלה איז געשטאנען מיט זיין פאַעטאָן, דערנאָך וועל איך אראָפּגיין דורך דער „ניינטער גובערניע“, ביז צום גרויסן טייך, צו דער אלטער פעסטונג, צום בראָווער... איך וועל שפאנען איבער די פוסטע געסלעך און רעדן מיט די שאָטנס, דאָס הייסט מיט זיך אליין; אָפּשטעלן א זעלטענעם פאָרבייגייער, אים אויספרעגן; האלדזן און קושן יעדן צוריקגעקומענעם, געראטעוועטן יידן, זיך באווייזן פאר פריינט נישט-יידן און פאר שונאים: „אָט בין איך דאָ“! און אפילו ארייינפאָרן אינעם דערפל ווו מיר האָבן אמאָל געוווינט, ארייננגיין צו זינעו, זאָל זי זען אז איך האָב זיך אומגעקערט און איך דארף זיך נישט פארשטעלן פאר בושה דאָס פנים ווי דעמלט... איך וועל גיין אויפן בית-עולם מיט פרישע בלומען צו די אלטע מצבות פון אייגענע און טייערע, צום זיידן יחיאל, צו דער באָבע מאלי-רחל... נאָר צוערשט וועל איך גיין מיט דער סטעזשקע וואָס פירט צו די ווינט-מילן, צום „פוילן טייך“. כ'וועל זיך אָפּשטעלן א לענ-

נערע צייט. איך וועל זיך צוקוקן צום גרינעם סאמעט פונעם גראָז, באוואקסן מיט געלע בלימעלעך. די בלימעלעך זענען שוין מסתם רויטע איצט, זיי האָט געקאָרמעט דאָס בלוט פון די געפאלענע, דעם פעטער אריהס, מאיר־וואָלף דעם טרעגערס, מענדל דיפלאָמאַטס בלוט, דאָס אומשולדיקע בלוט פון די געפאלענע אין יענעם הייסן זומער־טאָג פון יולי 1941.

מיינע ליפן וועלן נישט שעפטשען קיין קדיש און נישט קיין אל־מלא, זיי וועלן שעפטשען די שבועה וואָס מיר האָבן אָפגעגעבן אין געטאָ: „נישט פארגעסן!" — נישט פארגעבן!" ...

... פון דערווייטנס האָבן זיך צעשפילט הארמאָשקעס. פורגאָנעס האָבן זיך געשלעפט נאָך די באטאליאָנען וואָס האָבן זיך געאיילט אויף מערב.

שלמה" קראסאוועצעס" סילועט איז פארשוונדן אין א וואָלקן מיט שטויב.

קאלישמאנעשט. 18 סעפטעמבער

א שיינער, ליטערער, הארבסטיקער טאָג. די העפטן מיט מיינע זכרונות ליגן אין רענצל. היינט אינדערפרי האָב איך געמאכט דעם באנאזש, 5 אזייגער פארנאכט האָב איך דעם צוג קיין בוקארעשט. ס'דאכט מיר אויס כ'בין שוין זינט יאָרן פון דער היים. אפשר איבער די זכרונות וואָס האָבן מיך געטראָגן מיט פערציק — פופציק יאָר צוריק.. איך שטעל מיר פאָר די באגעגעניש מיט מיין משפחה, מיט מיין אייניקל, איבערהויפט: „וואָס האָסטו מיר געבראכט זיידע?" .. איך וואַרט שוין קוים ...

יאָ, די העפטן ליגן אין רענצל, אָבער די זכרונות בלייבן טיף פארקריצט אין הארצן, אין מח, זיי ליגן אין מיין בלוט ... נאָר איך האָב זיי צוליב געטאָן, און איך פיל זיך טאקע לייכטער. אפשר וועלן זייערע נשמות טאקע האָבן א תיקון? ...

איצט גיי איך אראָפ זיך געזעגענען מיטן וואלד, מיט די בערג, מיטן באליבטן גרינעם אינדזעלע אויפן טייך אָלט. מיט זיי האָב איך דאָך געטיילט מיינע סודות און זכרונות אין די לעצטע דריי וואָכן.

לעקטאָר: חיים גאָלדענשטיין
טעכנישער רעדאַקטאָר: שטעפאַן לעפּאָיעוו

דערשינען אין 1986
פאָרמאַט: 16/50×80
טיפּאָגראַפישע בויגן: 15
פארלאַג־בויגן: 10,462
באַשטעלונג נומער: 886

פּאָליגראַפישע אונטערנעמונג
„13טער דעצעמבער 1918״ בוקארעשט
סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע

LEO SCHADACH

# ORĂŞELUL PIERDUT

(roman în limba idiş)

EDITURA KRITERION
BUCUREŞTI 1986